STEVEN SPIELBERG DIGITAL YIDDISH LIBRARY
NO. 08441

FUN GOLAN BIZ SHARM A-SHEYKH

Mendel Mann

NATIONAL YIDDISH BOOK CENTER
AMHERST, MASSACHUSETTS

NATIONAL YIDDISH BOOK CENTER
AMHERST, MASSACHUSETTS
413 256-4900 | YIDDISH@BIKHER.ORG
WWW.YIDDISHBOOKCENTER.ORG

•

MAJOR FUNDING FOR THE
STEVEN SPIELBERG DIGITAL YIDDISH LIBRARY
WAS PROVIDED BY:

Lloyd E. Cotsen Trust
Arie & Ida Crown Memorial
The Seymour Grubman Family
David and Barbara B. Hirschhorn Foundation
Max Palevsky
Robert Price
Righteous Persons Foundation
Leif D. Rosenblatt
Sarah and Ben Torchinsky
Harry and Jeanette Weinberg Foundation
AND MEMBERS AND FRIENDS OF THE
National Yiddish Book Center

•

The *goldene pave*, or golden peacock, is a traditional symbol of Yiddish creativity. The inspiration for our colophon comes from a design by the noted artist Yechiel Hadani of Jerusalem, Israel.

The National Yiddish Book Center respects the copyright and intellectual property rights in our books. To the best of our knowledge, this title is either in the public domain or it is an orphan work for which no current copyright holder can be identified. If you hold an active copyright to this work – or if you know who does – please contact us by phone at 413-256-4900 x153, or by email at digitallibrary@bikher.org

מענדל מאַן

✶

פון גולן ביז שאַרם אַ-שייך

מענדל מאַן

פון גולן ביז שארם א-שייך

פארלאג י.ל. פרץ ישראל
תל-אביב, תשל״ג - 1973

MENDEL MAN

From Golan to Sharm A-Sheikh

מענדל מאַן / פון גולן ביז שאַרם אַ-שייך

©

הוצאת י. ל. פרץ, רח' אלנבי 31, תל-אביב

31, ALLENBY ST., TEL-AVIV
I. L. PERETZ PUBLISHING HOUSE

נדפס בישראל תשל"ג
PRINTED IN ISRAEL 1973

סידור: משה חמיאל   הדפסה: „חבצלת", הרצליה
TYPESETTING: MOSHE HAMIEL   PRINTING: "HAVATZELET", HERZLIA

אינהאַלט

הקדמה — שר משה קול 7

די אייביקע שטאָט 9
דער אייביקער ניגון 18
די גולן־הויכקייט 27
אין גליל 35
איילבערטביימער 44
בית שאן 53
באַנייונג פון געשיכטע 62
אין די בערג פון חברון 71
מענטשן און פלאַנצן 79
ביים כנרת 88
אין קיסריה 96
יאַזור 105
פון סאַלאַמע ביז יפו 114
אין אַלטן יפו 123
פון סדום ביז יריחו 131
יידן און אַראַבער 140
דער נגב 149
אין מדבר סיני 156
שאַרם אַ־שייך 163
דער נייער דור 172
דער ריח פון בליענדיקע פרדסים 181

הקדמה

עס איז גוט וואָס אַ יידישער שרייבער פון אונדזערע טעג האָט אין יידישן לשון באַזונגען נישט נאָר דעם מענטש פון ישראל, זיין גבורה און אויסדויער, נאָר אויך די לאַנדשאַפט פון ישראל. פאַר אונדז ליגט דער ספר פון מענדל מאַן וועלכן ער האָט געשריבן בעת זיינע צוויי באַזוכן אין לאַנד. ער האָט מיט טריישאַפט צום אמת, מיט ליבשאַפט, מיט אַן אָפן אויג און אַ פילעוודיק האַרץ געזען ישראל, איר לאַנדשאַפט, דעם מענטש און קאָנפראָנטירט אַלץ מיט דער אוראַלטער יידישער געשיכטע און מיט דער פאַרגאַנגענהייט פון דעם טראַגישן נעכטן אין מזרח-אייראָפע.

בעת עס איז דערשינען אין פאַרלאַג פון הקיבוץ המאוחד אין יאָר תשי״ד מענדל מאַנס ראָמאַן „בכפר נטוש״ און מיט אַ יאָר פאַר דעם אין פאַרלאַג פון „עם עובד״, תשי״ג, אַ באַנד דערציילונגען „אדם באהל״, האָט די קריטיק אין לאַנד באַצייכנט דעם מחבר ווי איינעם פון די „אַנטדעקער פון ישראל-פּייזאַזש״. זייט יענער צייט האָט מענדל מאַן אַרויסגעגעבן זיין באַרימט-געוואָרענע מלחמה-טרילאָגיע: „ביי די טויערן פון מאָסקווע״, „ביי דער ווייסל״ און „דאָס פאַלן פון בערלין״ ווי אויך אַנדערע ווערק, איבערגעזעצטע אין די וויכטיקסטע וועלטשפּראַכן.

זיין ליידנשאַפט און זיין קינסטלערישער כוח ליגט אָבער נאָר אין דער פאַרבינדונג פון יידישן מענטש מיט דער לאַנדשאַפט פון ישראל. לעבנדיק צייטווייליק אין פאַריז, שרייבט ער פיל סיפורים אינספּירירטע פון דער ישראלדיקער רעאַליטעט.

די רעפּאָרטאַזשן, וועלכע הייבן זיך אָן מיט דער אייביקער שטאָט ירושלים און פירן אונדז צו די הויכקייטן פון גולן דורך

גליל און דערנאָך דורך שרון ביזן נגב און פון נגב ביז שאַרם אַ-שייך, זענען פּאַקטיש קינסטלערישע דערציילונגען אין וועלכע עס דאָמינירט די וואַרהאַפטיקייט פון אונדזער צייט און די קענטעניש פון דער ישראלדיקער לאַנדשאַפט.

מען דערזעט בעסער די מענטשן פון לאַנד, די עולים און די אַלט-איינגעזעסענע. מענדל מאַן דרינגט אַפילו אַריין אין דעם אַראַבישן פּראָבלעם שילדערנדיק פאַר אונדז זיינע באַזוכן אין יריחו און חברון.

בלויז די נעמען פון די קאַפּיטלען זאָגן שוין פיל: „מענטשן און פּלאַנצן", „דער ריח פון בליענדיקע פּרדסים" „איילבערטן", וכדומה.

עס איז ביז גאָר וויכטיק וואָס דער מחבר פון דעם בוך דערזעט ישראל אין די פאַרשיידנסטע אַספּעקטן: יידן און אַראַבער, דער נייער דור, די אייביקע שטאָט ירושלים און די עולים, וועלכע זענען געקומען מיט איבער צוואָנציק יאָר צוריק, די אַמאָליקע איינוווינער פון די עולים-ישובים ווי לוד, רמלה און יאַזור און ער ווייזט ווי אַזוי זיי האָבן זיך פאַרוואָרצלט אין לאַנד. ער אנטפּלעקט פאַר אונדז דעם נייעם דור פון די גראַטע-וועטע פון מזרח-אייראָפּע.

שלום אַש האָט אַריינגעפירט אין דער יידישער ליטעראַטור, דער ערשטער, „דאָס געזאַנג פון טאָל". ערגעץ אין דעם בוך זיינעם זאָגט ער, אַז „צו ישראל דאַרף מען האָבן טאַלאַנט". מענדל מאַן איז מיט זיין ווערק צוריקגעקומען קיין ישראל און באַוויזן אַז ער האָט דעם טאַלאַנט פאַר אַנטפּלעקן די פּראַכט פון ישראלדיקן פּייזאַזש און דעם וווּנדער פון ישראלדיקן מענטשן.

איך פריי זיך וואָס דאָס בוך דערשיינט צום פינף און צוואָנ-ציקסטן יאָרטאָג פון מדינת ישראל. דאָס איז אַ מתנה צום יום-טוב פון מענדל מאַן פאַר דער מדינה.

משה קול
שר התיירות

די אייביקע שטאָט

די הרי־יהודה ליכטיקן נאָך בעת אין שרון צינדן זיך שוין די לאַנגע שורות פייערלעך לענגויס די וועגן. דאָס איז אַן אומגעוויינטלעך אַרעאָל־ליכט, וואָס שטראַלט אַרויס פון די בערגראַנדן מילדע, געשליפענע, און אַפילו פון די נידערונגען — פיאָלעט־בלאָלעכע.

דער וואָגן מיינער לויפט איבער וועגן ברייטע, פיר־פאַכיקע און איך זוך די אַלטע איילבערטן און די סיקאָמאָרן, די ברונעמער, די פאַרוואָרלאָזטע זייטיקע קעמל־שטעגלעך, וואָס האָבן געפירט פון יפו קיין לוד און רמלה — און קען זיי מער נישט געפונען. מעכטיקע בולדאָזערן האָבן דאָ אויפגעריסן פעלדזן, מיט האַמערקלעפּ האָט מען געשפּאָלטן שטיינער, מען האָט פאַר־שיט טאָלן און אויסגעגלייכט בערג, כדי צו לייגן די סאַמע נייעסטע אויטאָ־טראַסן קיין ירושלים.

עס מיניען פאַר מיינע אויגן שטיינברוכן מיט קופּערנע אָדערן, טונ־קעלער גראַניט און קורקאַר. ס׳ליגן אין דער זייט קיזלשטיין־שפּליטערס און צווישן דעם שטיינברוך וויל נישט אויסגיין אַ פאַרגעסענער ווײַנשטאָק־קוסט און אַן איילבערט, וואָס האָט אַראָפּגעבייגט זיין קרוין, אַזוי ווי ער וואָלט געוואָלט אָוועקגעבן זיין דורכזיכטיקן שאָטן דעם אויפגעריסענעם שטיין־פעלדז.

— אָט דאָ — זאָג איך צו זיך אַליין — האָב איך געהערט די געשיכטע פון תימנער מיידל אביגיל און עס באַשריבן אין מיינס אַ דערציילונג.

עס איז געווען אין דער צייט בעת מען האָט אין די יהודה־בערג געפּלאַנירט אַ ישוב פאַר די עולים, וועלכע זענען געקומען נאָך דער אַנטשטייונג פון דער מדינה. אַ יונגן אַרכיטעקט האָט מען געשיקט ווי אַן אויפזעער ביים גראָבן אַ מאָדערנעם וואַסער־ברונעם פאַרן דאָרף, וואָס וועט אַנטשטיין.

נאָך וואָס האָט מען דעמאָלט געדאַרפט אַן אַרכיטעקט, בעת הונדער־טער טויזנטער האָבן געוווינט אין צייטווייליקע ביידלעך? אַ פּקיד פון סוכנות האָט געפּסקנט: אַן אַרכיטעקט! „דאָס איז דאָך דאָס זעלביקע ווי אַן אינזשיניער און אַן אינזשיניער איז דאָך כמעט אַ ספּעציאַליסט אויך אין וואַסער־אויסגראָבונגען?" אַזוי איז מיין פריינד אָנגעקומען אין די בערג פון יהודה; כדי צו זיין דער אויפזעער איבער אַ מאַשין, וואָס האָט געבויערט די ערד און דאָ האָט ער געטראָפן דאָס תימנער מיידל אביגיל, וואָס איז אים געוואָרן דערנאָך פאַר אַ ווייב.

אפשר זאָל איך אָפּשטעלן דעם וואָגן און אַריינפאָרן אין דעם דאָרף, וואָס געפינט זיך נישט ווייט פון דעם שאָסיי?

איך זוך די קליינע הייזער וועלכע זענען געשטאַנען אויף בעטאָן־עמודים אַזוי ווי צעוואָרפענע אויפן ראַנד פון אַ באַרג און קען זיי נישט געפינען.

וואָס איז געוואָרן פון מיין פריינד, אַלעקסאַנדער, דעם אַרכיטעקט?

איז נאָך אביגיל אַזוי שלאַנק און אירע אויגן זענען נאָך אַזוי גרויס און טיף ווי דעמאָלט?

איידער איך האָב באַוויזן אָנצונעמען אַ באַשלוס איז דער וואָגן מיט אַ גיכקייט דורכגעלאָפן דעם ישוב, וואָס איך האָב אים שוין מער נישט דערקענט, וואָרעם די אַמאָליקע הייזלעך זענען געשטאַנען זייטיקע פאַר־שעמטע און אויף דעם סאַמע רוקן פון צווייי בערג האָב איך אָנגעזען אַ שורה דריי־און פירשטאָקיקע געביידעס.

*

די הרי יהודה האָבן מיך געלאָקט מיט זייער פּראַכט. איך האָב זיי באַשריבן מיט יידישע ווערטער און געוואָלט זיי אַנטפּלעקן דורך יידיש.

נישט איין מאָל האָט זיך מיר אויסגעדאַכט, אַז איך זע זיי, אין די פּאַרטאַגן, ווען די זון האָט אָנגעהויבן אויפהייבן זיך פון דעם פּאַרטאַגיקן נעפּל, ווי די בערגשפּיצן שווימען צוזאַמען מיט די נעפּלען צו דעם ים, כדי צו קילן זייער קופּער־גליענדיקע קרוינען און זיי לאָזן שווענקען פון די ים־כוואַליעס.

אין ירושלים ליכטיקט נאָך, כאָטש אין די טאָלן איז שוין אָוונט.

בעת מיר האָבן זיך אויפגעהויבן אויף דער העכסטער הויכקייט און עס האָט זיך פאַר מיר אַנטפּלעקט די פּאַנאָראַמע פון ירושלים און איך האָב געזען פאַר זיך און אַרום זיך די ווייטן, האָב איך געשעפּטשעט צו זיך די תנ״כישע רייד:

„און גאָט האָט געגעבן צו ישראל דאָס גאַנצע לאַנד, וואָס ער האָט געשוואָרן צו געבן זייערע עלטערן; און זיי האָבן עס באַאַרבעט און זיך באַזעצט דערין. און גאָט האָט זיי באַרוט פון רונד אַרום. אַזוי ווי אַלץ, וואָס ער האָט געשוואָרן זייערע עלטערן, און קיינער פון זייערע פיינט איז נישט באַשטאַנען פאַר זיי; אַלע זייערע פיינט האָט גאָט געגעבן אין זייער האַנט“.

איך וויל נישט ווערן באַהערשט פון געפילן, וואָס דערוואַכן אין מיר מיט דער אַמאָליקער ייִנגלישער פרייד בעת איך האָב דאָס ערשטע מאָל זיך דערוווּסט, אַז מיר זענען געווען אַ גרויס פאָלק און געהאַט אונדזער לאַנד.

איך באַמי זיך צו זיין ניכטער, קוקן מיט אָפענע אויגן, מיט שׂכל הישר אויפנעמען אַלץ וואָס איך זע און אַלץ וואָס איך הער.

עס איז אָבער נישט מעגלעך, ווייל די דאָזיקע בערג קען איך פריִער ווי איך האָב געקענט די בערג פון דעם לאַנד אין וועלכן איך בין געבוירן געוואָרן, און פריִער נאָך ווי איך האָב באַוויזן אויפצונעמען די לאַנדשאַפט, וואָס האָט מיך אַרומגערינגלט בעת איך בין געגאַנגען אין חדר אַריין. טאָ ווי אַזוי קען מען זיין אַזוי ניכטער בעת איך ווייס, אַז די תפילות פון מיינע זיידעס זענען געווען געווענדעט צו די בערג און צו דער שטאָט ירושלים, וואָס איך וועל באַלד דערגרייכן?

*

אויף אַ הויכקייט, פאַרן אַריינפאָרן קיין ירושלים, האָב איך געבעטן אָפּצושטעלן דעם וואָגן. איך בין אַרויס, כדי צו זען ווי עס לעשט זיך דאָס טאָגליכט און עס לויכטן אָבער נאָך אַלץ די מילדע וועלבונגען פון די הרי־יהודה.

„גבעון, און רמה, און בארות, און מצפה, און כפירה, און מוצא, און רקם, און רפאל, און תראלה, און צלע, אלף און דער יבוסי — דאָס איז ירושלים — גבעת קרית, פערצן שטעט מיט זייערע דערפער. דאָס איז די נחלה פון די קינדער פון בנימין לויט זייערע משפחות".

איך בלעטער אין געאייל מיין קליין תנ"כל און לייען ביים אוונטיקן ליכט שורה נאָך שורה: „האָבן זיי געהייליקט קדש אין גליל, אין דעם געבערג פון נפתלי, און שכם אין דעם געבערג פון אפרים, און קרית־ארבע — דאָס איז חברון — אין דעם געבערג פון יהודה. און פון יענער זייט ירדן, ביי יריחו צו מזרח, האָבן זיי אָפּגעגעבן בצר אין מדבר אין דעם פלאַכלאַנד, פון שבט ראובן, און ראמות אין גלעד, פון שבט גד, און גולן אין בשן, פון שבט מנשה".

באַלד וועלן מיר זיין ביי די איינגענג פון ירושלים. איך שפּיר אַ יום־טובדיקייט אין זיך און אַרום זיך. אַלע זאָרגן טרעטן אָפּ. אַלע פּחדים פאַרשווינדן און אַ נשמה־גרעליטערטקייט מאַכט מיך רויק און גלייביק. איך ווער מיט יעדער רגע, וואָס דער וואָגן דערנענטערט זיך קיין ירושלים, נאָענטער אויך מיט מיינע אבות, מיט מיינע זיידעס, מיט מיין יינגלשאַפט, וואָס איז פאַרגאַנגען ערגעץ ווייט פון דאַנען אויף דער ערד פון מלכות פוילן. אָבער איבער אַלעם וואַכט דאָס וואָס איז אייביק — דער גאָט פון ישראל וואָס זיין הויך דערהייבט זיך איבער דער אייביקער און געהייליקטער שטאָט ירושלים.

*

ירושלים השלימה — די שטאָט וואָס איז שוין מער נישט פאַרצוימט מיט שטעכלדראָט, מיט בעטאָן־געשטעלן פון וועלכע עס לויערן אירע פיינט. אַ פרידלעכע שטאָט, אָן אָפּענע פאַר דער גאַנצער וועלט, פאַר אַלע וועלכע קומען דאָ אָהער צו זייערע הייליקייטן, באַגעגנט דיך מיט ליבשאַפט.

איך אָטעם טיפער איין דעם ריח פון די בליִענדיקע איילבערטן, פון ציפּרעסן און פון דער ירושלימער לופט. אַ קיל פאַרנאַכטיק ווינטל נעמט מיך אַרום. איך וועל נאָך באַווייזן אָנצוקומען צו דער צייט צום כותל מערבי. איך וויל דאָרט זיין בעת מען וועט דאַווענען מנחה.

עס איז גוט צו באַטראַכטן די שטיינער פון דער וואַנט וואָס אין אָוונט. זיי זענען אַנדערש ווי ביי טאָג. בעת די איבערשטע שיכט פון דער מויער איז נאָך באַגילדעט — בלאַט דער אונטערשטער טייל פון געשטיין מיט אַ פּאַס־פּאַר־בלאָקייט און מען זעט־אָן יעדן שטיינצייכן, יעדן שפּאַלט און עס לויכטן אַרויס פון די שטיינראַנדן די איינגעוויקלטע צעטלען, וואָס הענט האָבן מיט ציטער און פאָרכט דאָ אַוועקגעלייגט.

איין פּאַפּירל איז אָפן, נישט פאַרוויקלט און עס איז געשריבן אין יידישן לשון. „אַלמעכטיקער, איך בין דאָ געווען און געבעטן פאַר מיינע עלטערן, וואָס האָבן נישט זוכה געווען צו באַרירן די הייליקע שטיינער. פאַרגעס זיי נישט. אברהם־יעקב און פרומע, געבוירענע אין קאָרעץ און דאָרט אומגעקומען". דאָס פּאַפּירל פלאַטערט אין מילדן ווינטל און וועט אפשר באַלד אַוועקגעטראָגן ווערן צו די הייכן, וואָרעם עס רייסט זיך אַזוי ווי עס וואָלט געווען אַ פלאַטערל, וואָס זוכט דאָס ליכט.

שלמה המלך, וואָס האָט געלאָזט פירן די צעדערן פון לבנון ; די פייגל וואָס זינגען שירה און רופן זיך איבער מיט אַ געצוויטשעריי, זענען דאָך שלמה המלכס פייגל, וואָרעם ער האָט דאָך פאַרשטאַנען זייער לשון. די טריט פון די נביאים. זייער צאָרנדיק קול פאַר גערעכטיקייט און די יונגע יידישע בחורים, וואָס האָבן געוואָלט באַפרייען די יידישע אלטשטאָט פון די אַראַבער, וועלכע האָבן זי אַרומגערינגלט.

אַזאַ שפּרינג פון דער יידישער געשיכטע ? אַזאַ אויסמישעניש פון תנ"ך מיט היינטצייטיקייט ? דאָ, אין ירושלים, ביי די שטיינער פון כותל איז די אַלטע און נייע געשיכטע איין גאַנצקייט. צייט איז נישט דער עיקר. דער עבר און דער עתיד זענען אַזוי באַהאָפטן, אַז מען קען זיי בשום אופן נישט אָפּטיילן.

דאָ איז די אייביקייט דאָמינירנדיק און די אייביקייט איז נישט בלויז דער היסטאָרישער נעכטן נאָר אויך דער היינט. שיכט איז אָנגעוואַקסן אויף שיכט אַזוי ווי די ווענט, אַזוי ווי די ערד, אַזוי ווי דער געשטיין.

דער אונטערשטער טייל מויער איז פון בית מקדש, אַ שיכט פון בית שני און דערנאָך פון די רוימער, פון די קרייצצוגלער, פון די אַראַבער וועלכע האָבן זי באַהערשט און פון די טערקן וועלכע האָבן אַרויפגעצויגן דעם לעצטן שיכט. און די שפּליטערס פון ווענט, און די סימנים פון קוילן — דאָס איז פון דער אומאָפּהענגיקייטס־מלחמה. דאָ מישן זיך אויס די שפּורן פון די יידן־קעמפער קעגן רוים און קעגן די ענגלענדער, קעגן די אַראַבישע לעגיאָנען.

דאָ האָט געקעמפט דאָס יינגל פון וואָלין וועלכן איך האָב אויסגעפונען אין אַן אוקראַיניש דערפל בעת דער צווייטער וועלט־מלחמה און וואָס האָט שוין קיין מאָל נישט געטראַכט, אַז ער וועט ווערן צוריק אַ ייד. ער איז געקומען פון ציפּערן גלייך צו די הגנה־פּאָסטנס, וועלכע האָבן זיך געגרייט דורכצורייסן אין בלאָקירטן ירושלים מיט אמוניציע, מיט שפּייז.

אַזאַ אויסמיש פון געשיכטע! אַזאַ באַהעפטיקונג פון גורלות אַזאַ באַגע־געניש פון יידן פון אַלע עדות און פון אַלע גלותן!

*

ווער קען דען באַשרייבן דעם עפּאָס? ווער דען קומען דער קינסטלער, וואָס וועט אַנטפּלעקן פאַר דער וועלט די אומגעווינטלעכע געשיכטע פון אייביקן ירושלים?

דאָס אַלץ וואָס איז ביז איצט געשריבן געוואָרן איז דאָך נאָר אַ ברוכ־טייל, נאָר עפּעס, וואָס זעט אויס צו זיין אומבאַהאָלפן אַנטקעגן דעם וואָס די שטאָט האָט דורכגעלעבט, איבערגעלעבט און וואָס עס האָבן זיך אָפּגע־טאָן אין אירע מויערן און אויסער אירע מויערן.

דאָס יידישע אַלט־ירושלים איז אין חורבות. איך בין געגאַנגען איבער אירע געסלעך און געבענטשט דעם שטויב, וואָס איז געפאַלן אויף מיר פון די שטעגן און וועגן. איך האָב געשפּירט ווי פון די וויסטענישן דערוואַכט זי, די יידישע אַלטשטאָט.

דערוויל איז זי נאָך פֿאַרשוועכט. די הייזער צעשטערט. די געסלעך אויפגעריסן און צעגראָבן, מיט איינגעפֿאַלענע הייזער. אָבער עס רוישן בולדאָזערן. מען הערט די האַמערקלעפּ פֿון אַן אומאויפהערלעכער אַרבעט. עס ווערן צום אַלעם ערשטן אויפגעריכט די שולן. באַלד וועט מען שוין קענען דאַווענען אין דער אוראַלטער שול וואָס וועט זיין פֿאַרבונדן מיט נאָך דריי, אָדער פיר בתי־תפילות. מען באַצירט שוין די ארונות־קודש, געבראַכטע פֿון די ווייטסטע גלותן. מען מאָלט שוין די ווענט און מען באַגילדעט שוין די אָרנאַמענטן. „די חורבה״־שול וועט אויך אויפגעבויט ווערן. מען זעט שוין די ערשטע צוריקגעקומענע תושבים, וועלכע האָבן זיך באַוויזן צו ראַטעווען בעת די יאַרדאַנישע לעגיאָנערן האָבן באַלד נאָכן אַנטשטיין פֿון ישראל פֿאַרנומען דעם יידישן פערטל פֿון ירושלים.

עס טראָגט זיך פֿון אַ ישיבה דאָס געזאַנג פֿון די תורה־לערנער און דער מנהל פֿון דער ישיבה רעדט צו מיר אַ ברוקלינער יידיש.

עס שטייט שוין די ישיבה פֿון די חב׳דער. אַרום איז וויסט, די לאַסט־וועגענער זענען געלאָדנט מיטן ירושלימער שטיין. אַרבעטער אין קאַפּלען טראָגן רידלען. פֿון אַן אָפֿן פֿענצטער הערט מען עברית מיטן סאַברישן סלענג און יידיש לשון. אַן אַמעריקאַנער טוריסט שטייט אויף אַ בערגל און ווישט זיך דאָס פּנים פֿון שוויס. איך גיי צו נאָענטער און זע אַז ער טוט תּפילה. צענדליקער שולקינדער פֿון אַ קיבוץ זענען געקומען אויף אַן אויספֿלוג. זיי טראָגן אַלע בלאָע טעמבעלס און קורצע כאַקי־הויזן. עלף און צוועלף יאָריקע קינדער, וועמענס עלטערן האָבן זיך געשלאָגן אין אַלטשטאָט. זיי ווילן זען ווי אַזוי זי דערוואַכט פֿון חורבות.

די בויונג גייט אָן און עס איז אַ פֿרייד צו זען מיט וויפֿל פּיעטעט מען באַמיט זיך אַלץ צו רעסטאַווירן און איינצוהאַלטן דעם אַמאָליקן אַרכי־טעקטאָנישן כאַראַקטער פֿון די געסלעך צוגעבנדיק, פֿאַרשטייט זיך, בייע מאָדערנע באַקוועמלעכקייטן און אַפּהיטנדיק דערביי דעם סטיל, וואָס איז אַזוי אייגן געווען דעם יידישן קוואַרטאַל.

✶

בעת איך בין געפאָרן קיין בית־לחם, האָט מיך דער שאָפער פאַרפירט צו אַ געוועזענעם מיליטערישן לאַגער פון די יאָרדאַניער, וואָס האָט זיך געפונען אין אַ טאָל, באַשיצט פון אַלע דריי זייטן פון בערג און די פערטע זייט, די אָפענע, איז געווען געווענדעט צו ירושלים. עס זענען אין דעם מיליטערישן לאַגער איינגעשטאַנען ביי אַ דריי טויזנט יאָרדאַנישע זעלנער. איצט זעט מען אָן נאָר די ווענט פון די באַראַקן. ווי נאָר מיר זענען געבליבן שטיין ביי די דאָרנדיק־פאַרוואַקסענע אַריינגאַנג צום לאַגער, האָט זיך פאַר מיר אַנטפּלעקט אַ בילד וואָס האָט מיך געמאַכט אויפטרייסלען: איך האָב געזען ווי די וועגן אין לאַגער זענען געפּלאַסטערט געוואָרן מיט יידישע מצבות. יאָ, דאָס זענען מצבות פון הר הזיתים. אַפילו די ווענט פון די באַראַקן זענען געפּעסטיקט געוואָרן מיט מצבה־שטיינער אויף וועלכע מען קען נאָך בולט לייענען די נעמען. די מצבות ליגן מיט די יידישע אותיות, אויסגעקריצטע אויף זיי, און טויזנטער יאָרדאַנישע סאָלדאַטן האָבן אויף זיי געטראָטן. איך גיי איצט דערנעבן, צווישן די שטעכיקע דערנער און דערגיי ביז די לאַטרינעס פאַר די יאָרדאַנישע זעלנער, וואָס זענען אויפ־געשטעלט געוואָרן פון יידישע מצבות פון הר הזיתים.

אין יידישן פערטל פון ירושלים זענען אַלע שולן און בתי־תפילות געוואָרן צעשטערט און פאַרשוועכט. אַלץ, וואָס האָט נאָר דערמאָנט אין יידישקייט, אַלץ — וואָס איז געווען אַזוי הייליק פאַר אונדזער פאָלק איז פאַרניכטעט געוואָרן. דער צוגאַנג צום כותל מערבי איז פאַרבאָטן געוואָרן פאַר יידן. דאָס אַלץ איז געשען ביי דער גלייכגילט פון דער „אונאָ" און פון דער גאַנצער וועלט. איצט, ווען ישראל האָט באַפרייט ירושלים פון דער שאַנדע פון די שטעכלדראָטן און לעגיאָנערישע וואַכפּאָסטנס, וואָס האָבן געקענט צו יעדער צייט, באַשיסן דעם יידישן טייל פון דער שטאָט, איצט זענען זיי אַלע אַזוי „באַזאָרגט" פאַר די קריסטלעכע און מוסולמענישע הייליקע ערטער, וועלכע ווערן כלומרשט באַדראָט פון „יידישער צעשטער־רונג". טויזנטער קריסטלעכע און אַראַבישע טוריסטן קומען יעדן טאָג צו די הייליקע קריסטלעכע און מוסולמענישע ערטער אין ירושלים און זעען ווי אַזוי ישראל היט זיי אָפּ און באַשיצט זיי. דאָס קען אָבער נישט איבער־צייגן די „פאַרטיידיקער" פון די הייליקע ערטער וועלכע האַלטן אין איין

באַשולדיקן די ישראל־רעגירונג אין פּראָפּאַגירן די הייליקייטן און אין באַגיין... מלחמה־פאַרברעכנס.

*

די שטיינער פון ירושלים זענען געווען עדות פון יידישער גבורה, יידישעליידן, יידישן געראַנגל און יידישן נצחון. זיי וואַכן איבער אונדז און עס שעפּטשען מיינע ליפּן די ווערטער, וועלכע איך האָב היינט געלייענט אין דעם בריוועלע וואָס עס האָט געלאָזט אָפּן, לעבן אַ קוסט־אויסשפּראָץ ביי דעם כותל, די פּשוטע יידישע ווערטער: „אלמעכטיקער, איך בין דאָ געווען און געבעטן פאַר מיינע עלטערן וואָס האָבן נישט זוכה געווען צו זען און באַרירן די הייליקע שטיינער"...

דער אייביקער ניגון

דערזען און דערפילן די פּראַכט און די הייליקייט פון ירושלים קען מען בעת מען דערגרייכט די הויכקייט פון הר הזיתים. דאָס אויג נעמט אַרום די פּאַנאָראַמע פון דער שטאָט, וועלכע גאָלדיקט זיך אין אַ שפע פון ליכט. אָבער מערער ווי דאָס וואָס מען זעט אַזוי באַשיימפּערלעך איז דאָס וואָס מען פילט־אָפּ און דאָס וואָס אַנטפּלעקט זיך אין אייגענעם האַרץ: די דורותדיקע אָנזאַמלונג פון בענקשאַפט נאָך אויסלייזונג, די חלומות פון זיידעס און אורזיידעס — דאָס גייט־אויף אין דיר, וואָרעם עס האָט אַריינ־געדרינגען אין דיר און דו שפּירסט איצט, אַז דו ביסט דער שליח, דאַרפסט דערפילן דיין שליחות וואָס מען האָט דיר אָנגעטרויט.

אויסגעוויינטע תפילות אין קליינע בית־מדרשלעך פון מאַזאָוויע, כל־נדרי געזאַנגען, תעניתים און שמחת־תורה, תהילים־ניגונים, קדיש און דער אל מלא רחמים, ציון־לידער און „זאָג נישט קיין מאָל אַז דו גייסט דעם לעצטן וועג" — דאָס אַלץ שפּאַרט אַרויס פון דיר און דו ווילסט די אַלע ניגונים און תפילות איצט, אויף דער הויכקייט, אויסזינגען, אַז דער מילדער ווינט פון די בערג זאָל דיין געזאַנג אַוועקטראָגן צו די מויערן פון ירושלים.

פאַר זיך, אין דער ערשטער רייע, שפּרייט זיך דאָס בית הקברות פון הר הזיתים. נישט ווייט, אין דער נידער, לעבן אַן אוהל פון אַ צדיק, איז פאַרזאַמלט אַ מנין. די טונקעלע מלבושים זייערע טיילן זיך אויס פון דעם זילבער־ברוין פון דער לאַנדשאַפט און פון דעם בלוי פון די הימלען. די מענטשן ביים אוהל שטייען אַן באַוועגונג, בלויז זייערע קאַפּאָטעס פלאַטערן

אין דעם ווינטל. זיי בעטן, זיי מורמלען שטיל ווערטער וועלכע זענען אַזוי ווי אַ טייל פון דעם אייביקן ווינט־געמורמל, וואָס טראָגט זיך אַרום אין די הויכקייטן און פאַראייניקט זיך מיטן געשעפּטש פון די איילבערט־קרויגען און באָקסער־ביימער.

*

נישט ווייט פון מיר האָט זיך אָפּגעשטעלט אַ גרופּע טוריסטן. אַ מענטש וואָס פירט זיי אַזוי געניט, רעדט אויף ענגליש וועגן דעם גאָלגאָטאַ־וועג, וועגן „אותו איש", וועגן די קלויסטערס און מאָנאַסטירן וועלכע מען זעט אַן אַזוי באַשיימפּערלעך.

איך גיי אַוועק ווייטער פון דער גרופּע, ווייל דאָס לשון וואָס רייסט זיך צו מיר איז אַזוי פרעמד פאַר דער גאַנצער לאַנדשאַפט און דאָס וואָס ער זאָגט די טוריסטן איז דאָך אַזוי אומבאַדייטנדיק אין דער געטלעכער גע־שיכטע פון ירושלים. עס איז דאָך נישט מער ווי אַן עפּיזאָד, ווי אַ פּאַסירונג וואָס האָט יאָ אָדער נישט פּאַסירט און וואָס איז מיר אַזוי טרויעריק־באַקאַנט פון מיין יינגלצייט, ווען מיין פאָטער האָט פאַרמאַכט אין געאייל די לאָדנס און פאַרקייטלט די טירן, בעת גוים האָבן געטראָגן דאָס בילד פון „אותו האיש" דורך די געסלעך פון אונדזער שטעטל.

דער פּחד פון יענע יאָרן איז דאָ. ער איז שוין לאַנג פאַרשוווּנדן ווי אַ פּיזישע שרעק. ער האָט אָבער אָנגענומען אַן אַנדער פאָרעם; עס איז דער פּחד פאַר זייער בליק אויף דעם יידישן פאָלק און פאַר דער אָנזאַמלונג פון שנאה צום יידנטום אין זייערע ספרים און אין פריידיקערייען פון זייערע אַפּאָסטאָלן. איך גלייב זיי נישט אין דער טאָלעראַנץ פון היינט. איך האָב נישט פאַרגעסן זייער שנאה פון נעכטן און פאַר מיינע אויגן טאַנצן נאָך אויף די פייערן פון די שייטערן אויף וועלכע מען האָט געברענט יידן אין נאָמען פון צלם.

איך דערזע נישט די קופּאָלן פון קירכעס און די שפּיצן פון קלויסטער־טורעמס. איך שליס דאָס אויס פון דער לאַנדשאַפט בעת איך קוק אויף ירושלים און זע נאָר די אייביקע מויערן און די שטיינער פון דער וווּנדער־לעכער שטאָט.

אין אַלטע קבלה־ספרים האָט איינער פון די קבלה־דיכטער אָנגעצייכנט אַ בלום וואָס האָט דריי בלעטער: איין בלאַט איז אַפריקע, דאָס צווייטע בלאַט איז אייראָפּע, און דאָס דריטע בלאַט איז אַזיע. דאָס האַרץ פון דער בלום — דאָס איז ירושלים. זי איז די מעטראָפּאָליע פון דער וועלט. אַזוי האָט זיך דער קבלה־משורר פאַרגעשטעלט ירושלים.

★

דאָרט ווו עס באַגעגענען זיך די נחלות פון שבט יהודה און שבט בנימין, אויף די ליכטיק־זילבערנע בערג און בלוי־סאַמעטענע טאָלן, געפינט זיך די אוראַלטע שטאָט ירושלים. אַ פעסטונג־שטאָט וואָס איז נאָך באַקאַנט געווען פון די כנעניגשע צייטן, האָט איר דוד המלך באַפרייט פון די הענט פון די יבוסים.

עס איז כדאי צוצוגעבן, אַז לאַנג נאָך דעם ווי דוד המלך האָט פאַר־פעסטיקט זיין הערשאַפט און פאַראייניקט דאָס לאַנד ישראל, האָבן די יבוסים געלעבט רויִק אין סאַמע מיטן פון ישראל און יהודה. ערשט נאָך דעם ווי זיי האָבן זיך אָפּגעזאָגט איבערצוגעבן דודן די פעסטונג אויפן באַרג ציון, האָט דאָס חיִיל פון מלך דוד באַלאַגערט דעם ציון־באַרג מיט דער פעסטונג און פון דאָרט פאַרטריבן די יבוסים. דעמאָלט האָט מען אַריבערגעטראָגן פון חברון דאָס קעניגלעכע זיצאָרט קיין ירושלים און דוד האָט זיך באַזעצט אין דער ציון־פעסטונג, וועלכע רופט זיך עד היום אויף זיין נאָמען, עיר דוד. צוזאַמען מיט דודן זענען געקומען זיינע חיילים, די קריגער און גיבורים, וואָס האָבן מיטגעמאַכט מלחמות און וואַנדערונגען.

פון צור האָט מען געבראַכט בוי־אַרבעטער, שטיין־שלייפער און מען האָט פאַרפעסטיקט די מויערן און געבויט אַ קעניגלעכן פּאַלאַץ פון צעדער־האָלץ. די שטאָט ירושלים האָט אָנגעהויבן צו וואַקסן. עס זענען צוגעקומען נייע תושבים. היות זי האָט זיך געפונען אין צענטער פון דרומדיקן כנען, צווישן די נחלות פון יהודה און בנימין, האָט ירושלים געהאַט אַלע מעג־לעכקייטן נישט בלויז צו ווערן די הויפּטשטאָט פון דער מלוכה, נאָר אויך איר לעבעדיקער מרכז, וואָס האָט געהאַט גוטע וועג־פאַרבינדונגען מיט דעם גאַנצן לאַנד.

★

דער שטיין פון ירושלים איז ליכטיק, קלאָר און גוט צו פעסטיקן מיט אים מויערן און געביידעס. ער איז שטאַנדהאַפטיק פאַר דער צייט און האַלט אויס יאָרהונדערטער גאַנצע.

אַפילו אין דער מלחמה האָבן די שטיינמויערן אויסגעהאַלטן די דינאַ־מיט־לאָדונגען וועלכע מען האָט אַוועקגעלייגט און איינגעבויערט אין די יסודות. די מויערן האָבן אויסגעהאַלטן דעם דינאַמיט־אויפרייס און נישט צעשפּליטערט געוואָרן. עס זענען געבליבן אויף טייל ערטער סימנים פון אַ שיסעריי, אָבער זיי זעען איצט אויס ווי חן־פינטלען.

איך האָבן געזען ווי אַזוי מען שניידט די ירושלימער שטיינער און מען מאַכט פון זיי קאַנטיקע בלאָקן, וואָס זאָלן גוט זיין פאַר בויונג.

אַ ראָזלעך־ברוינלעכער געשטיין מיט ווייסע העלפאַנטביין־אָדערן, גיט ער זיך מיט לייכטקייט אונטער דעם שטיינהעקער, וואָס פאָרמירט אים אויס צו בויצוועקן. פּאַרעקשנט, און ווי אַ קיזלשטיין ווערט ער אָבער ווען ער איז שוין אַוועקגעלייגט געוואָרן אין דער געביידע און פאַרפעסטיקט מיט צעמענט.

די בערג אַרום ירושלים זענען רייך אין דעם ראָזלעכן געשטיין און ער גיט צו דער גאַנצער באַרגיקער לאַנדשאַפט אַ ליכטיק־זוניקן אָפּשיין. אין זיינע שפּאַלטן בליִען קוסטעס און ביימער. די ערד אַרום די שטיינ־פעלדזן איז אַ פּרוכטיקע. דאָ קענען געדייען וויינשטאָקן און איילבערטן. דאָ וואַקסן אַלערליי קוסטעס און דאָרט, וווּ מען האָט אויסגעשטיינערט די ירושלימער בערג און אויפגעבויט די כּנסת, דעם העברעיִשן אוניווערסי־טעט, די הדסה צוזאַמען מיטן מעדיצינישן צענטער און די שול ווו עס געפינען זיך שאַגאַלס וויטראַזשן, דער יד ושם און דער נייער ירושלימער מוזיי — דאָרט זענען אויסער די פּראַכט־געביידעס אויך אַנטשטאַנען גערטנער און פּאַרקן, וועלכע כּישופן דאָס אויג מיט דער שפע פון גרינס און מיט דער שיינקייט פון רויזן און בלומען.

*

בעת איך האָב אַראָפּגענידערט פון פּאַרוויסטן, אָבער אויף ס'ניי בויענ־דיקן זיך יידישן קוואַרטאַל פון אַלטשטאָט און דערגרייכט דורך שמאָלע

און זייטיקע וועגלעך ביז צום קידרון־טאָל, האָב איך פאַרקערעוועט צום שילוח־קוואַל. אין אַ פעלדז, אַריינגעשניטן אין געשטיין, מיט שמאָלע שטיינערנע טרעפּ אַראָפּ, אַראָפּ, גיי איך צום קוואַל. אַ קילקייט שלאָגט דאָ פון די שטיינערנע ווענט און ווען איך קום נאָענט צו, הער איך דעם גערויש פון די וואַסערן, וואָס פּאַטשן אָן די שטיינער און ריזלען ווייט־ווייט אַוועק אין דער טונקלעניש פון דער הייל, אַוועקטראָגנדיק דאָס קאַרגע ליכט וואָס דרינגט דאָ אַריין פון די הייכן.

נישט ווייט פון דעם קוואַלצוגאַנג, אין אַ באַשיידענער שטיינקראָם, לעבן דעם וועג, וואָס איז שמאָל, און שלענגלט זיך אויף דעם ראַנד פון אַ באַרג, ווו אין זייט איז באַזעצט מיט ציפּרעס־ביימער, האָט זיך געעפנט דאָס ערשטע יידיש־אַראַבישע אַנטיק־געשעפט באַלד נאָך דער מלחמה פון זעקס טעג. אַ ייד און אַן אַראַבער פאַרקויפן דאָ אַלטע קרוגן, מטבעות פון אַמאָליקן ירושלים און בשמים־פלעשלעך פון די טעכטער פון ירושלים פון שלמה המלכס צייטן...

אַראַבישע קינדער באַגעגענען אונדז מיט אַ זינגענדיקן „שלום”. עס האָט זיי נאָך אַלץ נישט אויפגעהערט צו רייצן דער פרעמדער באַזוכער. זיי שטייען פון צייט צו צייט ביי די וועגראַנדן, ביי די אַריינגאַנג צו הייליקע ערטער און האַלטן אין די הענט קאָלירטע קאַרטלעך פון ירושלים. זיי זענען גרייט איך צו פירן צו די אומבאַקאַנטסטע שטעגלעך אויף וועלכע עס האָבן געשפּאַנט די נביאים...

✶

מיט אַ יאָר צוריק, בעת איך בין געגאַנגען איבער די ענגע שוק־געסלעך פון אַלטשטאָט, ווו די גאַנצע סחורה איז אויסגעשטעלט אין דרויסן און די נאָזלעפלעך פילן אָפּ די ריחות פון אַלערליי אָריענטאַלישע געווירצן און די אויגן ווערן מיד פון די פאַרשיידן־ קאָליריקע טאַנדעטנע אויס־אַרבעטונגען פון היימישע האַנטווערקער, האָב איך געהערט פון ראַדיאָ־הילכערס, נישט בלויז אַראַבישע מוזיק, נאָר אויך רעדעס פון אַלערליי אַראַבישע ראַדיאָ־סטאַציעס פון די שכנותדיקע לענדער מיט די סאַמע שאַרפסטע אַנטי־ישראלדיקע לאָזונגען.

היי־יאַר איז אַנדערש. די ראַדיאָ־הילכערס אין דעם אַראַבישן פּערטל, אין דעם זעלביקן מאַרק, באַגלייטן דיך מיט ישׂראלדיקע ניגונים און פון צייט צו צייט מיט אַן אַראַבישן געזאַנג, און די פּנימער פון די אַראַבישע סוחרים זענען אָפענע, צעשמייכלטע און באַרויִקטע.

אַפילו די יידישע באַזוכער האָבן זיך אַזוי צוגעוווינט, אַז עס איז אָפּגעטראָטן די פרעמדקייט, די אומזיכערקייט און מען איז איצט ווי ביי זיך אין אייגענעם מאַרק.

עס איז נישט קיין חידוש — זאָגט צו מיר מיין באַגלייטער, וועלכער האָט דאָ גאָר אַ סך פריינד צווישן די אַראַבער. ער קען ירושלים נאָך פון פאַר דער צווייטער וועלט־מלחמה און רעדט פריי מיט זיי אַראַביש.

— עס איז אַ גאָלדענע צייט פאַר די אַראַבער פון אַלטשטאָט. דער האַנדל בליט. הונדערטער טויזנטער טוריסטן האָבן אויפגעלעבט נישט בלויז דעם מסחר צווישן די אַראַבער, נאָר אויך די האַנטווערקעריי און די קליינע פאַבריקלעך. פריִער איז די שטאָט געווען צעטיילט, צעשניטן, פאַרצוימט. זעלטן ווען עס זענען געקומען באַזוכער פון אַמאַן. היינט איז אַלטשטאָט אָפן פון אַלע זייטן. מען שטערט נישט די אַראַבער פון יאַרדאַניע אַריינצוקומען קיין ירושלים. מען קומט פון תּל־אביב און פון גאַנץ ישׂראל. ווער נאָך אַזוי אַנהאַלטן — דאַן וועלן זיך דאָ פאַרבונדן גאָר ענגע קשרים מיט די יידן. איך ספק אויב זיי ווילן צוריקגיין צו דעם מצב. וואָס האָט דאָ געהערשט פריִער, ערב דער מלחמה פון זעקס טעג. די באַפרייונג פון אַלטשטאָט, דאָס פאַראייניקן ירושלים, איז אַ ברכה פאַר אַלעמען.

אַזוי רעדט צו מיר מיין באַגלייטער, איבעררייסנדיק אָפט דעם גע־שפּרעך מיט אַראַבישע רייד, וועלכע זענען געווענדעט צו די פאַרבייגייענ־דיקע אַראַבער, וועלכע ער קען גוט.

— ווער זענען זיי? — פרעג איך אים.

— דאָס זענען קליינע סוחרים, אָנגעשטעלטע. מענטשן אַזעלכע ווי מיר. נאָר די באַגעגעניש מיט זיי וועט אונדז ברענגען שלום און פריינדשאַפט. וואָס טראַכטן זיי טיף אין האַרצן? דאָס קען איך אייך נישט זאָגן. וואָס איז דען דאָס וויכטיק וואָס זיי טראַכטן? וויכטיק איז וואָס זיי טאָן! וויכטיק איז

אַז זיי ווילן לעבן אין פרידן און אַז זיי ווילן פאַרדינען געלט, דערציִען די קינדער און שענער און רייכער מאַכן זייער היים...

✶

יהודה המכבי האָט זיך באַפעסטיקט אויפן הר הבית. דאָרט האָט זיך אויפגעהאַלטן אַ טייל פון זיינע חיילות. ער האָט דאָ אויסגעבויט שוץ־פּאָזיציעס וויל נישט ווייט פון הר הבית, אין דעם אַנדערן שטאָט־טייל אקרא האָט זיך געפונען אַ סירישער גאַרניזאָן...

...אָנהויב פרילינג פון יאָר 65 איז ירושלים געווען אַזוי ווי אַ מיליטע־רישער לאַגער. די סביבה פון דער הויפּטשטאָט און אירע פאַרשטעט זענען געווען פאַרנומען דורכן סירישן חייל... די באַלאַגערונג פון בית המקדש האָט זיך פאַרצויגן ביז עס איז אָנגעקומען די צייט פון יום־טוב פסח, ווען יידן פון אַלע עקן לאַנד פלעגן עולה רגל זיין קיין ירושלים, אין דער הייליקער שטאָט. אין יענעם יאָר איז אָבער די שטאָט געווען צעטיילט צווישן פיינטלעכע מחנות. אין די הייף פון הר הבית זענען געווען איינגע־שלאָסן די יידישע גיבורים. זיי האָבן געוואָלט ברענגען פאַר דעם יום־טוב קרבנות, נאָר זיי האָבן נישט געהאַט קיין פּי. לויט אַ מסורה האָבן די באַלאַ־גערער מסכים געווען, אַז מען זאָל אַראָפּלאָזן פון דער פעסטונגס־מויער אויף קייטן קערב אויף וועלכע מען וועט אָנלאָדן אַ שעפּס, אָבער פאַר דעם דאַרף מען צאָלן טויזנט דראַכמעס. אַנשטאָט אַ שעפּס האָט מען אָבער אין מאָל אַרויפגעשיקט אַ חזיר — דעם סימבאָל פון טומאה ביי יידן. דער חוזק און חלל השם האָט אויפגערעגט די גלייביקע יידן. לויט דעם ווי מען וויסט פון דער מסורה, זאָל זיך דעמאָלט האָבן דורכגעטראָגן אַ געוואַלדי־קער שטורעמווינט איבערן גאַנצן לאַנד און פאַרוויסט די פעלדער מיט תבואה און די פּירות אין די סעדער...

✶

איך שטיי איצט ביי די זעלביקע מויערן פון ירושלים און אין דמיון דאַכט זיך מיר ווי עס נידערן פון די מויערן קערב און איך הער דעם רוף פון יהודה המכבי׳ס חייל.

ירושלים איז אָבער מער נישט אַרומגערינגלט. דאָס פאָלק פון ישראל איז מער נישט צעקריגט צווישן זיך און אַ ברודער הייבט נישט אויף די האַנט אויף אַ ברודער. ווי אַזוי קענען מיר מאַכן אַן אונטערשיד פון איין ייד מיטן אַנדערן ווען דער שונא אונדזערער האָט אונדז נישט אונטער־שיידט איינער פון אַנדערן און אַרויסגעטראָגן דעם טויט־גזר איבער דעם גאַנצן פאָלק ישראל, גלויביקער אָדער אומגלויביקער, פרעמדער און אָפּגע־פרעמדטער, דער וואָס איז מקיים די געבאָטן פון יידישקייט און דער וואָס איז נישט מקיים — אַלע, וואָס האָבן נאָר אָפּגעשטאַמט פון יידישן שטאַם זענען פאַרמשפּט געוואָרן צו פאַרלענדונג?

יעדער איינער פון אונדז, די לעבן־געבליבענע, די אַנטרינענע פון דער שטאָט פון הריגה, מוזן דאָס געדענקען, בפרט ווען מיר שטייען ביי די מויערן פון ירושלים. און אַז איך קוק ווייט אַריבער פון די הויכקייטן פון הר הזיתים און זע די געביידע פון כנסת, שעפּטשע איך די ווערטער פון דער וואונדערלעכער שילדערונג פון ספר שמואל ב׳:

„און דוד האָט ווידער איינגעזאַמלט אַלע געקליבענע אין ישראל, דרייסיק טויזנט מאַן. און דוד איז אויפגעשטאַנען און איז געגאַנגען מיטן גאַנצן פאָלק אַרויפצוברענגען פון דאָרטן דעם אָרון פון גאָט, וואָס אויף אים ווערט גערופן דער נאָמען — דער נאָמען פון גאָט פון צבאות וואָס זיצן אויף די כרובים. און זיי האָבן אַרויפגעלייגט דעם ארון פון גאָט אויף אַ נייעם וואָגן, און האָבן אים אַוועקגענומען פון אבינדבס הויז וואָס אין גבעה. און עוזה און אחיו, די זין פון אבינדבן האָבן געפירט דעם נייעם וואָגן... און דוד און דאָס גאַנצע הויז פון ישראל האָבן געשפּילט פאַר גאָט אויף אַלערליי כלי־זמר פון ציפּרעסנהאָלץ, און אויף האַרפן, און אויף גיטאַרן, און אויף פּויקן און אויף טאַצן און צימבלען"...

*

אין די פאַרנאַכטן, ווען די הרי־יהודה גאָלדיקן זיך מיט דעם געטלעכן ליכט און די מויערן פון ירושלים לייכטן, און ווען דער הימל ווערט טיף־בלוי און די פאַרנאַכטיקע רו באַהערשט דעם באַשאַף, דעמאָלט, ווען דו

וועסט אָנשטרענגען דיין געהער און לייטערן זיך נשמהדיק און פאַרטרייבן פון זיך אַלע פרעמדע מחשבות און ווידער אַ מאָל צוריקקערן זיך צו די ריינע קוואַלן פון יענע יאָרן, ווען דו האָסט געלערנט חומש — דעמאָלט וועסטו זיכער הערן דוד המלכס האַרפּע־ניגון, וואָרעם ער טראָגט זיך אַרום עד היום און וועט זיך טראָגן ביז אין דער אייביקייט אַריין, אַרום און אין ירושלים...

די גולן־הויכקייט

דאָס איז ער, דער גולן! איך שטיי אויפן ראַנד פון זיין הויכקייט, דאָרט ווו עס הייבט זיך אָן דער אָפּריס, אַ פּאַרוואַקסענער מיט קוסטעס און ווילדגראָזן, אַ צעריזלטער פון די וואַסערשטראָמען, וואָס רייסן זיך דאָ אין די רעגן־סעזאָנען און דערגרייכן דעם כנרת.

מיט יאָרן צוריק, באַלד נאָך דער אַנטשטייונג פון דער מדינה, אין איינער פון די נעכט, ווען איך בין אַרויס מיט אַ פישער־שיפל פון טבריה־ברעג כדי צו בלייבן אַ נאַכט מיט יידישע פישער, האָב איך די גאַנצע צייט פון פישפאַנג זיך איינגעקוקט אין דעם צפון־מזרחדיקן הויכן ברעג פון כנרת, וואָס האָט געלויערט נישט בלויז מיט נאַכטיקע שאָטנס, נאָר אויך מיט סכנה; די סיריער האָבן מיט עטלעכע נעכט פריִער, פון דער גולן־הויכקייט, באַשאָסן מיט אַ געדיכט אַרטילעריש פייער עטלעכע ישובים אין דער נידער, אויף דער צווייטער זייט כנרת און דערביי אַטאַקירט די פישער, וואָס האָבן זיך געפונען נישט ווייט פון דעם צפון־מזרח־ברעג.

אַ פישער האָט מיר דעמאָלט געזאָגט: דער ברעג, צו וועלכן מיר טאָרן זיך נישט דערנענטערן צוליב דער שטענדיקער געפאַר אַטאַקירט צו ווערן פון די סירישע פאָסטנס, וואָס געפינען זיך ממש איבער אונדזערע קעפּ, דער ברעג געהערט צו אונדז. אין דעם פייער־אָפּשטעל־אָפּמאַך איז דאָס באַשטעטיקט געוואָרן פון אַלע צדדים. די סיריער לאָזן אָבער נישט קיין לעבעדיקן מענטש זיך דערנענטערן אַהער. זיי האָבן אין דער הייך גוט־באַפעסטיקטע אַרטילערישע פּאָזיציעס.

ווי להכעיס זאַמלען זיך די פיש פון כנרת נישט ווייט פון דעם צפון־מזרחדיקן טייל פון כנרת. דער פאַנג איז דאָ געווען אַ גוטער. אַפילו די יונגע פישעלעך, אין די הונדערטער טויזנטער, וועלכע מען האָט יעדעס יאָר אַריינגעלאָזט אין כנרת אויף האָדעווען, האָבן זיך אויפגעהאַלטן נישט ווייט פון דעם צפון־מזרח־ברעג. די פישער האָבן געוווּסט פאַר וואָס. דערפאַר ווייל די רעגנשטראָמען, וואָס נידערן אַראָפּ מיט אימפּעט פון די אָפּריסן פון דער גולן־הויכקייט, ברענגען מיט זיך מיט אַלערליי שפּייז פאַר די פיש, ווי גראָז,זריעה, ערד־ווערמלעך און זיס רעגן־וואַסער, וואָס פאַר־קלענערט דאָ דעם סכום פון שוועבל־וואַסער פון די הייסע פאַרבאָרגענע קוואַלן, וועלכע האָבן אויף טייל ערטער פון כנרת גורם געווען אַ פאַר־מינערונג פון די פיש.

דאָס בילד שטייט מיר נאָך פאַר די אויגן: באַשאָסענע פישער־שיפלעך, איבערגעקערטע, צו וועלכע מען קען זיך אַפילו נישט דערנענטערן ווייל די סיריער באַשיסן יעטוועדע זאַך, וואָס באַווייזט זיך נאָר אויף דער אייבער־פלאַך פון כנרת. איילפלעקן און בלוטפלעקן מישן זיך אויס אויף דעם ליכטיקן בלאָען וואַסער. פּרויען מיט פאַרבראָכענע הענט ביים טבריה־ברעג. אַלע טרערן זענען שוין אויסגעוויינט געוואָרן. אין דער נאַכט — אַ קאַנאָ־נאַדע אַזוי ווי עס וואָלט ערגעץ נאָענט געדונערט. אין די קיבוצים פון דעם טייל גליל שלאָפן די קינדער וואָכן־לאַנג אין די בונקערס. עס ברענען שטע־לער מיט פּי! האַרמאַטן־קוילן רייסן אויף אין טבריה! גולן באַשיסט יידישע ישובים!

גולן דאָמינירט אַ דאַנק איר אומגעווייטלעכער סטראַטעגישער פּאָזיציע.

שעהן לאַנגע פלעג איך זיצן אויף דער קעגנאיבערדיקער הויכקייט, אין קרית שמואל, און באַטראַכטן דעם חרמון־באַרג: אַזאַ ווייט־נאָענטער און אַזאַ רייצנדיק־שיינער.

די שנייפאַסן פון חרמון און די פיאָלעטענע בלאָקייט האָבן דעם גרויסן העברעישן משורר ביאַליק געגעבן דעם איינדרוק, אַז דער חרמון האָט זיך פאַרדעקט מיט אַ טלית.

דער גולן איז אָבער תמיד געווען פאַר מיר אַן אָפענער און אַ דראָענ־דיקער. מען האָט אים גוט אָנגעזען, אַפילו אין די האַלב פאַרנעפּלטע טעג.

דאָקעגן דער חרמון האָט זיך אָפּט פאַרהילט. עס פלעגט אַלץ אַרום זיין ליכטיק און בלאָ און דעם חרמון האָט מען נישט אָנגעזען. און טייל מאָל, ווען דער הימל האָט אַזוי ווי געצאַרנט און עס האָט זיך געדאַכט אַז די ווייטן זענען איצט פאַרלאָשן פאַר דעם בליק, האָט זיך אָבער אַנטפּלעקט דער הרמון מיט זיין גאַנצער פראַכט, אַזאַ נאָענטער, ממש אים צו דער־גרייכן, נאָר אַדורכשווימען דעם כנרת אין דער צפונדיקער זייט...

*

היינט פאָר איך אַרויף מיט אַ וואָגן דורך די געשלענגלטע שמאָלע שאָסייוועגן ביז עס אַנטפּלעקט זיך פאַר מיר די הויכקייט פון גולן, וואָס איז אַזוי ווי אַ פלאַך פעלד, גרויס, ברייט און אומענדלעך.

דער כנרת איז אונטן, נידעריק, מיין אויג נעמט אים אַרום מיט איין מאָל, אין גאַנצן. איך זע דעם ירדן־אַריינפלוס, צפון־זייט, און זע דעם ירדן, וואָס פליסט אַרויס פון כנרת, כדי דורך פעלדער, דורך פעלזן, שפּאַלטנדיק בערג, דערגרייכן דעם ים־המלח.

איך קען די ישובים און ווייס ווי אַזוי מען רופט זיי אָן ביי די נעמען. זיי ליגן נאָענט איינע פון דער אַנדערער, אַרום, רונד דעם כנרת, אַזוי ווי מען וואָלט אָנגעטאָן דעם ים כנרת אַ קרוין אַ געפלאָכטענע פון יידישע ישובים.

פון דער גולן־הויכקייט זעען אויס די קיבוצים מיט די נייע הייזער, מיט די נייע שטעלער, מיט די פּאַסן באַאַרבעטע פעלדער, מיט די ביימער און דעם זאַפטיקן גרין — טאַקע אַזוי ווי אַ בלומענקרוין, וואָס גליל וואָלט אויף זיך געטראָגן.

„און פון יענער זייט ירדן, ביי יריחו צו מזרח, האָבן זיי אָפּגעגעבן בצר אין מדבר און דעם פלאַכלאַנד, פון שבט ראובן, און ראמות אין גלעד. פון שבט גד, און גולן אין בשן, פון שבט מנשה".

יאָ, גולן אין בשן פון שבט מנשה. ער ווערט דערמאָנט אין דער אוראַלטער יידישער געשיכטע. דאָ האָבן זיך אָפּגעשפּילט דראַמאַטישע געשעענישן אין דער אַלטער צייט און אין דער נייער צייט.

אלכסנדר ינאי, הורדוס, אַגריפּאַ דער צווייטער. דאָס זענען נעמען פון דער געשיכטע פאַרבונדענע מיט דער ערד אויף וועלכער איך שפּאַן איצט.

„אַגריפּאַס ברודער, הורדוס כאַלקידער, האָט באַקומען פון רוימישן אימפּעראַטאָר קלאַודיוס אין וואַסאַל־הערשאַפט דאָס קליינע פירשטנטום כאַלקיס, צווישן די בערג פון לבנון. ער איז עס געקומען אָפּט אויף באַראַ־טונגען צו די רוימישע וואַסאַלן, ביי אַגריפּאַ אין טבריה. דאָס צווייטע ווייב פון הורדוס כאַלקידער איז געווען אַגריפּאַס טאָכטער בערעניקע״...

„די געגנט איז אָבער געווען אַן אומרויִקע ווייל די באַפעלקערונג האָט נישט געוואָלט שלום מאַכן מיט דער וואַסאַלישער רוימישער הערשאַפט. צוויי זין פון באַרימטן קנאי יהודה הגלילי, זענען געכאַפּט געוואָרן פון טיבעריוס־אַלעקסאַנדער (אַ פּלימיעניק פון יידישן פילאָסאָף פילאָן), וואָס האָט זיך אָפּגעזאָגט פון יידישן גלויבן און איז אַריינגעטראָטן אין רוימישער דינסט. אַלס משומד, האָט ער געוואָלט אויסדינען זיך ביי די רוימער דורך פאַרפאָלגן יידישע פּאַטריאָטן. ער האָט דאָס געפאַנגען די זין פון יהודה הגלילי, יעקב און שמעון, און האָט זיי געקרייציקט״.

*

פון דער גולן־הויכקייט שפּרייט זיך אַן אומגעוויינטלעך בילד ; די נידע־רונגען פון גליל, די בערג פון דער קעגן־איבערדיקער זייט מיט דעם אַרבעל, וואָס זעט אויס ווי אַ שוועל וואָס איז פּלוצעם איבערגעבראָכן געוואָרן און איבער די בערג — די ווייטקייטן מיט ישובים אין זייערע וועל־בונגען און אויף זייערע רוקנס.

מען זעט פון דאַנען צפת, די נייע שאָסייוועגן, וואָס פירן אַרום דעם כנרת און אויך די וועגן, וואָס זענען געפּלאַסטערט געוואָרן נאָך דער מלחמה פון זעקס טעג, וואָס זאָלן קענען דערפירן מיט גיכקייט אונדזערע חיילים צו די גרענעץ־געביטן און פאַר איין וועגס אויך דערמעגלעכן דאָס אויפקו־מען דאָ נייע ישובים, באַאַרבעטן די פעלדער, וואָס זענען פאַרוואָרלאָזט זייט דורות.

אויסער דער סטראַטעגישער וויכטיקייט האָט די גולן־הויכקייט אַן אומגעווייִנטלעכע באַדייטונג פאַר אַנטוויקלען די גאַנצע געגנט און באַזונדערס, די נידערונגען פון איר דרום־זייט, ווו עס פליסט דער ירמוק־טייך, וואָס איז איצט די נאַטירלעכע גרענעץ צווישן ישראל און יאַרדאַניע.

דער ירמוק און די קוואַלן אַרום געהערן צו די גאָר וויכטיקסטע צופלוסן פון ירדן־טייך. די אַראַבער האָבן אָנגעהויבן פאַרווירקלעכן, מיט דער הילף פון גרויסע אויסלענדישע אינוועסטיציעס, דאָס בויען פאַרצוימונגס־דאַמבעס, כדי אָפּצולענקן די וואַסערן וואָס פאַלן אַריין אין ירדן. וואָלט דער פּלאַן פאַרווירקלעכט געוואָרן, דאַן וואָלט דאָס גורם געווען צו אַ קאַטאַסטראָפע פאַר צענדליקער יידישע ישובים, ווען מען ווייסט אויסמעסט מען קען זיך גאָרנישט משער זיין.

די שיינקייט פון חמת־גדר, אָדער אַזוי ווי מען האָט דאָס גערופן פריער „אל חמא", האָט נישט קיין גלייכן מיט זיך מיט איר רייץ, פּראַכט און אומגעווייִנטלעכער נאַטור־קאָנסערווירטער ווילדקייט.

אין מזרח געפינט זיך אַ הייסער וואַסער־קוואַל צמח, וואָס איז אַלע יאָרן געווען פאַרלאָזן, כאָטש ער האָט געהערט צו ישראל. מען האָט צו אים נישט געקענט צוקומען צוליב דער פייער־באַשיסונג פון דער גולן־הויכקייט. איצט אַנטוויקלט זיך רעשיק חמת און ער איז שוין געוואָרן אַ צוציונגס־אָרט פאַר ישראלדיקע טוריסטן.

פאָרן מיט אַ וואָגן לענגאויס דעם ירמוק־טייך געהערט צו די שטאַרקסטע איבערלעבונגען. מען קען זיך פשוט נישט פאָרשטעלן, אַז דאָס לאַנד איז אַזוי רייך אין נאַטור־אוצרות: די בליִענדיקע קוסטעס, די ביימער, די קליינע וועלדלעך, די פעלדזן, די באַרג־און־פעלד־בלומען פון די שענסטע קאָלירן און די געבענטשטע רייכע גרינקייט, וואָס מאַכט מילד דיין האַרץ.

אומעטום טרעפט מען שפּורן פון אוראַלטע פעסטונגען און פון ישובים. אַ געווייִנטלעכער באַזוכער וועט דאָס אַזוי לייכט נישט באַמערקן. מען דאַרף אָבער זיך צוהערן צו די רייד און אויפקלערונגען פון אַן אַרכעאָלאָג, וועלכער באַגלייט מיך, כדי באַשיימפּערלעך, מיט אַזאַ קלאָרקייט און אָפנקייט זען דאָס, וואָס איז איצט אַזוי פאַרבאָרגן אין אַ שפע פון גרינקייט און פלאַנצן.

אַט זענען מיר ביים נחל חרמון, אָדער ווי מען רופט אים באַניאַס. איינע פון די וויכטיקסטע, אפשר סאַמע וויכטיקסטע צופלוסן צום ירדן. דאָ איז אַמאָל געווען די שטאָט וועלכע מען האָט גערופן באַניאַס, אָדער אין די רוימישע צייטן, פּאַנעאַס, אויף דרום פון חרמון־באַרג. רוימער, גריכן, יידן און די אַלערליי אַרטיקע שבטים האָבן דאָ געלאָזט שפורן, וועלכע פאָרשער וועלן זיי זיכער אויפדעקן.

✶

פון איין זייט: די הויכקייטן פון גולן, וואָס ווער עס וועט זיי באַהערשן — דער וועט דאָמינירן איבער דער גאַנצער סביבה, דער וועט קענען קאָנטראָלירן די רויִקייט פון צענדליקער דערפער און ישובים, דער וועט פּאַקטיש קענען פאַרזיכערן שטילקייט און שלום דעם כנרת און אַלץ, וואָס רינגלט אַרום דעם כנרת.

פון דער צווייטער זייט: דרומדיקער פון דער גולן־הויכקייט, נידעריק פון דעם סערפּענטין־וועג, ווו עס גרינען זיך די טאָלן, ווו עס שווימט דער ירמוק, דאָס אָרט וואָס מען האָט פאַר דער מלחמה פון די זעקס טעג אָנגערופן „מקום לפורעניות", ווו עס געפינען זיך די צושטראָמען צום ירדן, געהערט צו די סאַמע וויכטיקסטע שליסל־פּאָזיציעס אויף צו פאַרזיכערן זיך, אַז די וואַסערן פון ירדן וועלן נישט קענען אָפּגעלענקט ווערן דורך ישראלס שונאים. ווער עס האַלט אין זיין באַזיץ די געגנט — דער האַלט אין זיין באַזיץ דעם גורל פון ישראלס גרינוואַרג־גאָרטן, דאָס הייסט פון די צענדליקער און צענדליקער קיבוצים און שטעט. פאַרצוימען דעם צופלוס פון די קוואַלן צום ירדן באַדייט פאַרוואַנדלען דעם גרעסטן טייל פון ישראל אין אַ מדבר.

✶

בעת מען באַקענט זיך מיט דער געגנט און מען הייבט זיך אָן צוצוקוקן אויפמערקזאַם צו דעם אַלעם, וואָס רינגלט דיך אַרום, נישט אַזוי די ווייטן, נאָר נאָענט, לעבן דיינע טריט, ווערט מען איבערראַשט פון די אַלערליי פאַרפעסטיקונגען, וואָס זענען דאָ אויפגעבויט געוואָרן פון די סיריער און אין דער נידער, פון יענער זייט ירדן — פון די יאַרדאַניער.

די ערד איז ממש צעראָיעט פון בונקערס. זיי זענען איצט פּאַרוואָקסן, אָבער די אויפגעריסענע ערד, דער בעטאָן און דער געשטיין גיט אויס פּאַר אַן אויג, וואָס פאַרשטייט זיך אויף מיליטערישע פּאָזיציעס, וואָס פּאַראַ גרויסע אַרבעט און וואָס פּאַראַ מי און וויפל הונדערטער טויזנטער טאָנען צעמענט מען האָט פאַרוועדעט אויף אויפצובויען אַזאַ פאַרפעסטיקונג, אַזוי קאַמופלאַזשירט, וואָס ציט זיך רונד אַרום דער גולן־הויכקייט און אויף אַלע בערג־שיפּועס.

ווי אַזוי האָט מען באַוויזן מיט טאַנקן דערגרייכן די הויכקייט? ווי אַזוי האָט מען געקענט פון דער נידער, פון דעם טאָל, וואָס לענגויס יענער זייט כנרת, אַרויפפירן טאַנקן אויף די בערג־ווילדענישן?

איך שטוין און פרעג זיך אַליין צען מאָל די פראַגן.

אַ מיליטער־מענטש ,וואָס האָט אָנטיילגענומען אין די קאַמפן אויף צו דעראָבערן די הויכקייטן פון גולן, האָט מיר געוויזן די וואַדיס, דאָס הייסט די קליינע שמאָלע שטעגן, וועלכע די רעגן־וואַסערן האָבן דאָ אויסגעשוואַנ־קען, בעת זיי זענען מיט האַסט געפאַלן אין כנרת אַריין און מיר געזאָגט:

— דורך דאַנען האָבן מיר אַרויפגעריסן זיך אין דער הייך.

— אָבער ווי אַזוי? עס זעט דאָך אויס אַן אוממעגלעכקייט!

— פון אַלע טאַנקן פון דער איינהייט האָבן זיך נאָר צוויי דורכגעריסן דורך פייערן און אַלע פאַרצוימונגען. עס איז גענוג געווען נאָר די צוויי, כדי די סיריער, וואָס זענען געווען אַזוי זיכער אין דער אומגעוויינטלעכער נאַטורשוץ און אין דער אומבאַזיגבאַרקייט פון זייערע בונקערס, אַז זיי זאָלן מיינען, אַז עפּעס אַן אומנאַטירלעכע זאַך איז געשען, אַ נס!

לויט די דערפאַרונגען וועלכע עס האָט אַ מענטש, וואָס האָט דורכ־געשפּאַנט צו פוס אַ טייל פון רוסלאַנדס פראָנט, קען ער לייכט קומען צום אויספיר, אַז דער בונקער־סיסטעם אויפן גולן איז נישט געבויט געוואָרן לויט דעם דייטשן סיסטעם און אוודאי נישט לויט דעם ענגלישן סיסטעם, וועלכע זענען אגב גאָר ענלעך צו זיך; די ריזיקע פאַרפעסטיקונגען אויף די הויכקייטן פון גולן זענען אויטענטישע מיט די באַפעסטיקונגען, וועלכע עס האָבן געמאַכט די סאָוויעטן בעת דער צווייטער וועלט־מלחמה; זיי זענען שטאַרק ענלעך לויט דעם ווי אַזוי די בונקערס זענען אָפּגעטיילט פון

זיך און ווי אַזוי זיי זענען געקנופּט מיט זיך מיט וועגן און לויט דער אויסערלעכער מאַסקירונג, אויסנוצנדיק דערביי די מאַטעריאַלן, וועלכע זענען געווען אויפן אָרט. אַפילו אין די שטעך־דראָט־פאַרצוימונגען דער־קענט מען דעם סאָוויעטישן סטיל פון קאָנסטרויִרן שטער־שטחים דורך וועלכע עס זאָלן זיך נישט קענען באַוועגן דעם פיינטס אַרמיי.

די זעלביקע איבערצייגונג האָב איך געהאַט ווען איך בין געווען מיט אַ וואָך שפּעטער אין שאַרם אַ־שייך און איך האָב אַרומגעשפּאַצירט אין דעם ראַיאָן, ווו עס זענען פאָרגעקומען די קאַמפן פון דער ישראלדיקער נײַנטער חטיבה, כדי צו דעראָבערן די פאַרפעסטיקטע פּאָזיציעס פון די עגיפּטער פון ראַס נאַצירעני, בעת דער מלחמה פון די זעקס טעג.

די פאַרפעסטיקונגען זענען דאָ געבויט געוואָרן פולשטענדיק לויט דעם סאָוויעטישן מוסטער. עס איז מער ווי זיכער, אַז סיי אויף די הויכקייטן פון גולן און סיי אין סאַמע דרום, ביים טיראַן־איינגוס, קעגנאיבער דעם אינדזל טיראַן, נישט ווייט פון שאַרם אַ־שייך, האָבן די פאַרפעסטיקונגען פּלאַנירט און געהאָלפן אויפשטעלן סאָוויעטישע מיליטערישע אינסטרוק־טאָרן.

זעט אויס, אַז זיי האָבן געהעריק אָפּגעשאַצט די באַדייטונג פון די גולן־הויכקייטן און שאַרם אַ שייך. זיי האָבן אָבער נישט אָפּגעשאַצט ישר־אלס כוח און דער ווילן מנצח צו זיין, ווייל עס איז נישט געווען קיין אַנדער אויסוועג. אין ברירה.

אין גליל

דער וועג לענגויס דעם מזרח־בערג פון כנרת, צפונדיק, פירט דורך פּרוכטיקע פעלדער. לינקס שפּרייט זיך דער בלאָ־געשליפענער שפּיגל פון כנרת, רעכטס — אויף דער הויכקייט פון גולן — אַ פאַרוואָרלאָזטע פלאַך צו וועלכער עס איז נישט געווען קיין צוגאַנג ביז דער מלחמה פון די זעקס טעג. די ערד איז דאָ אַ גוטע, אַ גרוי־ברוינלעכע; פאַר פלחה און פאַר גערטנער־גרינוואַרג.

מיר פאָרן שוין אַ צייט און מען זעט נישט קיין ישוב און נישט קיין בוים. ווייזט אויס, אַז די סיריער האָבן באַטראַכט די געביטן נאָר פאַר אַ מיליטערישן אָביעקט. פון צייט צו צייט טרעפט מען אָן עטלעכע בעטאָן־געשטעלן, פאַרצוימונגען פון שטעכל־דראָט, שטיינער־אָנהויפן, אויסגע־טריקנטע ביימער — און אויס; ווידער אַ פלאַכלאַנד, אָן אָפּנס פאַר דער גאַנצער געגנט. די סביבה אַרום איז דאָ מאָנאָטאָן, בלויז דער באַנייטער און אויסגעברייטערטער שאָסייוועג זאָגט עדות, אַז מע האָט דאָ מיט אַ שטיקל צייט צוריק דורכגעפירט אַרבעטן, וואָרעם עס ליגן נאָך די פוסטע פעסער און עס שטייען דאָ שווערע טראַקטאָרס.

מיט אַ מאָל הייבט מען זיך אויף און מען פאַרקערעוועט אויף לינקס; די פלאַכן זענען צעטיילט אין פירעקן, אין רונדיקע און האַלב־רונדיקע פלעצער, אַרומגענומענע פון פריש־געפלאַסטערטע וועגן. עטלעכע מענטשן גייען אייליק איבער די פעלדער פאַכנדיק מיט פאַפּירן. ווען מיר זענען צו־געקומען נאָענט האָבן מיר דערזען אַ צענדליק אַרבעטער ביים לאָדענען בוי־מאַטעריאַלן פון לאַסטמאַשינען.

דאָ וועט אַנטשטיין אַ שטאָט! די גאַסן זענען שוין גרייט. מען וועט בקרוב אָנהייבן בויען די הייזער. די הויכקייט איז אַ גאָט־געבענטשטע; אַ וווּנדערלעכער קלימאַט אין זומער און מילד אין די ווינטערן.

ווי גרויס וועט זיין די נייע שטאָט? ווער קען שוין איצט וויסן?

מען וועט פון די נייע הייזער קענען זען דעם כנרת, דעם חרמון, גאַנץ גליל מיט אַלע ישובים.

אַמאָל איז דורך דאַנען דורכגעגאַנגען דער וועג פון דמשק ביז דעם מיטללענדישן ים. אין די אוראַלטע צייטן האָבן דורך דאַנען געצויגן קעמל־קאַראַוואַנען געלאָדענע מיט סחורות פון סיריע. דורך דעם וועג האָבן פעניציער געבראַכט די אויסאַרבעטונגען פון ווייטע לענדער. דאָס איז געווען איינע פון די וויכטיקסטע וועגן אין דער תנ״ך־תקופה. נישט בלויז די סיריער זענען דורך דאַנען געפאָרן, נאָר אויך סוחרים פון דעם ווייטסטן אַזיע, אַזש צו די שטעט פון אינדיע.

אויף דעם אַלטן וועג פון דמשק צו די פּאָרטן פון מיטללענדישן ים, באַזונדערס צו עכו. אויפן מערבדיקן ברעג פון כנרת געפינט זיך כפר־נחום.

דאָ האָבן זיך צוזאַמענגעטראָפן די גרענעצן פון די נחלאות זבולון און נפתלי. עס האָבן אַמאָל געלעבט דאָ פישער. אין יאָר 1852 האָט אַן אַרכעאָ־לאָג, ראָבינסאָן, צום ערשטן מאָל אַנטדעקט אַ גרויסע יידישע שול. די דעקאָראַטיווע רייכקייט פון דעם יידישן געבעטהויז קען מען נאָך איצט אָנזען לויט די אַלערליי שטיינער, וועלכע זענען אויסגעהאַקט מיט יידישע סימבאָלישע אָרנאַמענטן. גאַנץ כפר נחום האָט זיך קאָנצענטרירט אַרום דער סינאַגאָגע. די הייזער פון די פישער, די גאַסן, זענען געווען אַזוי געבויט, אַז זיי האָבן אַרומגערינגלט די שול. עס זענען געווען וועגן־קאַנאַלן אַ דאַנק וועלכע די פישער האָבן געקענט אַריינשווימען מיט זייערע שיפלעך ביז צו דעם מאַרק. דער וועג וואָס פירט צו כפר נחום איז אַזוי ווי אַן אַאַזע; ביימער, ברונעמער, סימנים פון אַלטע שטיין־געביידעס, אַ רייכע געוויקסן־וועלט.

לויט אַלע וואַרשיינלעכקייטן, האָט די שול אין כפר נחום געדינט נישט בלויז פאַר די פישער פון דעם שטעטל נאָר, לויט איר גרייס און פּאַרנעם, אויך פאַר די יידן־וואַנדערער, וועלכע זענען געקומען פון די שכנותדיקע

לענדער און ישובים און זיך דאָ אויפגעהאַלטן אויף זייער וועג צו דעם ברעג פון מיטללענדישן ים.

די קינסטלער און אַרכיטעקטן, וועלכע פאַרשן אַלטע יידישע קונסט, באַזונדערס יידישע אָרנאַמענטיק, וואָס האָט באַשיינט די בתי־תפילות אין די אַלטע צייטן אין גליל, וואָלטן געדאַרפט געניי דורכשטודירן יעדן שטיין, וואָס איז געבליבן פון דער גרויסער סינאַגאָגע פון כפר נחום.

בעת איך בין געשטאַנען ביי דער מזרח־וואַנט פון דער אַלטער שול האָט אַ מאַנאַך מיט עפּעס אַן אַרבעטער געלאָזט רוישן אַ קליינעם טראַקטאָר, האַרט ביי דער מויער פון דער שול. לויט דער שפּראַך, וואָס זיי האָבן גערעדט, האָב איך פאַרשטאַנען אַז דאָס זענען איטאַליענער. עס איז איצט דאָ אַן אַרכעאָלאָגישע גרופּע פון איטאַליע, וועלכע פאַרנעמט זיך מיט אויסגראָבן, מזרחדיק פון דער סינאַגאָגע, נאָך אַ קוואַרטאַל פון כפר־נחום.

די חורבות מיט דער גאַנצער געגנט געהערט צו דער איטאַליענישער קירכע. עפּעס אַן איטאַליענישע קריסטלעכע געזעלשאַפט האָט דאָס אָפּ־געקויפט מיט אַ זעכציק יאָר צוריק ביי אַן אַראַבער פאַר אַ נישטיקער סומע. די שטיינער פון דער אַלטער שול און אַלץ אַרום איז איצט אַרומגעצוימט און געפינט זיך אונטערן פּראָטעקטאָראַט פון איטאַליע. ס'איז „זייערס" אַ הייליק אָרט, ווייל דאָ זאָל זיך האָבן באַוויזן דער קריסט און געפּרעדיקט פאַר די יידישע פישער...

איך ווייס נישט פאַר וואָס, נאָר איך פאָר אַוועק פון כפר נחום נישט מיט קיין לייכט געמיט. די זיילן פון דער אוראַלטער שול, די פּרעכטיקע אָרנאַמענטן; וויינטרויב־צווייגן, הירשן, לייבן, מנורות, געהאַקטע אין שטיין, דאָס אַלץ געפינט זיך אונטער דראָט־פאַרצוימונגען. אַ מאַנאַך האָט מיר דערלויבט אַריינצוגיין אין „זיין" געביט באַקוקן מיין שול, איינע פון די אויסערגעוויינטלעכסטע סינאַגאָגעס, וואָס איז אונדז געבליבן פון קנאַפּע צוויי טויזנט יאָר צוריק.

✶

איך האָב ליב די איילבערטביימער פון גליל. אַזעלכע איילבערטן, וועלכע מען זעט אין גליל, קען מען אין ערגעץ נישט באַגעגענען; אַלטע שטאַמען, געפלאָכטענע, געמאַרשטשעטע, געפּלאַצטע פון אַלטקייט, אויס־

געקרומטע פון צער און ווייטיק פון געדייען און וואַקסן. אַזאַ פרישע גרינ־קייט פון זייערע צווייגן, אַזאַ געזעטיקטקייט פון די שמאָלע זילבער־גרינע בלעטער און אַזאַ קילער שאָטן אַרום דיביימער — דאָס האָט מיך תמיד געלאָקט און געפאַנגען.

עס איז גוט צו רוען אין זייערע שאָטנס, וואָרעם נישט בלויז אַ שאָטנ־דיקע קילקייט נעמט דיך אַרום, נאָר עס נעמט דיך אַרום דאָס געפיל אַז דו רוסט אין שאָטן פון דורות און אַז געגוי אַזוי ווי דו איצט, אַזוי האָבן דיינע אבות דאָ גערוט בעת זיי האָבן באַאַרבעט זייערע גערטנער, אָדער בעת זיי זענען דורך דאַנען פאַרבייגעריטן אויף זייערע קעמלען.

תמיד ווען איך זע אַלטע איילבערטן ווייס איך, אַז באַלד וועל איך באַגעגענען אַ ישוב און אַז די מענטשן פון דעם ישוב לעבן אין זאַטקייט און אין רו. איך דערקען דאָס לויט דעם ווי עס זעען אויס די איילבערטן. זענען זיי אַלט, צעצווייגט, אַרומגערייניקט דער באָדן — דאַן ווייס איך, אַז די איינוווינער פון דאָרף לעבן אין שלום און אין שלווה. זענען די איילבערטן פאַרלאָזן, זייערע צווייגן אַרומגעבראָכן, זייערע שטאַמען פאַרוווּנדיקט פון העק, אַרומגעפרעסענע פון פי — דאַן ווייס איך פון פריער אויס, אַז דאָס דאָרף וואָס שפרייט זיך דערביי איז אָרעם, אַז די מענטשן זענען צעקריגט איינער מיטן צווייטן, אַז עס הערשט נישט קיין שלום און אַז די סטאַדעס שעפסן און פי ווערן געטריבן אויף דעם שכנס פעלד. אונטער אַזעלכע איילבערטן זוך איך נישט קיין שאָטן...

*

איך באַוווּנדער דעם טייל גליל ווו די הויכקייטן זענען מילדע, געשלי־פענע, אַזוי ווי געצערטלטע פון דעם באַשעפערס הענט בעת ער האָט זיי געפורעמט.

איך האָב ליב זייער זאַפטיקע גרינקייט, די געוועלבטע ליניעס פון האָריזאָנט וואָס ענדערט זיך מיט יעדן שפּאַן וואָס איך מאַך און עס לאָקט מיך יעדער ישוב, וואָס מען זעט אים אָן אין שויס פון די וועלבונגען. זיי טראָגן תנ״כישע נעמען. יעדער נאָמען פירט מיך צוריק צו אונדזער אַלטער געשיכטע.

איך געפין זיך איצט אויף אַן ערד ווו עס האָבן זיך אָפּגעשפּילט גרויסע געשעענישן און וויפל דער היינט איז נישט אויפשטורעמדיק — פירט ער מיך אָבער צוריק צו יענע צייטן.

נישט ווייט פון דאַנען איז געווען דער סנהדרין.

ווו איז זי די גלילער שטאָט אושאָ, ווו עס האָט געהאַט זיין זיצאָרט דער נייער סנהדרין?

עס איז עטלעכע קילאָמעטער פון דאַנען — האָט מיר געזאָגט מיין באַגלייטער. נאָך די שווערע צייטן, ווען די רוימער האָבן געדריקט דאָס לאַנד ווי אַ רעפּרעסיע נאָכן בר־כוכבא־אויפשטאַנד, האָט אַ גרופּע פון ר׳ עקיבאַ׳ס תלמידים ווי רבי מאיר, שמעון בן־יוחאי און יהודה בן־אלעאי באַשלאָסן אַריבערצוטראָגן דעם סנהדרין אין גליל און אויסגעקליבן דערצו די שטאָט אושאָ. אַהער האָט מען פאַרזאַמלט אַלע עלטסטע פון די קהילות און געלערנטע פון גאַנצן לאַנד, כדי זיי זאָלן אָננעמען מיטלען ווי אַזוי אויפצוהאַלטן דאָס גייסטיקע און רעליגיעזע לעבן נאָך דער שווערער צייט פון דער מלחמה.

אין די בערג, אין דער מילדקייט פון דער נאַטור, אַרומגערינגלט פון שטילע יידישע ישובים, וואָס האָבן דעמאָלט אָנגעהויבן צו היילן זייערע וווּנדן פון די שווערע קאַמפן, אין איינער פון די שענסטע געגנטן פון לאַנד, האָט זיך אָנגעהויבן באַנייען דאָס גייסטיקע מלכות ישראל.

*

די הויכקייט פון מירון דאָמינירט איבער דער גאַנצער סביבה.

איך שטיי ביי דער פּראַנטיקער שטיינוואַנט פון דער אוראַלטער שול, וועלכע איז געווענדעט מיט איר פּאַסאַד צו ירושלים — אויף דרום. די מאַסיווע בלאָקשטיינער זענען דאָס רוב איינפאַכע, אָן באַצירונגען. מען דערקענט נאָך די טרעפּ, וואָס האָבן געפירט צו דעם געבעטהויז. עס זענען געווען פיר שטיגן. אַ דרייפאַכיקע זיילן־שורה האָט אונטערגעהאַלטן דעם סופיט. איצט איז עס אַ חורבה. מען האָט צעשטערט אַלץ, וואָס מען האָט נאָר געקענט צעשטערן. אַזוי ווי בכיוונדיק. עס איז אָבער געבליבן דאָס מאָנומענטאַלע; די פּראַנטיקע מויער מיט די געשלאָסענע בלאָקן פון מעכ־

טיקע שטיינער. עס וואַלגערן זיך געהאַקטע פעלזן־שטיקער און מען חידושט זיך; מיט וואָס פאַראַ טריישאַפט און גלויביקייט די רעשטן פון די פעלדזן ווערן אָפּגעהיטן.

איך האָב זיך נישט געקענט אָפּחידושן, בעת איך בין געשטאַנען אין אָפענעם טויער פון דער שול, ממש אויפן ראַנד פון דעם באַרג און געקוקט אויף די וויטן: אַזאַ פּראַכט! אַזאַ וווּנדערלעכער אויסבליק אויפן גליל! אַזאַ דורכזיכטיקע ווייט־צעגרינטע פּאַנאָראַמע און די הויכקייטן, וועלכע לויכטן אַזוי ווי מיט אַן אָרעאָל! דאָס קען מען דאָך נישט זען אין קיין שום ווינקל פון דער וועלט.

עס איז דאָך זיכער, אַז צוליב דער פּראַכט האָט מען אויסגעקליבן דאָס אָרט אויף אויפצושטעלן אַ יידיש געבעטהויז.

די וועלכע האָבן געבויט די שול האָבן געוואָלט, אַז די מתפּללים זאָלן זען ווי גרויס עס איז דער באַשעפער און ווי שיין עס איז זיין יצירה. נישט אומזיסט זענען דאָס רוב תפילות אונדזערע — דיכטונגען צו דער שיינ־קייט פון דער וועלט.

מען קען דאָ בלייבן שעהן און קוקן אויף די טאָלן, אויף די הויכקייטן, אויף די איילבערט־וועלדלעך, אויף די מילדע וועלבונגען און בעיקר אויף דעם בלאָ פון הימל איבער גליל.

וואָס פאַראַ אונטערשיד עס איז איצט דער וועג וואָס פירט מיך דורך גליל; נייע, ברייט־געפּלאַסטערטע שאָסייען. נייע ישובים, וועלכע זענען דאָ אויפגעקומען. נייע פּלאַנצונגען און ערד־טעראַסן, אויסגעשטיינערטע אויף די ראַנדן פון די בערג.

דאָס איז געשען אין די לעצטע צען־פופצן יאָר. איך טראַכט וועגן די מלחמות, וועגן די באַשיסונגען פון די גולן־הויכקייטן, וועגן דעם אומרו, וואָס האָט אַרומגעכאַפּט דאָס לאַנד ערב דער מלחמה פון די זעקס טעג און די פּיין און ליידן פון עלטערן וועמענס קינדער זענען געפאַלן ביים דער־אָבערן אַלט־ירושלים, אויף די שיפּועס פון גולן, אין סיני און ביים סועץ־קאַנאַל. און דאָך — דאָס לעבן גייט אָן. די קיבוצים באַאַרבעטן נייע שטחים באָדן, זיי צעבויען זיך, זיי האָבן איינגעפירט אינדוסטריעלע אונטערנע־מונגען: פאַבריקן, גאַראַזשן, מאַשין־בוי־וואַרשטאַטן.

*

בעת איך בין געווען אין איינעם פון די דרוזישע דערפלעך אויפן גולן, האָט מיך געפרעגט אַ דרוז אין אַ גוטן פראַנצויזיש: גלייבט איר דעם סיריער? אַז איך האָב געצויגן מיטן אַקסל ווי אַ סימן, אַז איך ווייס נישט וואָס אים צו זאָגן, האָט ער מיט אַ פינגער אָנגעוויזן אויף דער שטאָט קונייטרא, וואָס איז אין גאַנצן עטלעכע קילאָמעטער פון דאַנען און געזאָגט: „די סיריער זענען אָפּנאַרעריש אַזוי ווי די שלאַנגען"...

מסתמא קען דער דרוזישער נאָטאַבל פון דעם דערפל גוט די סיריער און ער האָט אַ יסוד אַזוי צו טראַכטן.

איצט, בעת איך האָב זיך געוואָלט דערמאָנען אַלץ, וואָס איך האָב אַמאָל געלערנט וועגן גליל, ווייל איך שפּאַן דאָך אויף דער דאָזיקער ערד, איז אויפגעקומען אין מיין זכרון די געשיכטע פון מתתיהו בן־יוחננס זון, יונתן, וואָס האָט אָפּגעהאַלטן אין גליל אַ נצחון איבערן חייל פון דעמעטריוס דעם צווייטן, נישט ווייט פון כנרת און גלייך נאָך דעם איז ער אַוועק מיט זיינע קעמפער אויף צפון־מזרח, ביי די בערג פון לבנון און פאַריאָגט דעם שונאס אַרמיי פון דער גרענעץ. צוריקגעקערט זיך קיין ירושלים און אויס־גענוצט דעם קאַמף צווישן דעמעטריוס דעם צווייטן און אַנטיוכס דעם פערטן כדי צו פאַרטרייבן די סיריער און צוגרייטן דעם באָדן פאַר דער באַפרייונג פון יהודה. טריפאָן דער סיריער, מיט וועלכן יונתן איז געווען כלומרשט אין אַן אַליאַנס, האָט אָבער מיט פאַלשע הבטחות אָפּגענאַרט יונתנען דורך אַ שפּיצל. ער איז געקומען מיט זיין חייל קיין בית־שאָן און געגרייט זיך צו באַפאַלן יונתנען. אָבער אַנשטאָט אַרויסצוגיין אין אַן אָפּענעם קאַמף, האָט אים טריפאָן מקבל־פּנים געווען פריינדלעך און געחידושט זיך הלמאי יונתן גרייט קעגן אים זיין חייל, בעת עס איז נישטאָ קיין שום פיינטשאַפט צווישן אונדז — האָט געטענהט דער סירישער מיליטער־פירער טריפאָן. ער האָט איבערגערעדט יונתנען, אַז ער זאָל נעמען מיט זיך אַ קליינע אָפּ־טיילונג און קומען קיין בית־שאָן, אין דער פעסטונג, וווּ מען וועט אַרומ־רעדן וועגן דעם, אַז די יידן זאָלן צוריקטרעטן פון דער שטאָט און פון אַ רייע פעסטונגען. ווי נאָר יונתן איז אָנגעקומען אין דער פעסטונג בית־שאָן האָבן די סיריער אויסגעהרגעט זיין סוויטע און יונתן איז פאַרהאַלטן געוואָרן ווי אַ מלחמה־געפאַנגענער. ווען שמעון חשמונאי, דער ברודער פון

יונתן, האָט זיך דערוווּסט דערפון, האָט ער אין ירושלים צונויפגערופן אַ פאָלקס־אסיפה און געזאָגט: „אַלע מיינע ברידער זענען געפאַלן פאַרן פאָלק ישראל. איך בין געבליבן איינער אַליין. איך וויל נקמה נעמען פאַר אונדזער פאָלק, פאַר אונדזער הייליקטום, פאַר אונדזערע פרויען און קינדער". דער לעצטער פאַרשטייער פון דער חשמונאים־משפחה איז אויסגערופן געוואָרן אַלס פאָלקס־פירער. טריפאָן איז דערגאַנגען מיט זיין חיל ביזן סאַמען צענטער פון יהודה, און געפירט פאַרויס מיט זיך שמעונס ברודער, יונתן, אַ געשמידטן אין קייטן. ביי אַדידאַ, מערב־זייט פון ירושלים, האָבן זיךביידע מחנות באַגעגנט. שמעון האָט אים פאַרשטעלט דעם וועג. טריפאָן האָט געשיקט אַ שליח און געזאָגט: אויב איך וועל קריגן 300 טאַלאַנטן אויסקויפגעלט און דערצו יונתנס צוויי זין, אַלס ערובניקעס, וועל איך באַפרייען יונתנען. נישט געקוקט וואָס שמעון חשמונאי האָט געהאַט אַ חשד, אַז דער פאַלשער טריפאָן וועט אים גענאַרן, האָט ער אָבער געוואָלט אויס־נוצן יעדן שאַנס אויף צו ראַטעווען זיין ברודער יונתן, כדי מען זאָל אים שפּעטער נישט קענען מאַכן אַ פאַרוואורף, אַז ער האָט נישט געוואָלט אויס־קויפן זיין ברודער פון שונאס הענט.' טריפאָן דער סיריער האָט אָבער ווידער אַ מאָל אָפּגענאַרט. לויט אַ באַפעל איז יונתן געטויט געוואָרן פון טריפאָנען און דער קבר פון העלדישן יונתן געפינט זיך אין מודיעין...

*

די געשיכטע מיט דעם הינטערליסטיקן סיריער טריפאָן איז אַלט, אָבער דווקא איצט איז זי מיר געקומען אין זכרון. איך האָב געטראַכט: ווו נעמט מען אַ יידישן שעקספּיר, וואָס זאָל שילדערן די דראַמע פון שמעון חשמונאי אין יענער נאַכט ווען ער האָט געשיקט יונתנס צוויי זין און דאָס אויסקויפגעלט, כאָטש ער האָט געוווּסט אַז ער האָט צו טאָן מיט אַ כיטרען און אָפּנאַרערישן שונא?

נעכטן בין איך פאַרבייגעפאָרן מודיעין. עס איז בסך־הכל צוועלף ווי‍אָרסט מזרחדיק פון לוד, ווו עס האָט געלעבט דער אַלטער כוהן מתתיהו בן־יוחנן פון דער משפחה חשמונאים, דער פאָטער פון פינף זין: יוחנן, שמעון, יהודה, יונתן און אליעזר.

היינט שפּאַן איך אויף דער ערד ווו יונתן האָט געפירט זיינע נצחונות־דיקע שלאַכטן. ווער ווייסט וואָס פאַר גבורה ער וואָלט באַוויזן מיט זיין געניאַלקייט ווען ער וואָלט נישט געגלויבט דעם כיטרען און אָפּנאַרערישן סיריער...

יאָ, די געשיכטע לערנט אונדז פיל. מען דאַרף מאַכן אויספירן פון דער פאַרגאַנגענהייט...

איילבערטביימער

די אַלטע איילבערטביימער אויפֿן וועג קיין צפת האָבן אויף זייערע קרוינען אַן אָרעאָל. די פֿאַרקראַמפּטע שטאַמען, די צווייגן אויסגעקרומטע ווי פֿון צער, די בלעטער — זילבערדיק־גרינע, די קאָרע — צעפּלאַצט, מיט אויסהוילונגען, מיט ריסן און שפּאַלטן און דער יונגער אַרויסשפּראָץ וואָס רייסט זיך צו די הימלען, כּדי נאָך דעם ווי ער וועט אויסטראָגן די פֿרוכט, פֿאַרטריקנט ווערן און לאָזן דעם זאַפֿט־אָדער אין זיך, אין דער גראָער פֿאַרבאָרגעניש, נערן דעם קנאָספּ, וואָס וועט אויפֿגיין איבער אַ יאָר מיט דער אייביקער יונג־גרינער יונגשאַפֿט.

נישט איין מאָל בין איך געבליבן שטיין ווי פֿאַר אַ וווּנדער; אַ שטאַם אויסגעהוילט פֿון אַלטקייט, פֿון דונערן, פֿון אַ פֿייער, וואָס האָט געבושעוועט. דער אַלטער איילבערט האַלט זיך ממש מיט נסים. עס דאַכט זיך, אַז דער מינדסטער באַרגווינט וועט אים איינוואַרפֿן. אָט איז ער שוין אויסגעבויגן, מיט איין צווייג, דעם דיקן, גרייכט ער צו דער ערד, ווי ער וואָלט זיך געוואָלט אָנשפּאַרן, ווי ער וואָלט געזוכט אַן אָנלען און איינהאַלטן זיין ביימערישן גלייכוואָג, און דאָך טראָגט ער אַ קרוין מיט גרין־צעזילבערטע איילבערטבלעטער און מיט אַן אָנזאָג פֿון אַ גערעטעניש. יוגנשאַפֿט און אַלטקייט באַגעגענען זיך, און וואָס עס איז נאָך מער וווּנדערלעכער, איז די פֿרוכט, וואָס זיי טראָגן אויס.

איך האָב ליב די איילבערטן פֿון גליל, אָבער ליבער נאָך האָב איך דאָס כּישופֿדיקע ליכט וואָס די איילבערטן טראָגן. דער מאָלער ראובן האָט דאָס

ליכט פּאַראײביקט אין אײנעם פון זײַנע פּיזאַזשן, װעלכע זענען דערנאָך רעפּראָדוצירט געװאָרן אין פיל קונסטביכער פון דער הײנטצײטיקער ישראל־מאַלערײ. ער האָט אָבער צופיל אידעאַליזירט, צופיל ראָמאַנטיזירט די אײלבערטן. מען פילט נישט דעם צער, די לײדן און דעם פּײַן פון דעם בוים, װאָס איז גובר די שטורעמס, די היצן, די שלאַקסרעגנס, טריקענישן און בעיקר, דער בוים װאָס איז גובר די צײַט, װי זי װאָלט אויף אים בכלל קײן שליטה נישט געהאַט. די שטאַמען — פעסטע, געמאָרשטשעטע, געפלאָכטענע, אָפּט מאָל מיט צײכנס פון װוּנדן, פון אַ האַק װאָס האָט זיך אויף זײ פאַרמאָסטן, פון אַ בײזער האַנט, װאָס האָט זײ געבראָכן און נישט געקאָנט צעברעכן — האָבן זיך אין חודש אייר צעבליט אַזש איך האָב נישט געקאָנט אָװעקנעמען מײַן בליק פון דער בליונג־פּראַכט.

מען מוז ליב האָבן דעם אײלבערט, כדי צו באַנעמען זײַן אורשײנקײט. אַ נישט־געניטער מענטש װעט אַפילו נישט דערזען, אַז דער אײלבערט בליט. אַזאַ איז די גרוי־זילבערדיקע באַשײדנקײט פון דעם בוים. ער איז נישט געגליכן צו די ליכטיק־געלע װעג־מימאָזעס, נישט צו די ביימער, װעלכע בליען מיט בלויע בלומען אַזוי װי דער הימישער בעז, אַזש דער גאַנצער בוים איז אײן שטיק בלוי.

לײװיק האָט אין אײנעם פון זײַנע ישראלדיקע לידער באַזונגען „די ביימער װאָס בליען בלוי". איך געדענק װי אַזוי דאָס ליד איז אויפגעקומען. דאָס איז געװען אין יאָר 1952. לײװיק איז געװען אין ישראל. איך בין געקומען אים אײַנלאַדן קײן יאַזור. מיר האָבן שפּאַצירט אין די אַלטע לײמגעסלעך, געגאַנגען אויף די אוראַלטע קעמלװעגן און אײזלשטעגן און, מיט אַ מאָל, בין איך געבליבן װי פאַרחידושט: איך האָב דערזען אַ בוים, װאָס איז געװען אַנגעטאָן אין בלוי. אַ בוים װאָס אַלע צװײַגן האָבן געבליט מיט בלויע בלומען. „די ביימער בליען בלוי?" — האָט מיך לײװיק געפרעגט. ער האָט נישט געװאָרט אויף מײַן ענטפער װײַל ער איז דאָך געװען אַן איבעריקער. יאָ, ביימער בליען בלוי. צומאָרגנס האָט לײװיק פאַר מיר פאָרגעלײענט דאָס ליד. איך געדענק גוט יענעם טאָג װען מיר זענען געזעסן אין שאָטן פון אַן אַלטן סיקאָמאָר און איך האָב דערצײלט ה. לײװיקן די מעשיות פון עוזיאלן, דעם תימנער זקן, װעלכער איז יעדן פאַרנאַכט געקו־

מען צו מיר און מיט אַ ניגונדיקן לשון־קודש אויסגעזונגען מעשיות פון די אַלטע קעמלרייטער און פון די אָרעמע שיקמה־קלייבער.

אַנטקעגן וואָס האָב איך זיך איצט דערמאָנט אין לייוויקס ליד? איך האָב זיך דערמאָנט ווייל מען האָט די איילבערטן ווי פאַרגעסן. מחמת דער באַשיידנקייט און שטילקייט פון דעם בוים, מחמת דעם וואָס ער כישופט נישט מיט זיין פראַכט און זיינע פאַרבן זענען פאַרבאַרגענע און די פירות, וועלכע ער טראָגט אויס, זענען אַזעלכע אומזעעוודיקע, אַזש מען דאַרף זיין אַ געניטער איילבערט־קלייבער, כדי זיי צו דערזען אויף די צווייגן.

★

נישט איינער פון אונדז, וועלכער איז געבוירן געוואָרן אין די לענדער וווּ ביי טייכן וואַקסן ווערבעס, איז געבליבן שטיין פאַר דעם איילבערטבוים און געטראַכט: איז עס אפשר די זילבערדיקע ווערבע פון מיין קינדהייט? איז עס נישט דער בוים פון מיין טייכל, ווו איך האָב געזוכט שאָטן אין מיין ייִנגלשאַפט?

וויפל לידער האָבן יידישע דיכטער פאַרפאַסט צו דער ווערבע? וואָס איז דען די ווערבע אַנטקעגן דעם איילבערט? איין איילבערטבוים קאָן געבן אייל פאַר אַ משפחה אויף לאַנגע לאַנגע חדשים. דער שאָטן פון איילבערט, די ערד אַרום אים, ווערט געשיצט פון דער זון און דערמעגלעכט פאַרן פעלאַך צו פאַרפלאַנצן אַ ביסל ירקות, צו פלעגן זיין גערטנדל און צו האָבן פרישן סאַלאַט פאַר זיין מאַלצייט.

★

איך גיי פאַמלעכער און קוק אויף די איילבערטסעדער, וועלכע שפרייטן זיך פוןביידע זייטן וועג קיין צפת. יעדער בוים איז אַזוי אַנדערש ווי אַנדערש עס איז אַ מענטש פון אַ מענטש. איך פיל, אַז די ביימער געדענקען גוט די פאַרגאַנגענע צייטן. אַט איז אַ בוים, וואָס איז אַלט עטלעכע דורות. לעבן אים וואַקסט אַ צווייטער בוים וועמענס וואָרצלען זענען נאַקעט, זיי שטאַרצן אַרויס פון דער ערד ווי זיי וואָלטן דאָרט שוין מער קיין אָרט

נישט געפונען פאַר זיך. הונדערטער יאָרן זענען זיי אַלט. הונדערטער יאָרן האָבן זיי געגערט די, וועלכע האָבן זיי באַאַרבעט.

באַאַרבעטן און פלעגן די איילבערטביימער איז נישט שווער. דער בוים פאָדערט נישט קיין סך פון מענטש. ער גיט אַוועק אַלץ: דעם זאַפט פון זיינע אָדערן, דעם טעם פון זיינע וואָרצלען און די נאַרהאַפטיקייט וועלכע ער זאַפט איין פון דער ערד. ער דערגרייכט מיט די צווייגן צו די טיפע ערדישע קוואַלן און די ביימערקרוין זיינע, באַשיצט און באַשירעמט אַלע־מען, ווער עס קומט נאָר נאָענט צו זיין שטאַם.

איילבערטן — דער שענסטער, דער איידלסטער, דער שטילסטער און דער סאַמע נוצלעכסטער בוים וואָס זיין פראַכט איז אַזוי פאַרבאָרגן אַזש מען דאַרף האָבן אַ האַרץ אַ פילנדיקס, און אַן אויג וואָס איז ביכולת אויס־צוגעפינען דאָס איידעלע, דאָס שטילע און דאָס דערזען און אויך מאַכן אַלעמען דערזען.

יאָ, די איילבערטן טראָגן אויף זייערע קרוינען אַן אָרעאָל, אַ געטלעך ליכט.

צפת, די שטאָט פון קבלה און דיכטונג, האָט די שענסטע איילבערט־ביימער וועלכע איך האָב נאָר ווען עס איז געזען אין ישראל.

*

צוויי איבערלעבענישן האָב איך געהאַט אין צפת מיט יאָרן צוריק. עס איז געווען אין די ימים נוראים. איך בין געגאַנגען צו כל נדרי נישט אין דער שול פון אר״י הקדוש נאָר אין אַ שטיבל פון אַ רבי. איך וועל קיין מאָל נישט פאַרגעסן דעם יום כפור אין צפת. איך וועל שוין תמיד געדענקען דאָס דאַווענען פון דעם רבי. אַזאַ ניגון, אַזאַ אויסטענהן זיך מיט דעם רבונו של עולם, נישט מיט ווערטער, נישט מיט רייד, נאָר מיט דעם געזאַנג, מיט דעם ניגון, מיט דעם אימפעט פון די הענט־באַוועגונגען, מיט די פנים־קנייטשן און דעם קאָפּ, וואָס האָט זיך נישט אָפּגעקערט פון דער פשוטער געקאַלכטער וואַנט ווי ער וואָלט געוואָלט די שטיינער צעשפּאַלטן מיט דעם הייסן אָטעם זיינעם.

איך וועל נישט פאַרגעסן דעם אַלט־יידישן יום־כפור־ניגון וועלכער האָט זיך אַרויסגעריסן פון דעם שטיבל און איז אַוועק ווי אויף פליגל צו די בערג אין צו די טאָלן, וועלכע רינגלען אַרום צפת.

איך האָב באַשיימפּערלעך געפילט יענעם פאַרנאַכט ווי דער ניגון האָט אַראָפּגענידערט צוערשט צו דעם טאָל, ווו עס פליסט דער קוואַל צו וועלכן דער אר״י הקודש פלעגט תמיד גיין מיט זיינע תלמידים און דערנאָך האָט זיך דאָס האַרץ־רייסנדיקע קול פון רבי אויפגעהויבן הויך, הויך. ווי האָט דאָס געזאָגט פרץ? אויב נישט נאָך העכער...

די צווייטע איבערלעבעניש איז געווען בעת איך האָב אין אַ פרייטיק פאַר טאָג, איידער די זון איז אויפגעגאַנגען, אָנגעהויבן אַראָפּנידערן פון די צפתער הויכקייטן צו דעם וואָדי ווו דער אר״י הקודש פלעגט אָפט גיין מיט זיינע תלמידים.

איך בין אַוועק פון מיין קליינעם האָטעל מיטן נאָמען „ציון״ און איינער אַליין אָנגעהויבן זוכן דעם וועג צו דעם קילן קוואַל, אין דער נידער פון דעם וואָדי. צוערשט בין איך געגאַנגען איבער נאַקעטע הויכקייטן, איך האָב געזוכט די שטעגלעך, וועלכע זענען אַמאָל אויסגעטראָטן געוואָרן, איך האָב אויסגעמיטן די שטיינער, אויסגעמיטן צו באַרירן די טראַציק־שטייפע צווייגן פון שטעכיקע קוסטעס און איינגעהערט זיך אין דער שטילקייט: אפשר לויערט עמעצער אויף מיר?

אפשר צישעט אַ שלאַנג אין דעם שטיינערדיקן אָנהויף, פאַרביי וועלכן איך גיי איצט, כדי זיך צו באַפרייען פון דעם איבערפלוס פון גיפט, וואָס זי האָט?

אפשר בלאָנקעט דאָ אַרום אַן אַראַבער, וועלכער איז געקומען מיט בייזע כוונות פון יענער זייט וואָדי, וואָס געהערט שוין נישט צו ישראל, נאָר עס איז דאָס מלכות פון מלך חוסיין?

עס איז געווען אַ זעלטענע פאַרטאָגיקע שטילקייט. איך האָב געהערט דעם טרוקענעם געצוויטשער פון פייגל ווי עס וואָלטן זיך געבראָכן צווייגלעך מחמת טרוקעניש. כאָטש איך האָב געוואָלט גיין רויק, שפּאַן נאָך שפּאַן, האָט דער באַרג־אַראָפּ מיך געצויגן, גערופן און געמאַכט אייליקער מיינע טריט אַזוי, אַז איך האָב זיי שוין מער נישט געקענט קאָנטראָלירן. איך

בין ממש געלאָפן און צוזאַמען מיט מיר האָבן זיך נאָכגעקייקלט קליינע שפּליטער־שטיינער און ערדגרודעס.

עטלעכע מאָל האָב איך פאַרלוירן דאָס שטעגל און דערנאָך עס ווידער אָפּגעפונען, כדי עס ווידער צו פאַרלירן. עס איז געווען פאַר מיר אַ רעטעניש: אָט פירט מיך אַ שטעגל ביז אַ נידעריק ביימל. דאָרטן ליגן עטלעכע שוואַרצע שטיינער. און אויס. דאָס שטעגל איז פאַרשוווּנדן, נישטאָ מער קיין המשך; וואָס איז געשען מיט די מענטשן, וועלכע זענען געגאַנגען אויף דעם שטעגל? פאַר וואָס איז עס אָפּגעהאַקט געוואָרן? אפשר זענען דאָ געגאַנגען מלאכים? אפשר האָבן זיי זיך פון אָרט אויפגעהויבן צו די הימלען?

איך האָב באַדויערט פאַר וואָס איך האָב נישט געלערנט קבלה. פאַר וואָס איך קען נישט די סודות פון די צייכנס און ווייסט נישט דאָס וואָס עס האָבן געוווּסט די מענטשן פאַר מיר אין אַמאָליקן צפת?

איך האָב אָבער געוווּסט, אַז דאָ זענען אַרומגעגאַנגען גרויסע משוררים און אַז אין צפת איז געווען אַ שולע פאַר דיכטער. יאָ, אין אַמאָליקן צפת האָט מען געלערנט עברית־דיכטונג. מען וועט נאָך צוריקקומען צו יענער שולע פון פאַרפאַסן שירים און פון קבלה.

זיבן מאָל בין איך אָפּגעגאַנגען אין שווייס ביז איך בין אָנגעקומען צום וואדי.

אויסטערליש! אַ קילקייט האָט דאָ געהערשט און איך האָב געהערט דייטלעך דעם געריזל פון וואַסער. אַ גרינע וועלט האָט זיך פאַר מיר אַנטפּלעקט;ביימער מיט צווייגן געדיכט־באַבלעטערטע, קוסטעס צעוואַקסענע, גראָזן וויגנדיקע, איידעלע, וועלכע האָבן געבעטן, אַז מען זאָל זיי צערטלען. דאָס געשאַרכעריי פון וואַסער האָט מיך אָפּגעפרישט, כאָטש איך האָב נאָך נישט אָפּגעפילט אויף מיין גומען די וואַסער־פייכטקייט און מיינע אויגן האָבן זיך נאָך נישט געשפּיגלט אין דער וואַסער־קילקייט.

איך בין געגאַנגען גיך, נישט אויסגעמיטן די שטרויכל־קוסטעס, אַריבערגעשפּרונגען אַלע צוימען און לסוף דערגרייכט דעם וואַסערקוואַל.

אַ זילבערדיק־גאָלדענער וואַסער־אָדער האָט זיך געריסן אַ וועג דורך שטיינער, אַראָפּגעפאַלן מיט געפּאַטשעריי און געפּליעסק אויף אַ צווייטן

שטיין, דערנאָך אויף אַ פעלדז און פון פעלדז האָט ער געגורטעוועט אין דער שליימיק־גרינער ערד שאַפנדיק אַ קליינע אָזיערע.

איך האָב זיך לאַנג איינגעהערט אין דעם פריילעכן וואַסער־גערויש און אין דעם פייגל־געזאַנג.

דאָ, אין וואַדי, האָבן געזונגען די פייגל מיט די ניגונים, וועלכע איך האָב געדענקט פון מיין יינגלשאַפט און איך האָב געוואָלט מיט זיי מיט־זינגען. איך בין אַ באַרוועסער אַרומגעשפּרונגען פון שטיין אויף שטיין ביז איך האָב געפונען אַן אָרט, וואָס האָט אויסגעזען ווי אַן אַרענע, האַלב־רונדיק און אין מיטן אַן אויסגעהאַקטער שטיין ווי אַ טיש מיט אַ בענקל. אָט דאָ, האָט דער אר״י הקודש געלערנט מיט זיינע תלמידים. דאָ זענען אַנטשטאַנען די שענסטע שירים, וועלכע עס האָבן אויסגעזונגען די משוררים פון צפת. דאָ! אויף דעם אָרט!

*

איך האָב געניִדערט ביז צום קוואַל און געטרונקען דאָס וואַסער, געוואַשן מיינע הענט און אויסגעצויגן זיך מיטן פּנים צו די הימלען. איך האָב געזען דעם הימל איבער מיר האַלב פאַרשטעלט פון גרינע צווייגן. איך האָב געזען די לייכטע וואַנדערנדיקע וואָלקנס און עס האָבן אָנגעהויבן אויפגיין אין מיר זכרונות פון יענע טעג און יענע יאָרן ווען עס האָבן זיך איינגעשטילט די שיסערייען און די וועלט האָט אויף עטלעכע זוניקע שעה צוריקבאַקומען איר פרידלעך פּנים. דעמאָלט האָב איך תּפילה געטאָן: דערפיר אַלמעכטיקער אַז שטילקייט זאָל הערשן און דיין ליכט זאָל נישט פאַרטונקלט ווערן פון רויכוואָלקנס. איך האָב איצט געדאַנקט דעם איי־בערשטן הלמאי ער האָט דעמאָלט דערהערט מיין תּפילה.

דאָ, אין טאָל ביי צפת, האָב איך פאַרשטאַנען, אַז ער האָט מיך באַשיצט. איך געדענק אַזוי ווי עס וואָלט געווען נעכטן: מיין מוטער האָט מיר געזאָגט: איך ווייס, אַז דו גייסט אַוועק אויף אייביק. איך וועל בעטן, אַז צוויי גוטע מלאכים זאָלן דיך באַגלייטן. איך גלייב, אַז די תּפילה פון מיין מוטער איז דערהערט געוואָרן, איך ווייס, אַז זי האָט געבעטן פאַר מיר אין

איר לעצטער שעה. איצט האָב איך זיך באַגעגנט מיט די צוויי מלאכים. זיי זענען מיר נאָכגעגאַנגען ביז צו דעם טאָל פון אר״י און זיי שטייען איצט, נישט ווייט פון מיר און הערן זיך איין אין מיינע מחשבות.

*

עס זענען אַדורך יאָרן און איך בין ווידער אין צפת. איך גיי איבער די געסלעך, די געוויקלטע אַזוי ווי די רצועות, אַזוי ווי די פּאַרמעטן, און לייען די אַלטע, די פאַרגעסענע געשיכטע פון יעדן שטיין און פון יעדער מויער.

איך דערקען די קעמלוועגן, איך באַנעם אַלץ וואָס עס איז געשען אין דער דאָזיקער שטאָט צו וועלכער מען מוז עולה זיין, וואָרעם דער וועג צו איר פירט באַרג אַרויף.

איך וועל קיין מאָל נישט פאַרגעסן דעם יידיש־פּוילישן קינסטלער אריה מערזער וועלכער האָט מיר געוויזן די גאַנעקלעך, די אָרנאַמענטן, די אַלטע באַפּוצונגען פון די צפתער הייזער. עס איז דאָך אַזוי אייגן און אַזוי היימיש — האָט ער געשעפּטשעט צו מיר.

איין מאָל האָבן מיר געטראָפן אַ זקנה אין אַ שייטל וואָס האָט געזאָגט צו אונדז אין אַ טיף־רירנדיקן יידיש: „איך גיי קויפן אַ ביסל נאַפט ווייל דער ערב־שבת פאַלט־צו און איך האָב נישט באַוויזן אַריינפירן דעם שבת־הקודש״.

אריה מערזער האָט דאָ אַנטדעקט זיין אייגענע וועלט און געשעפּט אינספּיראַציע פאַר זיינע שטעטלדיקע פלאַסטישע קופּערבלעכן.

יאָסל בערגנער האָט אין צפת אַנטדעקט דעם געעלטערטן ייד, „דער זייגערמאַכער״, וואָס האָט אָנגעהויבן צו מאָלן תנכישע מאָטיוון אויף זיין פאָלקסשטייגער, תמימותדיק־נאַאיוו און שיין ביז טרערן. „דער זייגער־מאַכער״ — דאָס איז געווען אַ צפתער ייד פון דורות, וואָס האָט אונטער דער ווירקונג פון אַ מאָלער אָנגעהויבן צו שאַפן ווערק, וועלכע וועלן בלייבן אין דער נייער ישראלדיקער פאָלקס־קונסט.

אין די געסלעך פון צפת האָב איך געטראָפן מיין חבר, אַלכסנדר באָגען, דעם גרויסן יידישן קינסטלער, וואָס האָט געבראַכט מיט זיך ווילנע, מאָלע־

רישע קולטור פון דער קונסט־אַקאַדעמיע און דעם הערצאָיזם פון דער צפת איז ער אויפגעגאַנגען ווי דער מיטשעפער פון דער היינטצייטיקער ישראלדיקער מאָלעריי.
צייטיקער ישראלדיקער מאָלעריי.

צפת. אויף די טרעפּ פון די געסלעך האָב איך אַמאָל ביז שפּעט אין דער נאַכט אַריין געפירט שמועסן וועגן קונסט, וועגן מאָלעריי, וועגן יידיש, און געפילט האָב איך דערביי, אַז אייביק איז דער ניגון פון דעם אומ־באַקאַנטן רבי, וואָס האָט אויסגעזונגען דאָס תפילהדיקע געזאַנג צו די נאַקעטע געקאַלכטע ווענט, וועלכע האָבן זיך צעעפנט כדי די בערג און די טאָלן אַרום צפת און אויך די הימלען זאָלן דעם ניגון דערהערן.

איצט ווייס איך אַז אייביק זענען די איילבערטן און אַז דאָס ליכט אויף זייערע קרוינען איז דאָס ליכט פון די הימלען.

ווי גוט איז צו טראָגן אין זיך די שטילקייט און באַשיידנקייט פון אַן איילבערטבוים, ערגעץ אויף די וועגן, וועלכע פירן קיין צפת.

בית־שאן

דער פּאַרק, וואָס רינגלט אַרום דאָס אוראַלטע טעאַטער אין בית־שאן, איז גרין, צעבליט. די היי־יאָריקע רעגנס אין פרילינג זענען געפאַלן שפּע־דיק. די מימאָזע איז גאָלדיק. די ציפּרעסן — גרין־זילבערדיק און דער יונגער אשל — זאַפטיק־גרין. די פלאַנצנוועלט איז דאָ אַ רייכע. עס זענען אַריינגעפירט געוואָרן נייע און אומבאַקאַנטע פאַר מיר מינים געוויקסן, וואָס בליען מיט די שענסטע בלומען.

איך שטיי ביים אוראַלטן טעאַטער, וואָס האָט זיך אָנגעהויבן בויען ביים סוף פון צווייטן יאָרהונדערט און איז פאַרטיק געוואָרן מיט אַ דור שפּעטער און שטוין: אַזאַ אומגעוויינטלעך־אַפּגעהיטענע און גוט געשוינטע אַלטערטימלעכקייט, וואָס שטייגט איבער, לויט איר קאָנסערווירונג, די אַרכעאָלאָגישע אויפדעקונגען פון גאַנצן נאָענטן מזרח — ווי אַזוי איז דאָס אַנטפּלעקט געוואָרן?

מיט פופצן יאָר צוריק האָט מען דאָך אַפילו נישט געוווסט וועגן דער עקזיסטענץ פון דעם אוראַלטן טעאַטער אין בית־שאן?

מיין חידוש איז טאַקע אַ ריכטיקער, אָבער נאָך דעם ווי איך באַקען זיך נענטער מיט דער געשיכטע פון דער אַנטדעקונג פון דעם בית־שאנער טעאַטער, הייבן מיר אָן קלאָר ווערן פיל שאלות. אין יאָר 1959 האָבן צוויי ישראלדיקע אַרכעאָלאָגן פעסטגעשטעלט דאָס אָרט פון דעם טעאַטער. טאַקע אַדאַנק דעם וואָס שיכטן ערד האָבן פאַרדעקט דעם ריזיקן אַמפיטעאַטער איז ער אָפּגעראַטעוועט געוואָרן פון אַ פולער צעשטערונג. מען האָט נישט אַוועקגענומען די בלאָקן געהאַקטן שטיין, מען האָט נישט צעשטערט די

זיילן, די וועגט, די אַלערליי באַצירונגען. די ערד האָט בערך פופצן דורות אויסבאַהאַלטן דעם סוד און דערמיט איז געשוויגנט געוואָרן זיין גורל.

עס זעט אויס ווי מען האָט געוואַרט אין די הימלען ביז עס וועט באַנייט ווערן די יידישע מדינה כדי ווידער אַ מאָל צו אַנטפּלעקן די פּראַכט פון דער אוראַלטער בויונג: אַ בינע וואָס האָט ניינציק מעטער די לענג. זייטיקע קולוואַרן, וואָס פירן צו דער בינע, וועלכע ציען זיך אויף צענדליקער מעטער. באַזונדערע ערן־ערטער, פולשטענדיק סעפּאַרירטע פאַר די פּני, פאַר דער קעניגלעכער סוויטע, פאַר די פירשטן און פאַר דעם קעניג. אין דעם טעאַטער קאָנען אַריינגיין מער ווי אַכט טויזנט מענטשן!

הייסט דאָס אַז דאָ זענען פאָרגעקומען מאַסנשפּילן? אַז אין בית־שאן האָבן זיך פאַרזאַמלט טויזנטער און טויזנטער איינוווינער פון די שכנות־דיקע שטעט און דערפער?

זעט אויס, אַז די געגנט איז געווען שטאַרק באַפעלקערט און די ערד איז גוט באַאַרבעט געוואָרן פון פויערים, אַז עס האָט דאָ געהערשט זאַטקייט און די מאַסנשפּילן האָבן צוגעצויגן נישט בלויז די חיילים, נאָר אויך טויזנטער תושבים.

אַרום בית־שאן שפּרייטן זיך קיבוצים און דערפער: מעוז חיים, נוה איתן, כפר רופין, שדה אליהו, טירת צבי, שדה נחום, בית השטה, ניר דוד, בית אלפא, עין חרוד און אַנדערע.

יעדער ישוב האָט זיין אייגענע געשיכטע און אויך די געשיכטע וואָס איז אונדז אַלעמען באַקאַנט — דער שווערער טעגלעכער געראַנגל פאַר רו, פאַר דער זיכערקייט פון טראַקטאַריסט, וואָס איז אַרויס אין פעלד אַריין, אַז ער זאָל נישט אַרויף אויף אַ מינע, וואָס איז פאַרדעקט מיט זאַמד, אַז מען זאָל אויפהערן באַשיסן די ישובים פון די הויכקייטן, ווו עס זענען אַנגע־שטעלט אַראַבישע האַרמאַטן, אַז עס זאָלן זיך נישט אַריינשלייכן פון יענער זייט ירדן טעראָריסטן.

אויך בית־שאן ווייסט וואָס עס האָט באַדייט די נאָענטקייט מיט די פאַדאיון־באַזעס, עטלעכע קילאָמעטער פון יענער זייט ירדן.

*

דאָס אַלץ געהערט שוין איצט צו דער פאַרגאַנגענהייט. זעקס יאָר נאָך דער מלחמה פון די זעקס טעג. עס איז געוואָרן רויִק, שטיל. מען הערט נישט קיין שיסערייען. לענגויס דעם ירדן־טייך ציט זיך אַ דראָט־פאַרצוימונג אויף צענדליקער קילאָמעטער. די ערד אַרום איז אָפּגערייניקט. מען זעט גרויע לאַנגע פּאַסן ערד ביים דראָט־גדר. זיי זענען פּאַרזייט נישט מיט קיין בלומען... אפשר וועט קומען אַזאַ צייט ווען מען וועט די ברעגן פון ירדן באַדעקן מיט בלומען. דערווייל קנוילן זיך דאָרט עטלעכע רייען שטעכ־דראָטן און אין דער ערד זענען פאַרבאָרגן מינעס קעגן די, וואָס וועלן וואַגן אַריינשלייכן זיך אין די נעכט און באַדראָען די יידישע ישובים. לענגויס לויפט אַ גוט געפּלאַסטערטער שאָסייוועג. יעדע עטלעכע הונדערט מעטער זענען פאַראַן שוץ־פּאָזיציעס, פון שטיינערנע ווענט. עס איז אַ גרענעץ, וועל־כע מען וועט נישט קענען אַזוי לייכט דורכגיין ווי עס איז געווען פריער.

אַן אויסטערלישער „אימפּעריאַליזם" איז דאָס; מען פאַרווענדעט שווערע מיליאָנען, אַן אומגעווייניטלעכע אַרבעטס־ענערגיע און מען גיט אַוועק אַזוי פיל מי און כוח, כדי צו באַשיצן די אייגענע שטעט און דערפער דורך אַרומצוימען זיך.

מען וואָלט זיי געדאַרפט אַוועקפירן די אַלע לינקיסטן, וואָס האַלטן אין איין באַשולדיקן ישראל אין וועלן אויסשפּרייטן איר טעריטאָריע, אין וועלן פאַרכאַפּן נייע שטחים און זיי ווייזן ווי אַזוי ישראל האָט דאָ אויפגע־שטעלט צוימען, כדי באַשיצן קיבוצים, שטעט און דערפער, וועלכע זי האָט דאָ אויפגעבויט באַלד אין בראשית פון דעם ציוניזם. מען וואָלט זיי געדאַרפט ווייזן די בונקערס ווו די קינדער אין ישובים האָבן זיך אויפגעהאַלטן חד־שים לאַנגע, נאַכט־נאָך־נאַכט.

*

סקיטאָפּאָליס — אַזוי האָט מען גערופן אַמאָל בית־שאָן.

דער אַמאָליקער צענטער פון מלכות ישראל איז העלעניזירט געוואָרן. אין בית־שאן איז שוין געווען אַ מערהייט פון דער באַפעלקערונג וואָס איז באַשטאַנען פון גריכן און סיריער. די שטאָט האָט זיך געפונען אונטערן שוץ פון די סירישע מלכים און האָט געשאַפן אין עמק־יזרעאל, ביי די טויערן פון יהודה, אַ שטאַרק־אַרויסגערוקטע באַזע פאַר דער סירישער הערשאַפט...

בעת מען קוקט זיך איין אין דער מאַפּע פון ישראל ביז דער מלחמה פון די זעקס טעג זעט מען עפּעס ענלעכס: די אַרויסגערוקטע אַראַבישע שטחים פון שומרון און די גרעסטע טיילן פון יהודה, האָבן געשאַפן אַ גוטע באַזע פאַר דער פיזישער באַדראָונג פון מדינת ישראל, אַרומרינגלענדיק פון דריי זייטן ירושלים און האַלטנדיק אין די הענט די שליסל־פּאָזיציעס ביי קלקליה אויף צו קענען, צו יעדער צייט, צעשניידן די יידישע מדינה אין צוויי.

אַנטיוכוס קיזיקענאָס. דער סירישער קעניג, איז געקומען מיט אַ סירי־שן גאַרניזאָן, אָבער די יידן האָבן אים פאַרטריבן. דעמאָלט האָט דער סירי־שער מלך אַריינגעפירט קיין יהודה עגיפּטישע הילפס־גאַרניזאָנען און מיט זייער הילף גענומען פאַרוויסטן דאָס לאַנד... ווידער אַ מאָל פּאָרט זיך צענויף די אוראַלטע געשיכטע מיט אונדזערע טעג. עגיפּטישע באַזעס אין סיריע...

די געשיכטע לערנט אונדז: ווידער האָבן זיך די יידן אַן עצה געגעבן. דאָס חייל פון פיינט איז צעקלאַפּט געוואָרן. די שטאָט סקיטאָפּאָליס, דאָס הייסט, בית־שאָן, איז צוריק איינגענומען געוואָרן פון יידן...

נאָך דעם ווי פּאָמפּעאוס האָט דעראָבערט ירושלים און די מלוכה איז אַרונטערגעפאַלן אונטערן פּראָטעקטאָראַט פון רוים, האָט ער באַפוילן אָפּצורייסן פון יהודה אַ רייע וויכטיקע שטעט ווו עס איז געווען אַ גריכישע מערהייט ביים ים־ברעג, סירישע שטעט לענגויס דעם ירדן און באַזונדערס סקיטאָפּאָליס. אַזוי אַרום איז בית שאָן ווידער אַ מאָל אָפּגעטיילט געוואָרן פון יידישן מלכות, וואָס האָט איינגעהאַלטן אַ געוויסע „אויטאָנאָמיע". בית־שאָן האָט זיך אָנגעהויבן גיך צו העלעניזירן.

✶

נאָך דער אַנטשטייונג פון מדינת ישראל איז בית־שאָן געווען אַ קליין אָרעם און אָפּגעשטאַנען שטעטל. די ערשטע עולים האָבן זיך אָנגעהויבן צו באַזעצן. זיי זענען געקומען פון דער שארית הפליטה פון מזרח־אייראָפּע. געווען איז עס אַן אַרויסגערוקטער פּונקט, האַלב־פאַרוויסט, כמעט אָן וואַסער, אָן שום מוניציפּאַלער באַדינונג, מיט אַ שלעכט־אַנטוויקלטער

לאַנדווירטשאַפט, אָן שום אויסזיכטן פאַר די עולים אויף צו באַקומען אַרבעט, וואָרעם בית־שאן האָט נאָך בכלל נישט געהאַט קיין אינדוסטריע־אונטער־נעמונג. האָבן דאָ אָנגעהויבן אויפקומען קרעמלעך, געוועלבלעך פון אַ גראַשנדיקן מיסחר. אַ טייל פון דער באַפעלקערונג האָט אָנגעהויבן אַרבעטן אַלס פשוטע לוין־אַרבעטער אין די קיבוצים, אין די שכנותדיקע ישובים, אין מושבים.

די עליה איז געשטיגן, אָבער בית־שאן האָט זיך נישט אַנטוויקלט. אויף יעדער ניי־צוגעקומענער משפחה עולים איז אַ צווייטע משפחה אַרויסגעפאָרן אין אַן אַנדער טייל פון לאַנד. אַזוי האָט דאָס אָנגעהאַלטן יאָרן־לאַנג. דערווייל האָט זיך די באַפעלקערונג געטוישט. אַנשטאָט יידן פון דער שארית הפליטה — זענען געקומען יידן פון די אַראַבישע לענדער. עס זענען אָבער נאָך געבליבן מענטשן פון „דער ערשטער, נאָך־מלחמהדיקער, עליה". זיי ריידן אַ געשמאַקן פוילישן יידיש, אָדער אַ רומענישן יידיש. עס זענען אַנטשטאַנען נייע אַרבעטס־פּלעצער ; עס זענען אויפגעקומען עטלעכע פאַבריקן, גרעסערע וואַרשטאַטן. בית־שאן האָט זיך צעבויט.

מיט דער אַנטדעקונג פון אוראַלטן טעאַטער איז בית־שאן געוואָרן אַ צוציונגס־אָרט פאַר טוריסטן. די שכנהשאַפט מיט גוט־איינגעפונדעוועטע קיבוצים און בליענדיקע לאַנדווירטשאַפטלעכע ישובים האָט געהאַט אַ גרויסע השפעה אויף דער שטאָט און אירע איינוווינער.

✶

דאָס אוראַלטע טעאַטער אין בית־שאן האָט אין זיך עפּעס אַ ברוטאַלע שיינקייט. די אַרענע איז אַרומגענומען מיט מאַסיווע שטיין־בלאָקן אַזוי ווי ביי אַ פעסטונג. די זייטיקע קולואַר־ווענט זענען פון מעכטיקע שטיינער. די איינגענג — אַזוי ווי וואַלשיצונגען קעגן די אַמאָליקע קריגס־מכשירים, וועלכע מען האָט גערופן „אָקסן־קעפּ" אויף צו שטורמען פעסטונגען.

די אַרענע איז גענוצט געוואָרן אויף קאַמפן פון געפאַנגענע קריגער מיט חיות. עס זאָגן עדות די הויכע פאַרצוימונגען, אַז די לייבן און לעמ־פּערטן זאָלן נישט קענען אַריבערשפּרונגען צו די ערשטע רייען פון דעם יובלדיקן המון.

לויט די אַלע זייטיקע טונעלן און שמאָלע צוגאַנגען, וואָס פירן דירעקט צו דער בינע, קען מען זיך משער זיין, אַז דורך דאָנען האָט מען אַריינגעלאָזט די אויסגעהונגערטע חיות. פאַראַן אויך ערטער, ווו עס האָבן זיך אויפגעהאַלטן פערד, באַשטימטע צו די פאַרשיידנסטע פאַראַדן און געיעגן. רוים האָט דאָ איינגעפירט אירע געצנדינערישע מינהגים און די הערשער און וואָסאַלן האָבן אין בית־שאן געוואָלט נישט נאָר נאָכקאָפּירן, נאָר אויך זיין אויף דער זעלביקער מדרגה ווי די הערשער פון רוים. מען האָט דאָ געמאַכט מאַסן־ספּעקטאַקלען וואָס האָבן אָנגעהאַלטן וואָכן גאַנצע. בית־שאן האָט געהאַט נישט בלויז מיליטערישע גאַרניזאָנען, אין דער נאָענטער סביבה פּאַלאַצן פון די מושלים, נאָר עס האָט דאָך געמוזט זיין אַ הינטערלאַנד, וואָס האָט צוגעשטעלט שפּייז פאַר די צענדליקער טויזנטער חיילים, פאַר די הויפליים פון די הערשער. אַכט טויזנט ערטער אין אַ טעאַטער אין יענער תקופה — באַדייט דאָך גאָר אַ סך!

הייסט דאָס אַז דאָס פאָלק איז געווען להוט נאָך שפּיל און נאָך ספּעקטאַקלען? אַז עס איז אַרום געווען אַ גרויסע באַפעלקערונג וואָס האָט געלעבט אין שפע?

*

— איר רעדט יידיש? פון וואַנען זענט איר? — פרעגט מיך אַ פרוי אין די מיטעלע יאָרן, וואָס דערלאַנגט מיר אַ גלאָז וואַסער. און איידער איך באַוויז נאָך צו ענטפערן, דערציילט זי מיר; — איך בין שוין דאָ איבער צוואַנציק יאָר. די קליינע קאָפּע האָב איך געעפנט צוזאַמען מיט מיין מאַן, אַזוי ווי מיר זענען נאָר געקומען. ער אַרבעט נישט ווייט, אַלס מעכאַניקער אין אַ קיבוץ. יעדן אָוונט קומט ער אַהיים. מיינע קינדער? אַ זון לערנט אין חיפה, אין טעכניקום. די טאָכטער שטודירט אין ירושלים מעדיצין. איך וועל אָבער דאָ נישט בלייבן, אין בית־שאן. עס איז נישט אויסצוהאַלטן... די שוואַרצע...

אַז זי זעט מיין בליק, וואָס דריקט אויס חידוש — בייגט זי זיך נענטער צו און זאָגט מיר ממש שעפּטשענדיק: „עס איז אַן אַנדער וועלט. זיי האָבן אונדז נישט ליב, די יידן פון די אַראַבישע לענדער״...

— וואָס פֿאַראַ שלעכטס האָבן זיי אײַך געטאָן? — פֿרעג איך.

— שלעכטס? די יוגנט זייערע איז נישט אויסצוהאַלטן. זיי פֿאַרברענען מיר אַלע ניילאָן־טישטעכער פֿון די טישלעך... זיי ברעכן די גלעזער... זיי טומלען און זענען גרייט זיך צו שלאָגן... איך שווײַג. וואָס זאָל איך טאָן?... מען קען מיט זיי נישט אַרויסריידן קיין יידיש וואָרט... זעט, די לאַנגע האָר... די צעכראַסטעטע העמדער... דאָס הפקרות...

— איך זע... — זאָג איך... — דאָס זעלביקע איז אויך אין פּאַריז, אין לאַטיינישן קוואַרטאַל... זינדיקט ניט...

די אייגנטימערין פֿון דער קאַפֿע קוקט מיך אָן מיט פֿאַרדאַכט און דערנאָך ציט זי מיט די אַקסלען.

— אַזוי גאָר, איר זאָגט אין פּאַריז זענען די פֿראַנצויזישע יוגנטלעכע אויס אַזוי ווי אונדזער חברה שוואַרצע?

— נאָך ערגער — זאָג איך.

— איז דאָך עק וועלט... — רעדט צו מיר די פֿרוי.

איך לאַך און ווײַפּל איך וויל נישט זיך מאַכן אַ לייכט האַרץ, טוט עס אַביסל ווײ, ווײַל די פֿרוי, וואָס איז געקומען פֿון אַ קליין שטעטל, אָרעם און פֿאַרצווייפֿלט, פֿון די לאַגערן און געטאָס, האָט דאָ דערצויגן צוויי קינדער, וואָס וועלן פֿאַרנעמען אַן אָרט אין נייעם ישראל, זי האָט אין בית־שאן איר היים, איר קליינע קאַפֿע אין צענטער פֿון שטאָט, און האָט נאָך צוואַנציק יאָר פֿון שכנהשאַפֿט מיט די יידן פֿון די אַראַבישע לענדער נישט באַוויזן איינצושטעלן גוטע באַציִונגען. זי ווייסט נישט, אַז די טענות וועלכע זי האָט צו די „שוואַרצע" זענען „טענות" וועלכע מען קען האָבן צו דער יוגנט פֿון אונדזער צייט בכלל.

— איר הערט — האָט זי זיך געוואָנדן צו אַ פֿרוי אין יידיש — דער מענטש זאָגט, אַז אין פּאַריז איז דאָס יונגוואַרג נישט בעסער ווי דאָ. — זי האָט נישט פֿאַרענדיקט דעם זאַץ, ווײַל אויף דער שוועל האָבן זיך באַוויזן עטלעכע חיילים, פֿאַרשטויבטע, פֿאַרמאַטערטע און פֿאַרנומען ערטער בײַ אַ טישל. זיי האָבן געבעטן אַ קאַלטן טרינק. פֿיר זענען זיי געווען; איך האָב תיכף דערקענט, אַז דריי זענען ספרדים, און דאָס מיידל, די חיילת, איז אַן אשכנזית...

— עס וועט זיך איבערקאָכן און אַלץ וועט זיך מסדר זיין — האָב איך געזאָגט — איר וועט זען, אייער טאָכטער וועט אַוודאי נעמען פאַר אַ מאַן איינעם פון די „שוואַרצע"...

איך ווייס נישט אויב זי האָט גוט אויפגענומען מיינע רייד.

גראָד האָבן אין ירושלים געלאָזט פון זיך הערן די „שוואַרצע פּאַנטערן". עס איז אַ פּראָבלעם ווו מען דאַרף זוכן אַ לייזונג נישט בלויז דורך זאָגן מוסר די צאָרנדיקע יוגנט, נאָר אפשר אויך... די אַשכנזים.

✶

איך האָב זיך דערמאָנט אין דעם וואָס די געשיכטע דערציילט אונדז וועגן די שווערע ברידער־קריגערייען, וועלכע זענען אויסגעבראָכן געוואָרן צווישן יידן, בעת די קנאים זענען אַרויס אין אויפשטאַנד קעגן רוים.

דאָ, אין דער שטאָט אין וועלכער איך געפין זיך איצט, אין סקיטאָ־פּאָליס. זענען די יידן געווען אין אַ גאָר קאָמפּליצירטן מצב; אַליין אַ מינדערהייט אין דער שטאָט, האָט דער מושל פון די היידן זיי צוגעזאָגט צו באַשיצן און העלפן, אויב זיי וועלן ארויס צוזאַמען מיט זיין אַרמיי פאַר־טיידיקן די שטאָט קעגן די אָפּטיילונגען פון די קנאים — די אויפשטענד־לער־יידן. און אַ טייל יידן פון סקיטאָפּאָליס האָט אויסגעפירט געוויסנהאַפט דעם אָפּמאַך מיט דעם רוימישן הערשער פון דער שטאָט און געקעמפט קעגן זייערע אייגענע ברידער. זיי זענען געווען זיכער, אַז אַזוי אַרום וועלן זיי זיך ראַטעווען און אויפהאַלטן זייער עדה. גבורה האָט אַרויסגעוויזן אַ יידי־שע העלד שמעון בן־שאול. אָבער נאָך דעם ווי די קנאים זענען אַוועק פון דער באַלאַגערטער שטאָט, האָבן די היידן מיאוס פאַרראַטן די יידן פון סקיטאָפּאָליס; מען האָט אַלעמען פאַרנאַרט אין אַ וואַלד, אויסער דער שטאָט, און אַלעמען אומגעבראַכט. שמעון האָט געשטעלט אַ ווידערשטאַנד און אויסגעהרגעט די אייגענע משפּחה — דערנאָך זיך אַליין. ערב זיין טויט האָט ער אויסגעדריקט זיין טיפע חרטה הלמאי ער האָט זיך פאַרבונדן מיט די היידן און אויפגעהויבן אַ שווערד קעגן אייגענע ברידער — די קנאים...

איך האָב לאַנג פאַרברענגט ביים אוראַלטן טעאַטער אין בית־שאָן. די אַרענע איז געווען באַלויכטן פון אַ שאַרף זונליכט. די שטיינער האָבן

געוואָרפן שאָטנס. די אַכט טויזנט ערטער זענען ליידיק. פייגל פלאַטערן דאָ אַרום. איך באַוווּנדער די בלויע גליל־פייגל. זיי קרייזן אַרום מיר, לאָזן זיך אַראָפּ נידעריק ביז צו די בינע־באַריערן.

די שטיינערנע היילן, פאַרשאָטנטע, פאַרטונקלטע וואָס פירן אַריין גלייך צו דער בינע, לויערן מיט עפּעס אַן אומהיימלעכקייט.

מיר דאַכט זיך, אַז איך הער דעם געבּרום פון אַ פאַרוווּנדעטן לייב און דעם געצאַפּל פון אַן אויסגייענדיקן שקלאַף. ניין, עס איז שטיל. עס איז אַ פּשוטער וואָכן־טאָג, אַ זוניקער, רויִקער.

סקיטאָפּאָליס איז אַ נאָמען וועלכן מען האָט שוין באַלד פאַרגעסן. נישטאָ מער קיין שפּורן פון דער אַמאָליקער גריכיש־סירישער באַפעלקע־רונג, וואָס איז דאָ געווען אַ מערהייט. עס איז בית־שאן, אַזוי ווי די שטאָט האָט געהייסן אין די אוראַלטע יידישע צייטן. דאָ לעבן יידן פון פאַרשיידענע עדות. אַרום איז פאַראַן אַ יידיש הינטערלאַנד. נישט ווייט, אויף מזרח, שווימט דער ירדן, עס איז נאָענט דער טאָג ווען ער וועט ווערן די שלום־גרענעץ מיט די אַראַבישע שכנים.

איך פאַרלאָז בית־שאן און פאָר אויף צפון, פון לינקס זע איך דעם הר תבור. פון רעכטס — דעם כנרת.

באַנייונג פון געשיכטע

דער הר תבור באַגלייט אונדז. זיין הויכקייט טיילט זיך אויס פון אַלע הויכקייטן מיט איר קופּאָל־אַרטיקער סימעטרישקייט, אַזוי ווי די הענט פון אַלמעכטיקן וואָלטן געצערטלט דעם באַרג בעת דעם באַשאַף פון דער וועלט. אין דרום פון גליל דאָמינירט ער איבערן עמק יזרעאל.

צוזאַמען מיט דעם כרמל און דעם חרמון ווערט דער הר תבור עטלעכע מאָל דערמאָנט אין תנ״ך.

אין דעם ווינקל האָבן זיך צונויפגעטראָפן די נחלאות פון זבולון, יששכר און נפתלי. צופוסנס פון הר תבור איז פאָרגעקומען אַ גרויסע שלאַכט מיט די כנענים. אַלכסנדר ינאי האָט זיך דאָ פאַרפעסטיקט קעגן די סיריער. אַרום זענען אויפגעקומען ישובים; דוברת, כפר תבור, עין דור, בית קשת. נישט ווייט אויף צפון, געפינט זיך איינע פון די ערשטע יידישע ישובים אין באַנייטן ארץ ישראל, סעדזשעראַ, וווּ עס איז אויפגעקומען דער „השומר״ — די ערשטע פאַרטיידיקונגס־פאָרמאַציע, וועלכע האָט דערפירט צום אויפבוי פון אַ יידישן מיליטערישן כוח.

די פעלדער זענען גוט באַאַרבעט. יעדעס פיצל ערד איז דאָ אויסגענוצט געוואָרן פאַר פלחה, פאַר גערטנעריי און פאַר פיצוכט־פּאַשע. אין שכנהשאַפט געפינען זיך אַראַבישע דערפלעך. פעלדער מיט פעלדער גרענעצן זיך און אַרום הערשט אַ גאָט־געבענטשטע שלווה. פלאַכלאַנד, הויכקייטן, נידערונגען און ווידער פלאַכלאַנד. דער טראַקטאָר דערגייט אומעטום, וואָרעם נישטאָ דאָ קיין פעלדזיק־שטיינערנער באָדן, נישט קיין אַפּריסן,

נישט קיין וואַדיס. עס איז אַ גוטע לאַנדווירטשאַפטלעכע ערד. אַרום די שאָסייען זענען אין די לעצטע יאָרן אויפגעקומען אינדוסטריע־אונטער־נעמונגען, פאַבריקן און לענגויס די וועגן פיל בענזין־סטאַציעס. דאָ האָט זיך די לאַנדשאַפט געענדערט און זי נעמט אָן דעם כאַראַקטער פון די אַלע שאָסייוועגן און אויטאָ־טראַסן אין דער וועלט. אַ שאָד, טראַכט איך, אָבער, עס איז נישטאָ קיין אַנדער ברירה. פאַרליבטקייט אין דער אוראַלטער ישראלדיקער לאַנדשאַפט איז דאָך... ראָמאַנטיזם פאַר וועלכן מען הייבט זיך שוין אָן באַלד עטוואָס צו שעמען. עס איז פאַראַן אַ רעאַליטעט פון אונדזערע טעג און די רעאַליטעט האָט זיך אירע האַרבע געזעצן; שאַפן מעגלעכקייטן אויפצונעמען אַ נייע און פאַרגרעסערטע עליה און אויסבויען דעם פאַרטיידיקונגס־כוח פון לאַנד. דאָס קען דערגרייכט ווערן נאָר ווען עס וועלן זיין וואַרשטאַטן צו רעמאָנטירן מאַשינען, וואָס מער פאַבריקן און דאָס אַלץ פאָדערט נייע שטחים ערד, אָפט מאָל אַזאַ וואָס איז געבונדן מיט די שענסטע תנכישע קאַפּיטלען.

*

בעת מיר דערנענטערן זיך צום כנרת, אין דער זייט פון טבריה, וואַרפט זיך אין די אויגן אַריין אַ באַרג, וואָס טיילט זיך אויס פון אַלע אַנדערע הויכקייטן אויף דער מערב־זייט פון כנרת: דער אַרבעל.

איך קען דעם באַרג. מיט יאָרן צוריק האָב איך דאָ אַרומגעוואַנדערט אַ גאַנצן טאָג און געוואָלט, אויף מיין אייגענער האַנט, אַנטדעקן די היילן אין וועלכע עס האָבן זיך אויסבאַהאַלטן די יידישע אויפשטענדלער קעגן הורדוסן. פון די באַרגשפּאַלטן האָבן זיך אַראָפּגעלאָזט קליינע אָפּטיילונגען פון יידישע קעמפער און געמאַכט דרייסטע איבערפאַלן אויף דעם רוימישן מיליטער. די יידישע מורדים האָבן זיך באַפעסטיקט אויף די באַרג־שפּועים, וועלכע זענען געווען נישט צוטריטלעך פאַרן רעגולערן רוימישן מיליטער. דאָ האָבן די מורדים אָנגעזאַמלט געווער, שפּייז, וואַסער און האָבן אַהער־געבראַכט זייערע משפחות.

יוסף פלאַוויוס גיט איבער, אַז הורדוס האָט אָנגעוואַנדן אַ מאַקאַברישן מעטאָד ווי אַזוי צו דעראָבערן די אומצוטריטלעכע פעלדזן: ער האָט אויס־

געבויט גרויסע געשמידטע קאַסטנס אין וועלכע עס האָבן זיך געפונען רוימישע זעלנער מיט געווער און מיט ספּעציעלע לאַנגע האַקנס. די קאַסטנס האָט מען אַראָפּגעלאָזט פון די בערגשפּיצן, טיף צו די אָפּריסן און צו די איינגענג אין די היילן. די זעלנער פון הורדוסן האָבן זיך פון די קאַסטנס אַריינגעריסן אין די היילן, אין די באַרגשפּאַלטן, אַנכאַפּנדיק די קעמפער מיט די האַקנס און זיי אַראָפּגעשליידערט אין די אָפּגרונטן.

די געשיכטע דערציילט אונדז, אַז די יידישע העלדן האָבן אָפּגעוואָרפן אַלע פאַרשלאַגן צו קאַפּיטולירן. די לעצטע מורדים פלעגן אויסהרגענען די אייגענע משפחות און דערנאָך זיך אַליין אַראָפּוואַרפן אין די תהומען.

איך קוק איצט אויף דעם אַרבעל און זע זיין פאַרטונקלטן סילועט פון עפּעס אַ טיפן בלוי.

איך האָב אַמאָל געשפּאַנט איבער די שטיינערדיקע פעלדזן, איבער די בערג און נישט דערגאַנגען צו די היילן, וואָרעם די היץ איז געווען אויס־מאַטערנדיק און איך האָב נישט אָנגעטראָפן קיין לעבעדיקן ישוב, בלויז באַרג און שטיין און ווידער אַ מאָל באַרג און שטיין.

איך האָב גערוט אויף דער סאַמע העכסטער הייך פון אַרבעל און געקוקט צום חרמון, געקוקט אויף דעם כנרת און די אומגעוויינטלעכע רו און שטילקייט פון דעם אַלעם, וואָס האָט מיך אַרומגערינגלט, האָט מיר געגעבן האָפענונג און באַנייט מיינע כוחות.

✶

— נעכטן האָבן סיריער באַשאָסן ישובים אין דער סביבה — האָט מיר געזאָגט אַ פישער פון טבריה. דאָס איז געווען מיט צוועלף יאָר צוריק... איך האָב דעמאָלט געעפנט מיין קליין תנ״ך און אָנגעטראָפן די שורות פון ירמיה:

„און איך וועל אָנצינדן אַ פייער אין דער מויער פון דמשק,
און עס וועט פאַרצערן די פּאַלאַצן פון בן־הדד״.

דער פישער, עזריה, אַ יונגער תימנער, אַ ברוין־פּנימדיקער, גוט־מוטיקער, מיט טיפע גרויסע אויגן, האָט מיך באַטראַכט מיט דרך־ארץ און חידוש. ער האָט דעמאָלט צוגערופן זיין חבר און מיך געבעטן, אַז איך זאָל

הויך אויפן קול איבערלייענען נאָך אַ מאָל די רייד פון ירמיה. איך האָב זיי געלייענט און דערביי ציטירט נאָך עטלעכע נביאות פון ירמיה:

„זע, אַ פאָלק קומט, פון צפון
און אַ גרויסע אומה און פול מלכים
דערוועקן זיך פון די עקן ערד.
בויגן און שפיז האַלטן זיי, און האָבן קיין רחמנות ניט,
זייער קול ברומט ווי דער ים,
דרום וועלן פאַלן אירע יונגעלייט אין אירע גאַסן,
און אַלע אירע מלחמה־לייט וועלן פאַרשניטן ווערן
אין יענעם טאָג, זאָגט גאָט".

ווי אַ „באַלוינונג" פאַר די פסוקים פון ירמיה, וואָס איך האָב פאַר־געלייענט פאַר עזריה און זיין חבר, נישט ווייט פון אַלטן פישערמאַרק אין טבריה, האָבן מיךביידע פישער פאַרבעטן אַרויסצושווימען אויף אַ גאַנצער נאַכט מיט זייער שיפל אויפן כנרת.

*

אפשר זאָל איך פאַרקערעווען קיין טבריה און דאָרט אויפזוכן מיין אַלטן חבר דעם פישער עזריה?

איך וואָלט מיט אים געהאַט וואָס צו ריידן; די נבואה האָט זיך באַשטע־טיקט. איך וואָלט זיך אַוודאי דערוווּסט וועגן דעם אויב דער פישפאַנג אין כנרת איז דאָס יאָר געווען אַ גוטער און מיר וואָלטן געשמועסט וועגן זיין משפחה און די שכנים.

איך האָב נישט קיין צייט. מיין באַגלייטער דאַרף אָנקומען צו מיטאָג קיין עין־גב. מיר מוזן אַרומקרייזן דעם כנרת פון דרום, כדי צו דערגרייכן דעם אַנדערן ברעג.

איך קען דעם וועג און וויפל איך קען אים נאָר נישט, אַנטפּלעק איך תמיד חידושים; דאָ האָט מען געפלאַסטערט אַ נייעם שאָסיי און דאָ האָט מען געפלאַנצט אַלייעס, און דאָ זענען אויפגעקומען געביידעס, נייע, צוויי־שטאָקיקע הייזער אין די קיבוצים מיט טעלעוויזיע־אַנטענעס...

איך ווייס נישט פאַר וואָס, נאָר דער אויפזעער פון דעם גרויסן קיבוצישן רעסטאָראַן אין עין־גב איז צוגעקומען צו מיין טישל און אָוועקגעשטעלט אַ קליין דרייקאָליריק פראַנצייזיש פענדל. עס קען זיין, אַז דאָס האָט אים אינטערגעזאָגט מיין באַגלייטער, גדליהו, אַז איך בין אַ „פראַנצייזישער" גאַסט און אפשר דערפאַר ווייל מיין פרוי האָט גערעדט פראַנצייזיש אויפן קול? אַזוי־צי־אַזוי אַ פראַנצייזיש פענדל איז געשטאַנען אויף מיין טישל נאָך איידער מען האָט מיר געגעבן די מעניו־קאַרטע.

די פיש פון כנרת זענען געשמאַק. דער ווין פון ראשון איז באַטעמט. די קעלנערין, וואָס באַדינט אונדז, איז אַ יונגע קיבוצישע טאָכטער. אויך זי רעדט פראַנצייזיש. בלויז איך רייד דאָ מאַמע־לשון.

„איך האָב שוין באַלד נישט מיט וועמען דאָ אַרויסצורעדן אַ יידיש וואָרט" — האָב איך אַזוי ווי צו זיך אַ זאָג־געטאָן מיט אַ שמייכל.

„אַזוי גאָר?" — האָט מיך חידושדיק אָנגעקוקט דער אויפזעער פון רעסטאָראַן. „אפשר ווילט איר דאָ בלייבן ביזן פאַרנאַכט וועל איך דאָ איינאָרדענען פאַר אייך אַ פאָרטראָג אויף יידיש און דער זאַל וועט זיין פול"...

*

בעת איך האָב זיך געוואָלט אַריינזעצן אין דער מאַשין איז צוגעקומען צו מיר אַ פרוי אין די מיטעלע יאָרן און אַנטשולדיקט זיך אויף יידיש הלמאי זי פאַרהאַלט מיך אַ רגע.

„איך בעט אייך, האָט געדולד אַ פּאָר מינוט. איך האָב געהערט אַז איר זענט אַ יידישער שרייבער פון פּאַריז — האָב איך צו אייך עטלעכע פראַגן. איך האָף אַז איר וועט מיר אויף זיי ענטפערן".

איר קול איז געווען אַ טרויעריקס, איר פּנים האָט געמאַכט דעם איינדרוק ווי עס וואָלט געוואָלט שמייכלען, אָבער עס איז נישט אַרויסגעקומען קיין שמייכל. די אויגן זענען געווען פייכטע, אַזוי ווי זי וואָלט זיך געראַנגלט מיט טרערן.

„איך בין נישט פון עין־גב. איך וווין אין ראשון לציון. איך בין דאָ געקומען אויף באַזוך צו מיין טאָכטער. אָבער דאָס איז דאָך נישט וויכטיק פאַר אייך... איך בעט אייך, זאָגט מיר נישט אָפּ. בלויז אַ צוויי־דריי רגעס...

מיר האָבן זיך אַוועקגעזעצט אויף די שטיינער. האָרטביים ברעג פון כנרת. זי האָט גערעדט שטיל און געקוקט אויף דעם דורכזעעוודיקן דנאָ ווו עס זענען אַרומגעשווומען קליינע פישעלעך און מען האָט געקענט אונטער־שיידן יעדעס שטיינדל.

„איך בין די מאַמע פון אַ זון, וואָס האָט זיך געפונען אויף דער אונטער־וואַסער־שיף „דקר״. איך וויל אייך פרעגן עטלעכע שאלות״...

איך האָב תיכף באַנומען אין דעם אופן ווי זי האָט מיר געזאָגט, אַז זי איז די מוטער פון אַ זון וואָס האָט זיך געפונען אויף דער שיף „דקר״, אַז די מוטער פון דעם יידישן מאַטראָס האָפט נאָך אויף עפּעס, אַז זי דער־וואַרט נאָך עפּעס און אַז זי וויל נישט אַקצעפּטירן דעם גזר פון זיין אומ־קום. אויב זי וואָלט אים אַקצעפּטירט — דאַן וואָלט זי מיר געזאָגט, אַז מיין זון איז אומגעקומען צוזאַמען מיט דער שיף און נישט אַז ער האָט זיך דאָרט געפונען. און נאָך אַ פּרט האָט מיך פאַראינטריגירט: זי האָט נישט געזאָגט די אונטערגעגאַנגענע אָדער פאַרשווונדענע אונטערוואַסער־שיף, נאָר פשוט אויף דער שיף „דקר״...

— וואָס האָט מען געשריבן אין דער פראַנצייזישער פּרעסע וועגן דער ישראלדיקער אונטערוואַסער־שיף „דקר״? אַלס פראַנצייזישער זשורנאַליסט קענט איר מיר אפשר זאָגן, אויב מען האַלט טאַקע אין פּאַריז, אַז „דקר״ איז פאַרשווונדן, אָדער אויפגעריסן געוואָרן אין די טיפענישן פון ים דורך אַן עקספּלאָזיע?

איך האָב אַ צייט געשוויגן און געזוכט באַטראַכט וואָס צו ענטפערן.

— איר פאַרשטייט, די פראַנצייזישע פּרעסע האָט זיך נישט אָפּגע־שטעלט פרטמדיק אויף דער טראַגעדיע. אין יענער צייט איז אויך אונטער־געגאַנגען אַ פראַנצייזישע אונטערוואַסער־שיף.

„אָט, טאַקע וועגן די צוויי פאַלן, וואָס איינע איז געשען באַלד נאָך דער אַנדערער, און כמעט אויף דעם זעלביקן אָרט אין מיטללענדישן ים, וועגן דעם וויל איך אייך פרעגן פרטים!״

— איך בין נישט צופיל באַהאַוונט — האָב איך געזאָגט. — איך קען זיך אָנפרעגן אין די קרייזן פון פראַנצייזישע ספּעציאַליסטן. איך וועל דאָס טאָן פאַר אייך...

זי האָט אָבער נישט נאָכגעלאָזן און צודרינגלעך געמאָנט ביי מיר אַן ענטפער.

— פאַרשטייט, עס איז דאָך אויסגעשלאָסן, אַז צוויי אונטערוואַסער־שיפן, אַ ישראלדיקע און אַ פראַנצייזישע, זאָלן סתם אַזוי פאַרשווינדן נישט לאָזנדיק קיין שום שפור. עס קען זיין אַז די פראַנצייזישע שיף איז אויפגעריסן געוואָרן פון אַן אינעווייניקסטער עקספּלאָזיע. אָבער „דקר" איז ניט אונטערגעגאַנגען. „דקר" איז נישט פאַרניכטעט געוואָרן.

— אפשר... איר זענט אפשר גערעכט — האָב איך געזאָגט ווי נישט־וועלנדיק צעשטערן די לעצטע האָפענונגען פון אַ מוטער.

— מיין זון איז אַלט געווען צוואַנציק יאָר... עס איז געבליבן נאָך אים אַ העפט מיט לידער, מיט דערציילונגען און אַלערליי פאַרצייכענונגען... מען האָט אים אַזוי ליב געהאַט... האָט איר נישט געהערט ריידן אין די זשורנאַליסטישע קרייזן פון פּאַריז, אַז „דקר" איז פאַרכאַפּט געוואָרן פון אַ גרויסמאַכט, וואָס האָט איצט אירע באַזעס אין מיטללענדישן ים און מען האַלט די שיף צוזאַמען מיט אַלע מאַטראָסן אין געפאַנגענשאַפט? מען וויל זיי נישט אַרויסלאָזן און מען וויל אַפילו נישט געבן אָנצוהערן, אַז די שיף איז אין זייערע הענט? איר ווייסט דאָך וואָס פאַראַ ווערט עס האָט אַ סאַמע מאָדערנע אונטערוואַסער־שיף!... גלייבט איר נישט אין דעם?

מיט דעם בליק פון די אויגן, מיט איר גאַנצן וועזן האָט זי זיך אַזוי ווי געבעטן ביי מיר, אַז איך זאָל איר ענטפערן, אַז כ'גלייב אין דעם, אַז „דקר" איז פאַרכאַפּט געוואָרן און געפינט זיך צוזאַמען מיט די גאַנצער מאַנשאַפט און צווישן זיי איר זון, אין געפאַנגענשאַפט.

— איר פאַרשטייט? עס קען דאָך נישט זיין, אַז מען זאָל אַפילו קיין צייכן נישט אַנטדעקן? עס איז דאָך אַן אוממעגלעכקייט, אַז די שיף איז אונטערגעגאַנגען, אָדער אויפגעריסן געוואָרן? עס איז נישט אמת, אַז ימען האַלטן אייביק זייערע סודות!...

זי האָט געקוקט איצט אויף דעם דורכזעעוודיקן כנרת ווי זי וואָלט געזוכט אַ טרייסט אין די לויטערע קלאָרע וואַסערן, אין די פיש, וואָס שווימען דאָרט אַרום, און אין מיין שטילקייט.

איך האָב געהאַט דאָס געפיל אַז זי איז מיר דאַנקבאַר הלמאי איך האָב נישט צעשטערט איר האָפענונג, כאָטש מיט מיין שווייגן האָב איך זי נישט געטרייסט.

✶

מיט יאָרן צוריק, באַלד נאָך דער אומאָפּהענגיקייט־מלחמה, האָב איך באַזוכט עין־חרוד. איך בין געקומען זען שלמה לביא — איינעם פון די מיטגרינדער פון דער קיבוצישער באַוועגונג אין ישראל, געקומען אין לאַנד אַריין מיט דער צווייטער עליה צוזאַמען מיט דוד בן־גוריון און שלמה צמח. אַלע אָפּשטאַמיקע פון מיין היימשטאָט פּלאָנסק. הויך, שלאַנק, געעלטערט, מיט אַ דין איידל פּנים, האָט ער מיך אַרומגעפירט איבערן קיבוץ, געוויזן די שטעלער, די פעלדער, די גערטנער און סעדער. און אַז מיר זענען צוריק־געקומען אין זיין קליינער וווינונג, וואָס איז באַשטאַנען פון צוויי חדרימלעך — האָבן מיר געשמועסט ביז שפּעט אין דער נאַכט אַריין וועגן די ראשונים, וועגן די אַראַבער, וועגן די פעלדער, וועגן דעם פּאַרוויסטן פּלאָנסק. אין יענער נאַכט האָט שלמה לביא פּאַרזיכטיק געעפנט דאָס צווייטע חדרל און מיר אָנגעוויזן אויף צוויי פּאָטאָס, וואָס זענען געשטאַנען איינגערעמט אויף אַ קליין טישל. ער האָט געזאָגט צו מיר: „דאָס זענען מיינע צוויי זין. ביידע זענען אומגעקומען אין דער באַפרייונגס־מלחמה. ווי נאָר עס איז געפאַלן דער עלטסטער זון האָט דער יונגערער געזאָגט צו מיר: טאַטע איצט איז געקומען מיין רייע. איך האָב געשוויגן, דערנאָך האָב איך אים געזאָגט: זיי געבענטשט, זון מיינער. אויך ער איז געפאַלן".

איך בין געבליבן אויף נאַכט אין עין־חרוד. שלמה לביא האָט מער קיין מאָל ניט גערעדט מיט מיר וועגן די זין. איך האָב דערנאָך זיך דער־וווסט פּרטים פון די שלאַכטן, וועלכע זענען אָנגעגאַנגען אין דער אומאָפּ־הענגיקייטס־מלחמה מיט די איראַקישע איינהייטן, מיט דעם יאַרדאַנישן מיליטער און מיט די אַראַבישע כנופיות. איך האָב געזען עלטערן פון אומ־געקומענע, פון פאַרשוווּנדענע אויף די פעלדער פון גליל, אין יהודה, און שומרון.

✶

גליל איז פֿאַרשריבן נישט נאָר אין דער אַלטער יידישער געשיכטע מיט איר גבורה, יודפת, דגניה, אושה — דאָס זיצאָרט פון נייעם סנהדרין, צפת, די בערג און היילן צפון־מערבדיק פון כנרת און די ישובים וועלכע האָבן יאָרן־לאַנג אויסגעהאַלטן דאָס פייער פון די סיריער, פון די יאָרדאַנער... אַלטע און נייע געשיכטע זענען דאָ אַזוי צונויפגעמישט, אַזוי באַהאַפטן און אַזוי געקנופט, אַז דער היסטאָריקער און דער וואָס האָלט אַ וואַכיק אויער און אָפענע אויגן אויף דעם, וואָס געשעט היינט, פֿאַרשטייט בעסער דאָס וואָס איז געשען נעכטן. מען קען אויך נישט באַנעמען די גרויס־קייט פון אונדזערע טעג ווען מען קען נישט די געשיכטע פון דעם, וואָס עס איז פֿאָרגעקומען אויף דער זעלביקער ערד מיט דורות צוריק.

אויך דעמאָלט, נאָך די שלאַכטן אין די בערג, צפון־מערבדיק פון טבריה, האָט נישט איינע פון די מאַמעס געהאַפט, אַז איר זון איז נישט אַראָפּגעשליידערט געוואָרן פון די רוימער אין תהום אַריין נאָר אַז ער איז אין געפאַנגענשאַפט... אַז דער זון וועט זיך אומקערן. נישט איין פאָטער האָט מיט אַזאַ סטאָישער רויִקייט ווי דער זקן פון עין־חרוד גערעדט וועגן אומקום אין שלאַכט פון זיינע זין...

גבורה, מאַרטירערשאַפט, קידוש השם און קידוש העם, ליידן פון על־טערן, טרויער און טרערן — דאָס אַלץ איז דאָך אַזוי אַלט און אַזוי ניי ווי ניי עס טויכט אויף דער הר תבור, דער אַרבעל, דער חרמון, יעדן פֿאַרטאָג, ווי נאָר גאָטס ליכט באַקריינט זיי מיט דעם גין־גאָלדענעם אָרעאָל.

אין די בערג פון חברון

אין ירושלים האָט געשיינט די זון. די באַרגהויכקייטן פון דער אַלטער שטאָט מיט די טורעמס האָבן זיך געגאָלדיקט און אין דער נידער זענען געלעגן פייכטע נעפּלען. אַלע אַרומיקע בערג זענען געווען פאַרשאָטנט. איך ווייס נישט פאַר וואָס איך האָב אַזוי געאײַלט קיין חברון. דער טאָג איז געווען אַ רעגנדיקער. באַרגשטראָמען האָבן געשווענקט דעם שאָסיי. די נעפּלען האָבן זיך אויף טייל ערטער געוויקלט ווי דער רויך פון שייטערס און אַז מען איז אַריבער דעם נעפּל-קנויל האָט זיך דאָס ליכט פון די הימלען געשפּרייט מיט געניאָד און אַנטפּלעקט פון ביידע זייט וועגן די אַלטע וויינ־שטאָקן. זיי האָבן נאָך נישט געעפנט די קנאָספּן. מען זעט נאָר אָן די טונקל־ברוינע שטאַמען, פאַרקראַמפּטע ווי אין צער פון אויסטראָגן די לאַסטן פון די האָניקדיק־זיסע ווייַנטרויבן. די שטיינערנע מויערן, די הייזער פון ראָז־לעכן חברון־שטיין, אַן איינצלנער פאַרבייגייער, אַן אייזלרייטער, אַ קעמל וועלכן עס פירט אַ באַרוועס ייִנגעלע און איך אין מיין וואָגן, וואָס פאָרט דרומדיק פון ירושלים. רמת רחל, בית לחם, כפר עציון זענען שוין לאַנג נאָך מיר. איך בין ווידער אַריין אין אַ נעפּל-געקנויל און מיר צינדן אָן די ליכטער פון אויטאָ, כאָטש עס איז צען אין דער פרי.

נעכטן האָט מיר אַ באַקאַנטער געזאָגט אין ירושלים: אין חברון קען איך אַן אַראַבער. אויב עס וועט דיר דאָרט אויסקומען צו באַזוכן, גיב אים איבער אַ גרוס פון מיר. ער איז דער אייגנטימער פון אַן אויטאָ־גאַראַזש. אַבדול כאַלאַמי איז זיין נאָמען.

דער וועג איז אַ שלעכטער. די וואַסערן האָבן אָנגעטראָגן שטיינער און זאַמדן פון די בערג. עטלעכע אַראַבישע לאַסטוועגענער זענען פאַרביי. אַן אַראַבישער אויטאָבוס פול מיט פּאַסאַזשירן אין ווייסע קעפּטיכער. ווידער אַ קעמל־רייטער און פון ביידע זייטן: ווייגגערטנער, הויכע שטיינערנע ווענט.

בעת מיר פאַרפאָרן קיין חברון זעען מיר שולקינדער, לויפנדיק אין געאייל דורך דעם וועג. עטלעכע נייגעריקע באַטראַכטן דעם וואָגן מיט דער ישראלדיקער מאַטריקולאַציע. דער מאַרק פון חברון. איך שטייג אויס און פרעג זיך אויף אַבדול, דעם אייגנטימער פון גאַראַזש. מען קען גוט אַבדולן. איך פאַרשטיי דאָס לויט דער גרייטקייט מיר צו העלפן, לויט דער העפלעכקייט וועלכע מען ווייזט מיר אַרויס.

חברון, דער קבר פון די אבות. דאָ רוען אברהם, שרה, יצחק, רבקה, יעקב און לאה. איינע פון די עלטסטע שטעט. חרוב געוואָרן פון די רוימער. צע־שטערט געוואָרן פון איבראַים פּאַשאַ אין יאָר 1834. דער אַראַבישער פּאָגראָם אין חברון בעת דעם ענגלישן מאַנדאַט. די פאַרוויסטע יידישע געגנט מיט אירע ישיבות, מיט די בתי־תפילות און שולן. איך געדענק דעם טרויער, וואָס האָט אַרומגעכאַפּט מיין היימשטעטל בעת עס איז אָנגעקומען די איוב־בשורה וועגן דער שחיטה, וואָס די אַראַבער האָבן דורכגעפירט איבער די יידן אין חברון.

איצט שטיי איך אין מאַרק פון חברון און קוק צו דער יידישער געגנט, וואָס איז פאַרוויסט. כאָטש עס לעבן דאָרט אַראַבישע משפחות פילט מען די פאַרוויסטונג. איך האָב נישט געדאַרפט, אַז מען זאָל מיר אָנווייזן ווו עס איז אַמאָל געווען דער יידישער קוואַרטאַל. איך פיל דאָס אויס. וואָרעם עס איז פאַראַן עפּעס אַן אַנדערשקייט, עפּעס וואָס מאַכט די הייזער היימישער. ניין, איך האָב זיך נישט טועה געווען. ביי איינעם פון די טויערן, אין שטיין, איז אויסגעהאַקט אַן אָרט פאַר אַ מזוזה, איצט וווינט דאָ אַן אַראַבישע משפּ־חה פול מיט קינדערלעך. זיי שטייען אין טויער.

✶

איך קען נישט פֿאַרשטיין הלמאי איך האָב דאָך באַשלאָסן צו בלייבן אַ גאַנצן נאָכמיטאָג אין חברון. אבדול האָט צוערשט גערעדט צו מיר אין ענגליש און דערנאָך האָט ער אָנגעהויבן רעדן עברית.

ער איז איצט פֿאַרנומען אין גאַראַזש, עס אַרבעטן ביי אים 45 אַרבע־טער. אָט איז מוסטאַפֿאַ, וואָס קען ענגליש, און מוסטאַפֿאַ וועט מיך באַגלייטן צו אַלע היסטאָרישע ערטער. איך מעג האָבן צוטרוי צו מוסטאַפֿאַן.

אַבדול איז ביי די פּופּציק. אַ פֿול פּנים מיט אַן אָפֿענעם בליק. מוסטאַפֿאַ איז אַלט צוויי און צוואַנציק יאָר. ער איז ברויך־הויטיק, זיינע אויגן האָבן בלענדיקע וויסלען. ער איז שלאַנק, באַוועגלעך און העפֿלעך. מיר פֿאַרלאָזן דעם גאַראַזש און פֿאָרן איבער זייטיקע וועגן, וואָס שלענגלען זיך צווישן די חברונער בערג. דאָ זעען מיר נישט קיין לעבעדיקן מענטש און אַפֿילו נישט קיין בעל־חי. דער נעפּל איז צערונען געוואָרן. מען זעט אַן שאַרף די בארג־קאָנטורן. די פֿעלזן טונקלען זיך, דער שטיין אַנטפּלעקט זיין אמתדיקן קאָליר און חברון ווייזט מיר, פֿון די באַרגהויכקייטן, איר אוראַלטע פּראַכט.

„און שרה איז געשטאָרבן אין קרית ארבע, דאָס איז חברון, אין לאַנד כּנען".

איך דערמאָן זיך דעם אָנהייב פֿון דער פּרשה חיי שרה.

מוסטאַפֿאַ ווייזט אויף אַ באַרג, וואָס איז רעכטס פֿון דעם וועג. דאָרט זעען זיך אָן עטלעכע בויבאַראַקן און עס שטייען בולדאָזערס. מיר פֿאַר־קערעווען צו דער הויכקייט.

יאָ, דאָס איז קרית ארבע, די שטאָט, וואָס וועט דאָ אויפֿגעבויט ווערן אויפֿן אָרט פֿון דער פֿאַרוויסטער יידישער געגנט אין חברון. אַ קליינע וואַכבודקע. אַ נידעריקע שנור איז אָנגעצויגן אויף צוויי דרענגלעך. עס איז אָבער קיינער נישטאָ. איך האָב שוין אָנגעגרייט מיינע פּאַפּירן פֿאַר דעם קאָנטראָלירער. זיי זענען אָבער איבעריקע. מיר מאַכן עטלעכע קרייזן איבער דעם פּלאַנירטן ישוב און טרעפֿן נישט אָן אויף קיין שום מענטש. איז עס שוין מיטאָגצייט.

איז מען דאָ אַזוי זיכער מיט די שווערע אַרבעטס־מאַשינען, מיט די בוי־מאַטעריאַלן, מיט די אַלערליי מחסנים, אַז עס איז נישטאָ קיין שום וואַך? זעט אויס אַז יאָ, דערפֿאַר ווייל דעם גאַנצן וועג פֿון ירושלים ביז

חברון האָב איך אָנגעצײלט נאָר אײן און אײנציקן וואָגן, וואָס האָט מיר אויסגעזען צו זײן פון דער משטרה. די באַוועגונג איז אַ פרײע און מען מוז זיך חידושן ווי אַזוי די אויסלענדישע אָבסערוואַטאָרן, אויפן דינסט פון די אַראַבישע נאַציאָנאַליסטן, האָבן באַוויזן איבערצוצײגן די וועלט־עפנט־לעכקײט, אַז אין די דאָזיקע שטחים פירן זיך אויף די „ישראלים אַזוי ווי די אָקופּאַנטן”. אַז זײ „דריקן אונטער אָן רחמנות די אַראַבישע אײנוווינער”. איך האָב זיך געהאַט פיל אָנגעלײענט מיט די באַריכטן פון די אַלערלײ אויספאָרשונגס־קאָמיסיעס פון דעם „רויטן קרײץ” און פון „מענטשן־רעכט” וועלכע האָבן געזאַמלט באַווײזן קעגן ישראל אין... ראַבאַט אַמאַן און קאַיראָ וועגן „גיהנום אין וועלכן עס לעבן די אַראַבער אין חברון, אין שכם און אין יריחו”.

ערשט ווען איך בין שפּעט אין דער נאַכט צוריקגעקומען קײן בת־ים, האָב איך געהערט אין ישראל־ראַדיאָ, אַז אין זעלביקן טאָג, ווען איך האָב באַזוכט קרית ארבע, מיט אַ שעה, אָדער צוויי פריער, איז דאָ געווען דער פאַרטרעטער פון פּרעמיער־מיניסטער, יגאל אלון, אויף אַ באַזוך.

*

בײם קבר פון די אבות האָב איך געטראָפן הונדערטער יידן אין אויטאָ־קאַרס פון „אגד”. דער אַרײנגאַנג ווערט קאָנטראָלירט פון חיילים. מען האָט מורא פאַר אַן אומאַחריותדיקן אַקט, וואָס קאָן קאָסטן דאָס לעבן פון אומ־שולדיקע.

מוסטאַפאַ האָט אויסגעטאָן די שיך. איך האָב געזען מיט וואָס פאַראַ געפילן ער האָט מיך געפירט איבער די שטײנערנע פּאַלאַטן און ווי אַזוי זיכער און היימיש ער האָט זיך דאָ געפילט.

פון דאַנען זענען מיר אַוועק צום אשל אברהם. אויפן וועג האָבן מיר באַזוכט די אַרכעאָלאָגישע אויסגראָבונגען פון דער ביזאַנטישער תקופה און דערנעבן אַ קאַטאַקאָמבע אין וועלכער עס האָט זיך געפונען אַ קירכע פון די ערשטע קריסטן.

מיר זענען הויך אין די בערג. חברון ליגט איצט נידעריק. נאַקעטע ווײנשטאָק־גערטנער. זילבערדיקע קרוינען פון אײלבערטן, וואָס יעדער בוים

איז אַלט עטלעכע יאָרהונדערטער. פאַראַן רגעס ווען עס נעמט מיך אַרום אַן אומהיימלעכקייט. וואָס טו איך דאָ מיט דעם יונגן אַראַבער מוסטאַפאַ אין די בערג פון חברון? פאַר וואָס בין איך נישט געפאָרן מיט „אגד“, אָדער מיט אַ טוריסטן־אויטאָבוס? פאַר וואָס גיי איך אַזוי אַליין איבער די שטעגן פון אַ געגנט, וואָס איז מיר היסטאָריש נאָענט און אייגן, אָבער וואָס איז אומבאַקאַנט און פאַרהוילן פאַר מיר צוליב אירע איינוווינער? איז די שטילקייט נישט פאַרדעכטיק און לויערנדיק? ווער קאָן זיך אומגעריכט באַווייזן פון די בערג?

„צוויי אומות זענען אין דיין לייב, און צוויי פעלקער וועלן זיך פון דיין אינגעווייד צעשיידן, און אַ פאָלק פון אַ פאָלק וועט זיין שטאַרקער“ — אַזוי האָט דער אַלמעכטיקער גערעדט צו רבקהן בעת אין איר טראַכט האָבן זיך געשטויסן די צוויי קינדער.

✶

מוסטאַפאַ פאַרהאַלט דעם וואָגן. ער לאָזט אונדז ביים ראַנד פון אַ זאַמדשטעגל אין די בערג און הייסט אונדז וואַרטן. ער מוז אַריינגיין צו אַ באַקאַנטן און אויך צו זיך. דערנעבן וווינט ער. ער וויל נעמען מיט זיך עפּעס פון שטוב. מיר וואַרטן. איך טראַכט: אפשר זאָל איך פאַרקערעווען און אַוועקפאָרן? אפשר צוריקפאָרן קיין ירושלים? פון דאַנען איז אַכט און דרייסיק קילאָמעטער. עס איז אַ שלעכט וועטער, רעגנדיק, נעפלדיק און עס וועט מיר נעמען אַן ערך אַ שעה דאָס פאָרן מיט אָנגעצונדענע ליכט. עס איז שוין צוויי נאָך מיטאָג. ניין. איך האָב געזאָגט, אַז איך וועל וואַרטן אויף אים, טאָ ווי אַזוי קאָן איך פּלוצעם אויסקערעווען און אַוועקפאָרן? איך האָב אויך צוגעזאָגט אַבדולן, אַז נאָך דעם ווי מיר וועלן האָבן געזען די היסטאָרישע ערטער וועלן מיר צוריקקערן זיך צו זיין גאַראַזש. פאַר וואָס איז מוסטאַפאַ אַוועק? האָט ער מיר אמת געזאָגט? געהערט ער נישט צו „אַל פאַטאַך“? עס איז דאָך חברון!

מוסטאַפאַ איז ענדלעך געקומען. ער בליצט מיט די ווייסלען. „סער, דו קענסט נישט צוריקפאָרן קיין ירושלים. מוזט פריער באַזוכן דאָס הויז פון אַבדול כאַלאַמי. ער האָט מיר דאָס אָנגעזאָגט. איך בין פאַראַנטוואָרט־לעך פאַר דיר“.

די רייד האָט ער אַרויסגערעדט מיט עקשנות, מיט האַרטקייט און איך האָב דערקענט אויף זיין פּנים די ביטערע אַנטוישונג בעת ער האָט געזען ווי איך שאָקל מיטן קאָפּ אויף ניין.

„סער, עס איז נישט אָנשטענדיק אָפּצוזאָגן זיך פון אַבדולס פאַרבעטונג. ווערסט אים און זיין משפּחה באַליידיקן אויפן גאַנצן לעבן".

איך האָב אַ מאַך געטאָן מיט דער האַנט: וואָס עס וועט זיין זאָל זיין! פּאַר! איך נעם אָן אַבדולס איינלאַדונג.

דאָס הויז איז געווען אַ שטיינערנס. שיינע ראָזלעכע געהאַקטע שטיינבלאָקן. נייגעריקע פרויען אין דער אָפענער טיר. פאַרחידושטע קינדער. מיר גייען איבער די שטיינערנע טרעפּ און עס עפענען זיך ברייט פּאַר אונדז די טירן. מען פירט אונדז אַריין אין אַ גרויסן פאָדערצימער. ער איז פּירקאַנטיק און פון דאַנען פירן טירן אין פאַרשיידענע חדרים. אפשר צען טירן. אין אַ פאָטעל, זיצט אַן עלטערער מענטש. דאָס איז אַבדולס פאָטער. ער באַגריסט אונדז און בעט זיצן. זיין ענגליש איז אויסגעצייכנט. פון פאַך איז ער אַ בוי־אינזשיניער. דער גאַראַזש איז זיינער. עס פירט אים דער זון. אָט איז זיין שוועסטער. דאָס איז זיין טאָכטער. דאָס איז אַבדולס ווייב. דאָס איז אַבדולס שוועסטער. דאָס זענען די קינדער, דאָס רוב טעכטער. מיט רגעס שפּעטער איז געקומען נאָך אַ זון. אַלע וווינען זיי אין דעם משפּחה־הויז. אויף דער וואַנט הענגט אַ טעפּיך; אַ מוסולמענישער טעמפּל. דערנעבן זענען צעהאַנגען פאָטאָס: דער בעל־הבית אַלס יונגער מענטש. זיין פאַרשטאָרבענע פרוי. זיינע עלטערן.

מיר טוישן זיך אויס אין העפלעכקייטס־אויסדרוקן. איך קאָן נישט פאַרבאַהאַלטן מיין נייגער און מיין אומרו. עס איז מיין ערשטער באַזוך אין אַן אַראַביש הויז אין קרייז פון אַ גאַנצער משפּחה. איך באַמערק מיט אַ מאָל, אַז די פרויען זענען נעלם געוואָרן פון דער אָפענער טיר און עס זענען געבליבן בלויז די קינדער. זיי באַטראַכטן מיך. זיי פאַרשן יעדע באַוועגונג מיינע. אַ מיידעלע פון אַכט יאָר און אַ מיידעלע פון זעקס יאָר, שיינע קינדער. זיי רויטלען זיך בעת איך פרעג די נעמען. אין דער קיך פאַרעט מען זיך. זעט אויס, אַז מען גרייט דאָס מאָלצייט.

אַבדול איז געקומען. ער האָט זיך ווידער אַ מאָל באַגריסט און אויס־געדריקט זיין צופרידנקייט וואָס מיר זענען ביי אים אין הויז. מיט רגעס שפּעטער ווערט דער טיש באַשטעלט מיט שיסלען שעפּסנפלייש, מיט ירקות, מיט פּירות, מיט פּיטות. מיר באַקומען אַ מעסער און אַ גאָפּל. די באַלע־באַטים עסן מיט די הענט. דאָס געשפּרעך וויקלט זיך געדולדיק, פּאַמעלעך, וועגן דער וועלט, וועגן דעם וועטער, וועגן דעם חברונער וויין, וועגן די פּרימיטיווע גלאָזפאַבריקלעך מיט וועלכע חברון איז אַזוי שטאָלץ. אויפן וועג האָב איך געזען אַזאַ קליינע „גלאָז־הוטע", ווו אַרום אַן אָנגעגליטן רונדיקן אויוון זענען געזעסן זעקס אַרבעטער און אויסגעבלאָזן קרוגלעך, עס־כלים, קרעלן און אַלע אַנדערע חפצים פון דעם קאָליריקן חברונער גלאָז. אַבדול רעדט נישט וועגן צה"ל, נישט וועגן די „אָקופּאַנטן", פּאַרקערט, ער רופט מיר אָן נעמען פון יידן, וועלכע ער קען. ער איז שוין געווען אַפילו אין תל־אביב. אין זיין גאַראַזש באַדינט מען די אויטאָס פון דער צבא, פון דער משטרה, פון יידן וועלכע קומען אין די שטחים. „איך בין נאָענט מיט משה פון ירושלים. ער איז אַ טייערער מענטש". משה האָט מיר טאָקע געגעבן אַבדולס אַדרעס. חברון האָט אויפגעלעבט צוליב די טוריסטן, וואָס שטראָמען אין דעם אונטערשטן טייל פון דער שטאָט צום קבר פון די אָבות.

— דאָס לאַנד איז איצט גרויס געוואָרן. מען קען פאָרן קיין ירושלים, קיין עכו, קיין תל־אביב. מיר האָבן פיל געמיינזאַמעס — זאָגט מיר אַבדול.

✶

בעת מיר זענען געפאָרן מיט מוסטאַפאַן האָב איך געהערט פון אים פיל גוטס וועגן אַבדול, דעם אייגנטימער פון גאַראַזש. מוסטאַפאַ אַרבעט ביי אים אַלס בוכהאַלטער און ער קען גוט די תושבים פון חברון. איך האָב געוואָלט וויסן אויב מען באַטראַכט נישט אַבדולן ווי אַ „קאָלאַבאָראַטאָר" מיט די ישראלים. ניין. אַבדול איז באַליבט. זיין הויז געהערט צו די סאַמע בכבודיקסטע אין חברון. ער איז אַן איש ישר און זיין פאָטער איז אַ נכבד העיר — האָט מיר דערקלערט מוסטאַפאַ אין ענגליש געמישט מיט העברעיש.

דער באַלעבאָס גיט אַכטונג, אַז מיר זאָלן עסן צו דער זעט. ווי נאָר דער טעלער ווערט ליידיק, מוז מען אים אויף סניי אָנפילן. ער איז העפלעך

צו מיין פרוי, וואָס איז מיט מיר מיטגעפאָרן אַזש קיין חברון. ער שיילט איר אָפּ אַ באַנאַנע און טראָגט איר צו. אַבדול נייגט זיך און שמייכלט צו־פרידן. מיר רעדן וועגן פּאַריז, וועגן דעם ריס צווישן צוויי ברידער, וואָס ווינען אויף דער זעלביקער ערד, וועגן דעם ווי די מענטשהייט האָט געליטן פון דער לעצטער וועלט־מלחמה. דער שמועס ווערט וואָס אַמאָל היימישער און אויך די לעצטע שפּורן פון מיין שרעק צערינען צוזאַמען מיט די נעפּלען אויף די חברונער בערג.

„ווען איר האָט באַטראַכט די שוועל פון מיין הויז זענט איר געווען מיינע געסט, איצט זענט איר מיינע ברידער ווייל איר האָט געגעסן צוזאַמען מיט מיר".

איך ווייס אַז דאָס איז אַ העפלעכקייט, אפשר בלויז אַן אויסערלעכע העפלעכקייט און מען דאַרף עס נישט נעמען ווערטלעך, און דאָך, פיל איך דעם אמת, די וואַרהאַפטיקייט אין זיינע אויגן. מיר געזעגענען זיך. דריקן זיך וואַרעם די הענט. די פרוי פון אַבדול צעקושט זיך מיט מיין פרוי. מוסטאַפאַ פירט אונדז אַרויס ביז צו דעם שאָסיי. איך וויל אים געבן אַ פּאָר לירות. ער וויל נישט. ניין, איר זענט געווען אונדזערע געסט. מיר נעמען נישט קיין געלט פון געסט... גיב מיר דיין ביכעלע, וועל איך דיר אריינשרייבן מיין אַדרעס. איך האָב שוין דאָרט פאַרשריבן דעם אַדרעס פון אַבדול, דערנעבן פאַרשרייב איך דעם נאָמען און אַדרעס פון מוסטאַפאַ.

אויפן שאָסיי־וועג איז פּוסט. חברון איז איצט באַלויכטן פון דער נאָכמיטאָגדיקער זון. מען זעט זי נישט אַרויס פון די וואָלקנס, וועלכע שפּרייטן זיך אַ גאַנצן טאָג, אָבער זי איז דאָ, מען זעט באַשיימפּערלעך דעם אָפּשיין פון איר ליכט אויף די בערג, אויף די הייזער און מיט אַ מאָל ווערט מיר לייכט אויפן האַרצן און עס ווערט מיר גוט. וואַרעם איך האָב אַרויסגעטראָגן פון דער שטאָט געפילן פון מענטשלעכקייט און פון האָפע־נונג, אַז כאָטש עס זענען צוויי צעשיידטע פעלקער, צעקריגטע און פאַר־פיינדטע, איז דאָך פאַראַן די האָפענונג, אַז עס וועט קומען די פאַר־ברידערונג.

אַזוי ווי עס רייסט זיך דאָס ליכט פון דער זון איבער די חברון־בערג, אַזוי רייסט זיך דורך די פריינדשאַפט פון ייִד און אַראַבער.

מענטשן און פלאַנצן

דער מדבר יהודה אין חודש ניסן תשל״א. נעכטן האָט אַ האַלבן טאָג גערעגנט. אַן אומגעווײנטלעכע דערשײַנונג — האָט מיר געזאָגט אַ בעדויִנער. הײַנט איז ווינטיק. איך אָטעם אײַן דעם ריח פון ים המלח. דאָס איז אַ מזרח־ווינט וואָס קומט פון די הרי מואב, נידערט אַראָפּ ביז צום בלויען פלאַך פון טויטן ים, דערגרייכט צו דער באַרגקייט, וואָס ציט זיך לענגויס דעם לינקן ברעג און צעשטויבט די נעפּלען אויף די הויכקייטן, טרײַבט זיי אויף מערב ביז יהודה און דערנאָך צום מיטללענדישן ים. אויפן וועג רייסט ער און טרייסלט אויף די נידעריקע פלאַנצן־ביימלעך און לאָזט אויס זײַן רוגזה צו די זאַט־גרינע גלגל־קעפּ, וועלכע טונקלען זיך איצט אין דער אַלט־זילבערנער, קאַלכיק־גרויער און אויסגעלאָשן־בראַנדזענער לאַנד־שאַפט.

אַן אויסטערלישער פלאַנץ איז דער גלגל. ער וואַקסט רייף אין מיטן זומער. די מדבר־זון טריקנט אים אויס אומברחמנותדיק. היות זײַנע צווייגן זענען רונדיקע און ער זעט אויס ווי אַ קײַלעך, רופט מען אים דער גלגל — דאָס ראָד. ערשט די האַרבסטיקע ווינטן באַווייזן איבערצוברעכן זײַן שטאַם, נידעריק צו די וואָרצלען, און ער קײַקלט דעם גלגל איבערן מדבר און קײַקלענדיק פאַרזייט ער זײַן זריעה־שטויב, כדי איבעראַיאָר זאָלן אין מדבר יהודה ווידער אויפגיין, פון די אַלע הונדערטער טויזנטער זריעה־קערנער, נײַע פלאַנצן.

„און דו ווערסט זיין אַזוי ווי דער גלגל אין מדבר און דער ווינט וועט צעטראָגן דיינע זריעה־קערנער און זיי וועלן אויפגיין אין פרילינג באַנייטע״.
— ערגעץ־ווו האָב איך געלייענט די ווערטער און קאָן זיך נישט דערמאָנען.

בעת איך בין אַריינגעפאָרן קיין יריחו, געבליבן שטיין אין מיטן מאַרק, האָב איך גאָר געזוכט די שפורן פון מיינע חדר־יאָרן.

אַראַבישע קינדער האָבן מיך אַרומגערינגלט און נייגעריק באַטראַכט. אין די קרעמלעך זענען געשטאַנען די פּאַרקויפער און געוואַרט אויף מיר. עמיצער האָט מיך פאַרבעטן אויף לשון קודש, אַ צווייטער האָט עפּעס געזאָגט אין ענגליש.

איך האָב געוואָלט בלייבן אַליין, אַרויסגיין פון דעם שטאָטצענטער און אויפזוכן די סימנים פון דער אַמאָליקער יריחו, די אַזע וועלכע איז אַזוי באַזונגען געוואָרן מיט אירע פּאַלמעס, מיט אירע וואַסערקוואַלן און גרין־צעבליטע גערטנער. דאָס איז אויך געווען די ערשטע שטאָט, וועלכע די בני ישראל האָבן איינגענומען אויפן וועג צום צוגעזאָגטן לאַנד.

די מויערן פון יריחו זענען פאַרוואַנדלט געוואָרן אין שטויב. דער שטויב פון די מויערן־שטיינער איז פאַרטראָגן געוואָרן פון די ווינטן און איצט איז די געגנט אַן אַפּענע, אַ פלאַכלאַנד, וואָס גרינט און בליט. אפשר וועל איך דאָ זען די יריחו־רויזן? די קליינע נישטיקע מדבר־בלימלעך, וועלכע פאַרגייען עטלעכע טעג נאָך דעם ווי זיי בליִען אויף, ווערן פאַרטריקנט און קאָנען אַזוי טרוקענערהייט יאָרן־לאַנג אויפהאַלטן אין זיך דעם סוד פון לעבן. עס איז גענוג אַפּצורייסן אַזאַ אויסגעטריקנט, אָפּגעשטאָרבן בלימל, און עס אַריינלייגן אין אַ גלאָז מיט וואַסער, אַז עס זאָל אויפגיין מיט אירע אַמאָליקע קאָלירן און אויפלעבן.

אין די אוראַלטע באַשרייבונגען פון נע ונדע, פון וואַנדערער, טרעפן מיר אָפט אָן אויף די שילדערונגען פון דעם אַרעמען, קליינעם, כמעט אומבאַמערקטן בלימל, וועלכן מען רופט „די רויז פון יריחו״. איך האָב געוואָלט אויפזוכן דאָס קליינע אומבאַקאַנטע בלימל און נישט געקאָנט. אפשר דערפאַר ווייל דער מדבר אין חודש ניסן זעט נישט אויס ווי קיין מדבר וואָרעם אַלע פלאַנצן גייען אויף און אין די וואַדיס און אין

די אַראָפּהאַנגען פון די נידעריקע בערגלעך, בליען צענדליקער מינים בלימלעך?

אין חודש סיון, אין תמוז, אַרום יריחו, ווערט אַלץ פאַרשרהפהט פון דער זון און נאָר דאָרט ווו עס שטראָמען די פאַרבאָרגענע קוואַלן און עס שאָטענען די איילבערטן און די פּאַלמעס מיט די טאַמאַריסקן — נאָר דאָרט גרינען די גערטנער פון יריחו.

בשעת מיין נסיעה האָב איך די גאַנצע צייט געטראַכט וועגן דעם גלגל־פּלאַנץ און וועגן די רויזן פון יריחו.

דער גורל פון פּלאַנצן איז געגליכן צום גורל פון מענטשן — האָב איך עטלעכע מאָל געזאָגט צו מיינע באַגלייטער און ווי אויסטערליש עס זאָל נישט זיין האָב איך אומגעריכט איבערצייגט זיך אין דער וואָרהאַפטיקייט.

✶

עס איז געווען נישט ווייט פון ירושלים, ביי איינעם פון די וועגן, וועלכע פירן צום שער יפו. איך בין געבליבן שטיין ביים ראַנד פון שאָסיי. אַ שווערער לאַסטוואַגן האָט אַנגעהויבן פאַמעלעכער צו פאָרן ביז ער האָט זיך אָפּגעשטעלט. דער נהג איז אַרויס פון דער מאַשין און זיך דערנענטערט צו מיר מיט פאַמעלעכע טריט, ווי ער וואָלט זיך געוואָלט אין עפּעס דערמאָנען, וואָס איז פאַר אים גאָר וויכטיק.

„איך קוק אויף אייך און עס דאַכט זיך מיר, אַז איך קען אייך. איך האָב אייך געזען ביי דער בענזין־סטאַציע און עס איז מיר אויסגעקומען, אַז דאָס זענט איר, דערפאַר בין איך אייך נאָכגעפאָרן".

איך האָב געקוקט אויף דעם מאַן אין די פריע פערציקער יאָרן; אַ ברוין ברייט פנים, אָפּגעברענט, נידעריק, ברייט־פּלייציק מיט הענט, טוואָס אָפּשטייענדיקע, מיט צעשפּרייטע פינגער, אַ סימן, אַז דאָס איז אַ שאָפער פון אַ לאַסטוואַגן, וואָס פאָרט אָפט איבער די וועגן פון לאַנד. עפּעס האָט מיר אַ בליץ געטאָן אַ געדאַנק און ער איז באַלד פאַרגאַנגען. ווער קאָן זיך דען דערמאָנען אַלע באַגעגענישן, וועלכע מע האָט געהאַט אין דער אַמאַליקער היים, בעת דער מלחמה און באַלד נאָך דער מלחמה?

איך האָב דעם מענטש לאַנג באַטראַכט און געזען זיין פאַרלעגנהייט. ער האָט זיך געפילט ווי שולדיק הלמאי ער דערקענט מיך נישט און איך האָב זיך געפילט זינדיק הלמאי איך דערקען אים נישט. און אומגעריכט, בעת איך האָב אָנגעהויבן רעדן צו מיין זון אויף יידיש, האָט מיך דער שאָפער אַרומגענומען און געזאָגט:

„איצט ווייס איך ווער איר זענט". ער האָט אָנגערופן מיין נאָמען.

איך האָב זיין נאָמען זיך נישט דערמאָנט און אים נישט דערקענט.

איך האָב אָבער געדענקט אַלץ, וואָס ער האָט מיר איצט דערציילט און מערער נאָך ווי ער האָט מיר דערציילט, וויל נישט אַלץ האָט ער געוווסט פון יענער פּאַסירונג.

דאָס איז געווען אין יאָר 1946. איך בין געווען לייטער פון דער שול־ און קינדער־אָפּטיילונג ביים יידישן קאָמיטעט אין לאָדזש. אין העלענוווּעק, נישט ווייט פון לאָדזש, האָבן זיך אויפגעהאַלטן יידישע קינדער. געראַטע־וועטע פון די וועלדער, פון די גריבער, פון די לאַגערן און געקומענע פון ראַטן־פאַרבאַנד. עס איז געווען פאַר דעם קיעלצער פּאָגראָם. דער קינדער־אַנשטאַלט האָט באַקומען דראָונגס־בריוו, אַז מען וועט אויפרייסן די הייזער צוזאַמען מיט די קינדער. מען האָט עטלעכע מאָל באַשאָסן די וועגן צו העלענוווּעק. גאָר נאָענט האָט מען דערמאָרדעט אַ יידישע משפחה. מען דאַרף די קינדער אַרויספירן פון דאַנען. דאָס מוז געשען וואָס פריער. איך בין געווען אַן אָפּטער באַזוכער אין העלענוווּעק. דער אַנשטאַלט האָט געהערט צו מיין אָפּטייל. איך בין געקומען לערנען די קינדער יידיש און יידישקייט. די „בריחה" האָט צוגעגרייט לאַסטוועגענער אַרויסצופירן די קינדער אויף יענער זייט טשעכישער גרענעץ. אין יענער נאַכט בין איך געקומען רעדן צו די קינדער, אויפוועקן זיי און אויפקלערן, אַז זיי זאָלן זיך נישט שרעקן, אַז זיי זאָלן רויִק פאַרנומען ערטער אין די מאַשינען.

דער יידישער קאָמיטעט האָט וועגן דעם נישט געטאָרט וויסן. עס איז דאָך געווען „אומלעגאַל" דאָס אַרויספירן יידישע קינדער קיין אויסלאַנד. די יידישע קאָמוניסטן פון קאָמיטעט וואָלטן תיכף גערופן די „אובע", דאָס הייסט די פּאָליטישע פּאָליציי. איך האָב יענע נאַכט גערעדט צו די קינדער

אין העלענוועק אויף יידיש, אויף רוסיש, אויף פויליש. זיי האָבן נישט געהאַט קיין געמיינזאַמע שפּראַך. מען האָט געמוזט איבערחזרן יעדן זאַץ אין דריי לשונות. עס איז געווען אויסטערליש שטיל אין דעם גרויסן זאַל ווו עס זענען געווען פאַרזאַמלט די קינדער, וועלכע האָבן זיך נאָר וואָס אויפגעוועקט פון זייער ערשטן שלאָף. זיי האָבן געקוקט אויף מיר מיט נייגער, מיט אומרו, מיט צוטרוי. איך האָב געזען זייערע אויגן און וועל זיי שוין מער קיין מאָל נישט פאַרגעסן.

אַלע זענען געשטאַנען מיט קליינע קלומעקלעך. די אויפזועערין פון העלענוועק האָט געוואָלט טעלעפאָנירן קיין לאָדזש, אַנזאָגן, אַז מען „גנבעט אַרויס די קינדער". זי האָט אָבער נישט געקאָנט זיך פאַרבינדן, ווייל דער טעלעפאָן האָט נישט „געאַרבעט". עס האָט געהערשט, נאָך מיינע רייד, אַ שטילקייט.

די קינדער האָבן אָנגעהויבן גיין צו די לאַסטמאַשינען און עס האָבן זיי באַגלייט אייגענע מענטשן. מיט אַ מאָל האָב איך דערהערט אַ דין קול. דאָס האָט גערעדט אַ ייִנגעלע פון אַ יאָר 13, אָדער 14. ער האָט גערעדט פויליש. „איך וויל נישט פאַרלאָזן די פוילישע ערד... איך וויל נישט פאַרלאָזן מיין היימלאַנד... איך ווייס, אַז איר ווילט אונדז אַוועקפירן ווייט, אויף יענער זייט גרענעץ... דאָ וויל איך בלייבן ווייל פוילן איז דאָס לאַנד פון מיין גאָט, פון יעזוס..." — דאָס ייִנגעלע האָט נישט באַוויזן צו ענדיקן ווי עטלעכע שטימען פון קינדער האָבן אים שאַרף איבערגעריסן: משומד! כזשעסטאַ! כזשעסטאַ!

„קיינער צווינגט דיך נישט, קינד מיינס, אַז דו זאָלסט מיטפאָרן. קענסט דאָ בלייבן".

די לאַסטמאַשינען זענען שוין געווען פול מיט די קינדער. עס איז שפּעט אין דער נאַכט. בלויזביים ליכט פון לאַמטערן האָבן מיר זיך אויפגעלאָדנט און די ערשטע מאַשין האָט גערירט. איך בין געווען אין דער צווייטער מאַשין. כ'האָב געזאָגט צום שאָפער: „פּאַר פּאַמעלעך". אין אָפענעם טויער פון העלענוועק איז געשטאַנען דאָס ייִנגעלע מיט אַ רענצל אין דער האַנט און געקוקט ווי אַלע קינדער פאָרן אַוועק. די מאַשין איז געגאַנגען גאָר פּאַמעלעך. מיט אַ מאָל האָב איך דערזען, אַז דאָס ייִנגעלע

הייבט אָן גיין נאָך דער מאַשין. דערנאָך האָט ער אָנגעהויבן שנעלער גיין, ממש צו לויפן. ער איז געלאָפן צו אונדז. „שטעל אָפּ!" האָב איך אויס־געשריגן צום שאָפער. איך בין אַראָפּגעשפּרונגען און אָנגענומען דאָס יינגעלע ביי דער האַנט. „בלייב נישט דאָ, קום!" ער האָט מיר געענטפערט: „איך האָב מורא מיט אייך צו פאָרן". ער האָט געוויינט און זיינע הייסע טרערן זענען געפאַלן אויף מיינע הענט און עס האָט זיך מיר געדאַכט, אַז זיי בריען מיך.

דאָס יינגעלע האָט זיך אַרויפגעכאַפּט אויף דער לאַסטמאַשין און מיר זענען אַוועק אין דער נאַכט אַריין, ערגעץ אויף דרום, צו דער טשעכישער גרענעץ.

— איך בין דאָס יינגעלע פון העלענוועק — האָט מיר געזאָגט דער מענטש אין די פּערציקער. — איך בין דאָס.

— ווי גוט וואָס מיר האָבן זיך באַגעגנט נישט ווייט פון דעם כותל המערבי — האָב איך אים געענטפערט.

מיר האָט זיך אויסגעדאַכט, אַז איך האָב אין זיינע אויגן געזען טרערן. יאָ, ער האָט געווישט די טרערן. ערשט נאָך די טרערן, אָטאָ די טרערן פון פרייד, הלמאי עס איז געשען דער נס אין יענער פינצטערער נאַכט, האָב איך דעם מענטש דערקענט, גוט דערקענט און מיר האָבן זיך אַרומ־גענומען ווי אייגענע, ווי נאָענטע, ווי צוויי מענטשן, וואָס געפינען זיך אָפּ נאָך לאַנגע, לאַנגע יאָרן פון פאַרפרעמדונג און צעשיידונג.

*

אַ צווייטע באַגעגעניש:

עס איז שבת. מאָרגן וועל איך פון דאַנען אַוועקפאָרן. אין מיין האָטעל, אין בת־ים, וואַרט עמעצער אויף מיר. „עס איז געקומען אַן אויטאָ מיט אַ גאַנצער משפחה". — אַזוי זאָגט מיר אָן דער האָטעל־אייגנטימער. איך גיי זען די באַזוכער. ווער זענען זיי? איך קוק זיך איין אין דעם מענטש, אין זיין פרוי, אין די דריי קינדער און דערקען קיינעם נישט. אפשר איז עס אַ טעות?

— איר דערקענט מיך נישט?

— וואַרט אַ רגע. אפשר... ניין...

— איך בין חיימל. —

ערשט ווען ער האָט אַרויסגעזאָגט דאָס וואָרט „חיימל" האָב איך אים דערקענט. און ווידער אַ מאָל האָט זיך מיט אַ בליצשנעלקייט אַנטפּלעקט פאַר מיר אַ פּרשה פון מיין לעבן.

...וואָלין 1944. מיר פאַרהאַלטן זיך אין אַ דערפל וואָס איז נאָר וואָס געוואָרן אָפּגעשלאָגן פון די דייטשן. עס איז נישט ווייט פון קאָרעץ. ביי דעם ברונעם, אין מיטן דער דאָרפס־גאָס, שפּילן זיך קליינע קינדער. צען־צוועלף־יאָריקע שקצימלעך. קיין יידן זענען מער נישטאָ אין דער געגנט. אַלע זענען אויסגעמאָרדעט געוואָרן דורך די דייטשן, דורך די אוקראַינער. זיי רוען אין די מאַסן־גריבער. זייערע גופים וואַלגערן זיך אין די וועלדער, אין די טאָלן. מיט אַ מאָל הער איך ווי אַ קינד, פון אַ יאָר צען, זאָגט „ווין זשיד!", דאָס הייסט „ער איז אַ ייד!" און ער טייטלט אויף אַ ייִנגעלע פון אַ יאָר צוועלף־דרייצן. איך בין צוגעגאַנגען צום ייִנגעלע און אים געפרעגט: „ביסט אַ ייד?". ער האָט מיך בייז אָנגעקוקט און געזאָגט: „טשאָ ווי באַלאַקאַיעטע? נאָ ראָזומעיו!" איך האָב פאַרשטאַנען זיין אוקראַיניש.

מסתמא האָבן זיך דאָרפישע קינדער, סתם אַזוי, איבערגערופן. וויפל מאָל זאָגן מיר אויף עמעצן: אוי איז דאָס אַ ציגיינער. דאָך האָט מיך, אין יענע אומשטענדן, די געשיכטע אינטריגירט. איך האָב אָבער נישט געפונען קיין שום שפור, אַז דאָס ייִנגעלע איז טאַקע אַ ייד, וואָרעם ער האָט געהאַט אַ פלאַקסענעם קאָפּ מיט האָר, אַ פאַרריסענע נאָז און אויסגעזען טאַקע ווי אַ שייגעץ.

מיט אַ חודש שפּעטער האָב איך געטראָפן אין ראָוונע עטלעכע לעבן־געבליבענע יידן. ביי אַ גלאָז בראָנפן, האָט איינער דערציילט, אַז אין אַ דערפל ביי קאָרעץ האַלט זיך אויף אַ יידיש ייִנגעלע, אַז ער הייסט חיימל, און אַז דאָס איז זיין שוועסטערן־זון. ער איז אַלט דרייצן יאָר. „לאָמיר פאָרן ברענגען חיימלען" — האָב איך געזאָגט. עס איז געפערלעך. די באַנדעראָווצעס מאָרדן אויס די ציווילע. מען קאָן נאָר דאָרט אַהין פאָרן אין באַגלייטונג מיט מיליטער. איך האָב באַקומען אַ מיליטערישן וואָגן

מיט צוויי רוסישע סאָלדאַטן. דריי ליטער בראָנפן האָבן זיי פאַרלאַנגט פאַר ברענגען דאָס ייִדישע ייִנגעלע קיין ראָוונע. צומאָרגנס האָט מען חיימלען געבראַכט. דאָס ייִנגעלע האָט זיך געווערט, געביסן, געקאָפּעט, געוויינט און געשריגן, אַז ער איז נישט קיין ייִד, אַז ער הייסט נישט חיימל און אַז ער איז אַ גוי און זיין נאָמען איז סטעפאַן. דער פעטער האָט זיך בײַ אים געבעטן: „חיימל, אַ בראָך צו מיר, אַן אומגליק איז געשען! דו דערקענסט מיך נישט! חיימל, וואָס איז מיט דיר געוואָרן?" „יאַ נע זשיד!" זיינע געשרייען זענען געוואָרן וואָס אַמאָל העכערע. עס איז פשוט געווען אַ סכנה, אַז מען זאָל נישט קומען קאָנטראָלירן וואָס עס קומט פאָר אין דער ייִדישער שטוב. איך האָב געזאָגט צו די ייִדן, וועלכע האָבן זיך פאַרזאַמלט אין די חדרימלעך זען דאָס בייזע וווּנדער. „גייט אַלע ארויס. לאָזט מיך מיט דעם קינד!" מיר זענען געבליבן אַליין. איך האָב געשוויגן, לאַנג געשוויגן און דערנאָך געזאָגט צו אים אויף ייִדיש:

„חיימל, קום מיט מיר. איך וועל דיר ווייזן דיין הויז, דאָס אָרט ווו דו האָסט געלעבט. איך וועל דיר ווייזן דאָס גרוב ווו עס ליגט דיין שוועסטערל, און ווו עס ליגן אַלע ייִדן פון דיין גאַס. שרעק זיך נישט פאַר מיר. איך בין אַ ייִד". ער האָט מיר גאָרנישט געענטפערט. לאַנג האָט אָנגעהאַלטן די שטילקייט.

די מענטשן האָבן געעפנט די טיר און אַרייַנגעקוקט.

חיימל האָט זיך אויפגעשטעלט און געזאָגט צו מיר: „דו ווילסט זיין מיין טאַטע?"

איך האָב זיך צעוויינט. חיימל האָט נישט געוויינט. מיט צוויי יאָר שפּעטער האָב איך אים געפירט קיין העלענוועק צו די קינדער, דערנאָך האָב איך אים אַרויסגעפירט קיין מערב־דייטשלאַנד, דערנאָך איז ער געפאָרן קיין ציפּערן. אין דער אומאָפּהענגיקייטס־מלחמה איז ער געווען מיט די פּאַנצערס, וועלכע האָבן אויפגעבראָכן די אַראַבישע בלאָקאַדע פון ירושלים.

איצט זיצט ער אין מיין האָטעל און וואַרט אויף מיר. ער שטעלט מיר פאָר זיין פרוי, זיינע דריי קינדערלעך.

אין דרויסן איז דער ים אומרויִק עס פֿאַרנעמט זיך אויף אַ רעגן, איך ווייס אָבער, אַז די זון וועט אויפגיין און עס וועט ווידער אויפגיין דער גלגל־קוסט, וואָרעם ער האָט אין האַרבסט, בעת דער שטאָם איז איבער־געבראָכן געוואָרן, פֿאַרזייט דעם מדבר מיט זריעה און אַז עס איז אמת, אַז די רויזן פֿון יריחו בליען אויף מיט פּראַכט אַפֿילו מיט צענדליקער יאָרן נאָך דעם ווי זיי זענען געלעגן פֿאַרטריקנטע און פֿאַרוועלקטע.

*

דער גורל פֿון מענטשן איז געגליכן צום גורל פֿון פּלאַנצן — האָב איך געזאָגט צו זיך. עס איז וואָרהאַפּטיק, וואָרעם איך זע די נייע פּלאַנצן, וואָס גייען דאָ אויף מיט פּראַכט און מיט וווּנדער.

ביים כנרת

אין קיבוץ כנרת. די נאַכט איז צוגעפאַלן שנעל. אין דעם עס־זאַל האָב איך באַגעגנט די קיבוץ־מיטגלידער. דאָס רוב יוגנט. די טישן זענען באַשטעלט מיט כּל טוב. נאַטירלעכע שפּייז פון די אייגענע גערטנער: טאָמאַטן, אוגערקעס און אַלערליי סאַלאַטן, איילבערטן, ראש־חודש־רעטעכ־לעך און פאַרשידענע סאָרטן קעז. מען באַדינט זיך אַליין. איך באַטראַכט די געעלטערטע פרויען און מענער. זיי גייען רויִק, באַזאָכט, פאַרנעמען זייער אָרט ביי די טישן. אַ קינד פון אַ יאָר זעקס איז צוגעלאָפן אייליק צו אַ גרויען מענטש. זעט אויס אַז דאָס איז זיין אייניקל. איך דערקען עס אין דעם גלעטנדיקן בליק פון דעם אַלטן חבר פון קיבוץ און אין דעם קורצן און אייליקן שמועס וואָס זיידע און אייניקל פירן. אַ פרוי האָט אַרויסגענומען פון טאַש אַ בריוו און זי לייענט אים עטלעכע מאָל. עס איז מיט אַ מאָל אַריינגעקומען אַ גרופּע יוגנטלעכע, אין משונהדיקע קליידער, וועלכע מען טראָגט איצט אין אַלע אייראָפּעאישע סטודענטן־קוואַרטאַלן. דאָס זענען פרעמדע, געקומענע פון פאַרשיידענע לענדער, אויף אַ יאָר אַרבעט אין קיבוץ. זעט אויס אַז זיי פילן זיך דאָ היימיש.

פאַלמעביימער און בליענדיקע מאַראַנצן. דער ריח פון דעם פרישן גראָז און דער לייכטער ווינט פון כנרת, וואָס ברענגט מיט זיך דעם מילדן אָטעם פון די וואַסערן, די קינדער־געשרייען און דאָס געלעכטער פון יוגנט — דאָס אַלץ דרינגט אַריין אין מיר.

פֿאַראַן אַן אויסטערלישע ווייכקייט און אײדלקייט אין דער לופֿט אַרום כנרת. דאָס איז אַזאַ זינלעך געפֿיל, ווי עפּעס מילדס און צאַרטס וואָלט באַרירט דײַן האַרץ און דײַן נשמה. אַלע שווערע מחשבות טרעטן אָפּ. אַלע טרויערן פֿאַרגייען. אַלע פֿײַנען שטילן זיך אײַן און דײַנע אויגן, וועלכע האָבן געזען אַזוי פֿיל צער און לײַדן, ווערן געהיילט און ווערן באַנײַט. אַ ריינע, אַ געלײַטערטע, אַ צאַרטע וועלט שפּרייט זיך פֿאַר דיר און דו מוזט אין אַלעם שלעכטן פֿאַרגעסן, וואָרעם דער בלוי־שפּיגלדיקער כנרת מיט די מילדע בערג, מיט דער זאַפֿטיקייט פֿון די פֿלאַנצן, מיט דער ליכטיקער רונדיקייט פֿון די הויכקייטן שפּרייטן זיך מיט אַזאַ ליבשאַפֿט און אַזאַ סובטעלקייט — אַז דאָס אַלץ באַנײַט דיך און פֿירט דיך צוריק צו די בראשית־יאָרן פֿון דער אייגענער קינדהייט.

כנרת, כנור, אַ פֿידל אָדער אַ האַרפֿע אויף וועלכער דער אַלמעכטיקער שפּילט אויס זײַנע ניגונים. יאָ, דער כנרת האָט אַ פֿאָרעם פֿון אַן אַלטן מוזיק־אינסטרומענט. דער ירדן, וואָס שווימט אין אים אַרײַן, איז ווי דער פֿידל־האַלדז, און זײַנע ליכטיקע וואַסערן, וואָס טיילן זיך אויס, אַפֿילו דעמאָלט ווען זיי שווימען שוין אין דער מיט פֿון כנרת — זיי זענען ווי די אָנגע־צויגענע סטרונעס.

איין און צוואַנציק קילאָמעטער די לענג און אין זײַן סאַמע ברייטסטן אָרט האָט דער כנרת צוועלף קילאָמעטער. 212 מעטער נידעריקער ווי דער ים־פֿלאַך, אַרומגערינגלט פֿון הויכקייטן ביז קנאַפּע פֿינף הונדערט מעטער, אויסער צפֿון און דרום, פֿליסן אין אים אַרײַן די רײַכע וואַסער־שטראָמען פֿון דעם ירדן אין פֿון אַלערליי אונטערערדישע קוואַלן. טייל קוואַלן זענען הייסע און דינען פֿאַר היילונגס־צוועקן, נאָך אין די רוימישע צײַטן האָט מען פֿאַרשטאַנען אויסצונוצן די טבריה־קוואַלן. רײַך אין וואַסער, אין אַ קלימאַט וואָס איז הייס און מילד, איז די ערד ממש אַ געבענטשטע פֿון די הימלען. אַלץ וואַקסט דאָ; פּרוכטביימער, באַנאַנעס, איילבערטן, תבואה און אַלערליי טראָפּישע און סובטראָפּישע פּירות. דער כנרת איז רײַך אין פֿיש און די געוויקסן־וועלט איז דאָ איינע פֿון די רײַכסטע אין דער וועלט. די ביז איצטיקע אַרכעאָלאָגישע אויסגראָבונגען האָבן שוין אַנטפּלעקט די אוראַלטע פּאַלאַצן מיט מאָזאַאיקס, וועלכע כּישופֿן נאָך איצט מיט זייערע פֿאַרבן.

נישט ווייט פון די חמי טבריה געפינט זיך איינע פון די עלטסטע שולן. יעדעס מאָל בעת מען גראָבט פונדאַמענטן פאַר אַ נייער געביידע אַנט־פּלעקט מען סימנים פון אַמאָליקן פּראַכט. וואַרשיינלעך האָבן זיך דאָס רוב פון די פּאַלאַצן און טעמפּלען, ווי אויך די געביידעס פון די נאָטאַבלען, געפינען אויף די הויכקייטן, וועלכע ציען זיך לענגויס דעם מערב־ברעג פון כנרת.

★

דער קיבוץ כנרת האָט אַ גרויסן טעאַטער־זאַל פאַר עטלעכע טויזנט באַזוכער. אין קיבוץ גופא לעבן ביי טויזנט נפשות.

עס איז ניין אָוונט. דער זאַל איז איבערגעפּולט. די דעקאָראַציע אויף דער בינע איז אַן איינפאַכע; אַ פּראָוויזאָריש מיליטערישביידל. אַ יאַפּאַני־שער סאָלדאַט. ביי אַ באַנאַנע־קוסט באַווייזט זיך אַן אַמעריקאַנער זעלנער אין צעפליקטע מלבושים. די סצענע איז איצט אַן אינדזל, אַ קליין אומ־באַקאַנט אינדזל אין גרויסן אָקעאַן. דער יאַפּאַנער האָט זיך געראַטעוועט אויף דעם אינדזל פון אַ שיף, וואָס איז דערטרונקען געוואָרן. דער אַמעריקאַנער סאָלדאַט איז אַ פּאַראַשוטיסט, וואָס איז אַראָפּגעשפּרונגען פון אַן אונטערגעשאָסענעם עראָפּלאַן. צוויי שונאים זענען אויף איין אינדזל. דאָ איז גאָרנישט פאַראַן, אויסער גראָזוואָרצלען, וועלכע דער יאַפּאַנער עסט, און אויסער דעם גרויסן און אומענדלעכן אָקעאַן, ווו ער פישט פון צייט צו צייט אַ פישל. אַרום גייט נאָך אָן די מלחמה, אָדער, זי האָט זיך שוין פאַרענדיקט? ווער קען וויסן? ביידע ווילן לעבן. זיי האָבן נישט קיין בשותפותדיקע שפּראַך. דער יאַפּאַנער פאַרשטייט נישט דעם יענקי און דער יענקי פאַרשטייט נישט דעם יאַפּאַנער. עס איז אַ שפּיל אין פּאַנטאָ־מימע? ניין, עס איז נישט פּאַנטאָמים, ווייל ביידע רעדן; איינער רעדט אויף זיין שפּראַך, אויף יאַפּאַניש און דער צווייטער אַקטיאָר רעדט אויף זיין שפּראַך, אויף ענגליש. היות די ראָל פון אַמעריקאַנער סאָלדאַט שפּילט אַ יונגער ישראלדיקער אַקטיאָר רעדט ער עברית און דער יאַפּאַנער — רעדט יאַפּאַניש, דערפאַר ווייל ער איז אַ יאַפּאַנער און איז איצט אין ישראל אויף אַ גאַסטראָל, ער שפּילט אין זיין לשון, אין יאַפּאַניש. צוויי אַקטיאָרן און עס זענען שוין פאַרביי באַלד צוויי שעה ווי ביידע שפּילן אויס עפּעס

וואָס איז נישט בלויז טעאַטער — נאָר אַ רעאַליטעט, אַווירקלעכקייט. ווי האָבן די פראַנצייזישע קינסטלער אָנגערופן די קונסט־מאַלעריי וואָס איז מער ווי רעאַליזם? זיי האָבן זי אָנגערופן סוררעאַליזם.

דער אומצוטרוי פון די צוויי געפאַנגענע. די אומבאַהאָלפנקייט פון דעם אַמעריקאַנער. די געשיקטקייט פון יאַפּאַנער צוצופּאַסן זיך צו די משונהדיקע באַדינגונגען. דער פּרווו פון אָפּנאַרן איינער דעם אַנדערן, פון דערמאָרדן, און איידער ער דערמאָרדעט — האָט ער שוין חרטה. די זכרונות, וואָס יעדער איינער דערציילט מיט דער הילף פון די הענט, פון די פּנים־אויסדרוקן, מיט דער הילף פון דער שפּראַך מיט וועלכער ער רעדט. כאָטש דער צווייטער פאַרשטייט נישט. אָבער דאָס פּובליקום אין דעם גרויסן קיבוץ־זאַל הייבט אָן צו פאַרשטיין און צו באַנעמען. מען ווערט מיטגעריסן מיט דער שפּיל און ווען עס קומט אַ רגע פון שוואַכקייט, פון אומענדלעכן טרויער, וואָס באַפאַלט דעם יאַפּאַנער נאָך זיין היים און ער וויל באַגיין כאַראַקירי, ציטערן אַלע אויף אין דעם זאַל.

דער פינאַל פון דער פאַרשטעלונג איז אַ טרויעריקער;ביידע ווערן דערמאָרדעט. עס באַווייזט זיך אַ שיף, אָדער אפשר אַן עראָפּלאַן. מען באַמערקט, אַז אויף דעם אינדזל איז עפּעס פאַראַן פאַרדעכטיקסט און זיי שיסן מיט אַן אַרטילעריע־פייער. דערמיט שליסט זיך אָפּ די דראַמע.

ווען מיר פאַרלאָזן דאָס טעאַטער זע איך ווי עס טונקעלן זיך די גולן־הויכקייטן. איך טראַכט וועגן גורל פון די צוויי געפאַנגענע אויף דעם אינדזל. פאַר וואָס האָבן זיי געמוזט אומקומען? איז דאָס די פאַטאַליטעט? איז דאָס די פינצטערע באַשערטקייט, אָדער די וואָרענונג פון מחבר צו דער וועלט: זעט, עס איז נישטאָ קיין שינאה צווישן אונדז! עס איז פאַראַן אָבער דער פינצטערער גורל, וואָס באַדראָט אַלעמען! שטעלט אָפּ דאָס פייער! שיסט נישט — שרייט אויס דער אַמעריקאַנער סאָלדאַט פון דער בינע אין כנרת! ער פאַלט און דער עולם אין זאַל שטעלט זיך אויף און אַפּלאָדירט, אַפּלאָדירט לאַנג!

איך גיי איבער שטיין־שטעגלעך פון כנרת־קיבוץ. דער ריח פון בליענדיקעביימער, די ריינע לופט פון כנרת, דער דופט פון צוויט, פון זיסע וואַסערן, פון די קילע קוואַלן און פון האָניק. איך שעפּטשע די לעצטע

ווערטער פון דער נאָר וואָס פאַרענדיקטער פאַרשטעלונג: שטעלט אָפּ דאָס פייער. שלום...

*

אין לייען־זאַל פון קיבוץ כנרת האָב איך געטראָפן דעם זון פון עלטסטן ישראלדיקן חקלאי, קוואַשני. איינער פון די ערשטע תושבים פון דער מושבה כנרת, וועלכער געפינט זיך בסך הכל עטלעכע קילאָמעטער פון קיבוץ כנרת.

דער נאָמען קוואַשני זאָגט מיר גאָר פיל. דוד בן גוריון, שלמה צמח, שלמה לביא און קוואַשני, פיר חברים אָפּשטאַמיקע פון מיין שטאָט פלאָנסק. ווי פאַרשידנאַרטיק זענען געווען זייערע וועגן אין ישראל און דאָך וויפל געמיינזאַמקייט איז פאַראַן אין זייער לעבן און אין היסטאָרישן אויפטו פאַר דער מדינה!

די נעמען פון די פיר זענען געבונדן מיט דער מושבה כנרת. דאָ, אויף די זומפּיקע פעלדער, אין אַ לאַנדשאַפט, וואָס איז געווען ווילד־שיין און פאַרוואָרלאָזט, האָבן זיי ביי די שווערסטע באַדינגונגען אָנגעהויבן בויען אַ ישוב, אַ היים פאַר זיך און פאַרן גאַנצן פאָלק. ישראל פייערט איצט דעם זיבן און אַכציקסטן געבוירן טאָג פון איינעם פון אירע מושבניקעס, קוואַשני. אין מיינע נעפּל־זכרונות דערמאָן איך זיך מיין באַגעגעניש מיט שליחים פון ישראל. דאָס איז געווען אין יאָר 1926. אין מיין שטעטל פלאָנסק. איך האָב אָפּט באַזוכט די היים פון אביגדור גרין — דער פאָטער פון דוד בן גוריון. איך דערמאָן זיך גוט דאָס קליינע, נידעריקע הילצערנע הויז, די שטילקייט וואָס האָט דאָרט געהערשט. דעם ערשטן ריח פון ארץ ישראל האָב איך אָפּגעפילט ווען איך בין אַריבערגעטראָטן די שוועל פון אביגדור גרינס הויז. שלמה צמח — דער זון פון אַ חשובן שטאָט־גביר, וועמענס זיידע האָט אויפגענומען ביי זיך לוי יצחק באַרדיטשעווערן און וואָס האָט געלאָזט אויפבויען אין שטאָט אַ בית־מדרש לויט דער אַרכיטעק־טור פון די אַמאָליקע ישראלדיקע בתי־תפילות; דער זון פון אַן אלמנה, אַ בעקעריך, שלמה לעווקאָוויטש, וועלכער האָט אין ישראל אָנגענומען דעם נאָמען שלמה לביא; קוואַשני, דער זון פון יידישן ערד־אַרבעטער פון

פלאָנסק — אַלע זענען זיי געווען די ראשונים פון דעם ווידערגעבורט פון ישראל. דוד בן גוריון — דער יסוד־לייגער פון דער מדינה; שלמה צמח — דער גרויסער סופר בישראל, דער שיין־גייסט פון דער העברעיִשער ליטע־ראַטור; שלמה לביא — דער חבר הכנסת, דער מיטגרינדער פון עין חרוד, דער מענטש פון מאַראַל און פון געוויסן, געשטאָרבן מיט זעקס יאָר צוריק, און קוואַשני, צו לאַנגע יאָרן. איך האָב אים געוואָלט דריקן די הענט. עס איז אָבער שוין געווען שפּעט און איך האָב נישט געקענט פועלן ביי זיך סתם אַזוי אַריינצוכאַפּן זיך אין מושב כנרת.

ס׳איז אָבער געווען פאַר מיר אַ נחת און אַ פרייד צו זען דעם זון זיינעם און צו וויסן, אַז כאָטש אַ סאַברע, ווייסט ער גוט וואָס עס באַדייט פלאָנסק פאַר דער געשיכטע פון די יידן פון פוילן און ער האָט איבער־גענומען פון זיין פאָטער די ליבשאַפט צו דער ערד פון ישראל און אויך צו יידיש, וואָרעם ער רעדט אַ יידיש. וואָס האָט אַלע חנען פון דעם יידיש־פּוילישן שטעטל פלאָנסק, אַזוי ווי עס האָבן אים גערעדט די יידן אין די בתי־מדרשים צווישן מנחה און מעריב; אַ יידיש, וואָס איז גערייניקט און געהייליקט.

✶

דערציילן וועגן כנרת און וועגן טבריה און נישט דערמאָנען איינעם פון אירע יונגסטע און די מערקווירדיקסטע תושבים־עולים, דעם ד״ר לייב קורלאַנד, איז נישט מעגלעך.

מיר זענען געגאַנגען איבער די הויכקייטן, וועלכע פירן נישט ווייט פון כנרת־ברעג צו די אַרכעאָלאָגישע אויסגראָבונגען. לייב קורלאַנד האָט מיך געפירט. איך האָב געפילט, אַז די ליבשאַפט צום עבר איז אַזוי גרויס ווי די ליבשאַפט צום עתיד פון טבריה. אַ יידישער דאָקטאָר פון פּאַריז, אַ מענטש וואָס איז פאַרליבט אין יידיש און יידישער ליטעראַטור, אַ מחבר פון אַ רייע ביכער אויף יידיש, אַ יידישער עסקן, איז ער ווי דערוואַכט געוואָרן אין ישראל, ביים כנרת. איך האָב באַוווּנדערט זיין באַנייטע יונג־שאַפט און זיין ליידנשאַפטלעכע ליבע פאַר דעם שענסטן ווינקל פון דער וועלט — פאַר דעם כנרת און פאַר טבריה. ד״ר לייב קורלאַנד קען דאָ יעדעס

שטעגל, יעדן אוראַלטן שטיין, ער פירט מיך צו די הייסע היילקוואַלן, וועלכע שפּאַרן אַרויס פון די היילן. ער האָט אַן אויג פון אַ שרייבער און אין דער זעלביקער צייט דאָס וויסן פון אַ פאָרשער, אַ ספּעציאַליסט אין דעם באַשטאַנד פון די היילוואַסערן און קען די געשיכטע פון די היילקוואַלן. ווי ווייט ד״ר קורלאַנדס קענטענישן גרייכן האָב איך זיך פיל מאָל איבערצייגט, בעת די געשפּרעכן, וועלכע מיר האָבן געפירט. איך האָב אים באַוווּנדערט פאַר דעם האַסטיקן קער, וועלכן ער האָט געמאַכט פון פּאַריזער בולוואַר באַמאַרשע ביז די אור־אַלטע, נאָך נישט־אַנטפּלעקטע רעשטן פון דער אַמאָליקער פּראַכט, וועלכע האָבן זיך געשפּרייט לענגויס דעם ברעג פון כנרת, ווו עס געפינען זיך די חמי טבריה.

איך בין דערנאָך געווען אין דער היים פון ד״ר קורלאַנד און דאָרט באַגעגנט זיין פרוי, איינעם פון זיינע זין. איך בין געקומען מיט מיין פרוי, מיט מיין זון, מיט מיינע אייניקלעך, אַלע סאַברעס, און עס איז געווען אַ טיפע איבערלעבונג אויסצוטרינקען אַ לחיים. עדות פון דער באַגעגעניש זענען געווען די בערג פון יענער זייט כנרת, דער בלויער, וווּנדערלעכער ים, וואָס שפּרייט זיך אויס אַזוי קלאָר, ווי אויף דער האַנטלפלאַך פון די רחבותדיקע פענצטער פון ד״ר קורלאַנדס וווינונג. קיין שענערן אויסבליק פון אַ פענצטער קאָן מען זיך אפילו אין חלום נישט פאָרשטעלן. לחיים! שטעט און לענדער, יידיש און עברית, טבריה און דער כנרת, פּלאָנסק און טשענסטאָכאָוו, פּאַריז און די אַלע גלותן מישן זיך אויס און באַהעפטן זיך און מיר קוקן נחתדיק אויף גאָטס וווּנדער.

✶

בעת מיר זענען געזעסן אין חדר־אוכל פון קיבוץ כנרת, איז צוגעקומען איינע פון די עלטערע קיבוץ־מיטגלידער און זיך פאָרגעשטעלט: איך בין רחל גינזבורסקי, איך מאָל בילדער. אויב איר זענט מסכים וועל איך אייך פאַרבעטן אין מיין אַטעליע. עס איז אָבער דאָרט אַן אומאָרדענונג...

ווייזט זיך אַרויס, אַז די מאָלערין רחל גינזבורסקי געהערט צו די מיטגרינדער פון קיבוץ. דאָס מאָלעריי איז געקומען ספּאָנטאַן, אומגעריכט. עס איז די השפּעה פון דער לאַנדשאַפט, פון די פעלדער און ביימער, פון

ירדן, פון די מאַלער, וועלכע זענען געקומען אַהער פון חוץ־לארץ כדי צו מאָלן דעם כּנרת און דעם ירדן, די פייגנביימער און די סיקאַמאָרן, די אייקאַליפּטן און די אַלטע וועגן און שטעגן צווישן די אייביק גרינע פעלדער. די אַטעליע איז קליין, אָבער מען דערקענט גלייך, אַז מיר האָבן פאַר זיך אַן עכטע קינסטלערין, וואָס מאָלט דאָס, וואָס רינגלט זי אַרום; דאָס טעג־לעכע לעבן פון קיבוץ. יעדעס בילד איז ווי אַ פּערז פון אַ ליד, ווי אַ ניגון, וואָס זי האָט געמוזט אויסזינגען. דאָס רוב בילדער זענען אַקוואַרעלן; איידל, פּרוויאיש־צאַרט און דורכזעעוודיק. אירע בילדער באַצירן עברית־ביכער, זיי ווערן רעפּראָדוצירט אין קאַלענדאַרן, אין אַלבאָמען. איצט גיט דער קיבוץ אַרויס רחל גינזבורסקיס אַ נייעם אַלבאָם מיט בילדער. ווער זענען געווען אירע לערער? זי רופט מיר אָן אַ נאָמען: ישעיה קולוויאַנסקי, אַן אויסגעצייכנטער יידישער מאָלער. ער איז געשטאָרבן מיט עטלעכע חדשים צוריק. „קולוויאַנסקי האָט געמאָלן נישט ווייט פון ירדן־טייך. עס איז אַדורך אַ האַלבער טאָג און ער איז נישט צוריקגעקומען — דערציילט רחל — בין איך אַוועק אים זוכן, איך האָב מיטגענומען עפּעס עסן פאַר אים. איך בין געווען נאָך יונג, און ליב געהאַט מאָלעריי. ערשט פאַר נאַכט האָב איך אים באַגעגנט ביי דער סטאַלוגע מיטן לייוונט. איך האָב אים געוואָלט געבן דאָס עסן און זאָגן, אַז עס ווערט דאָך שפּעט. ער האָט זיך אָנגעבייזערט אויף מיר: לאָזט מיך פאַרענדיקן דאָס בילד. איין מאָל האָט ער זיך אַפילו נישט אָפּגעשטעלט פאַרן רעגן. ער האָט געמאָלן אין רעגן...״

רחל גינזבורסקי וואַרט אויף מיין וואָרט. זי וויל הערן וואָס איך האָב צו זאָגן וועגן אירע בילדער. דער מאַן אירער שטייט דערנעבן און איך דערקען אין ביידן די האַרעפּאַשניקעס פון דער ערד, די מענטשן מיט אַ טיפער יידישער קולטור. עס איז גוט צו זען די בילדער פון רחל, עס איז גוט זיי צו הערן רעדן און עס איז גוט צו זיין זייער גאַסט, צו שפּאַנען מיט זיי איבער דעם קיבוץ, וואָס איז ווי אַ גאָרטן וואָס בליט.

✶

צומאָרגנס, בעת איך האָב פאַרלאָזט דעם כּנרת, האָב איך זיך יעדעס מאָל אומגעקערט; כדי נאָך אַ מאָל און ווידער אַ מאָל צו זען איר כּישוף־דיקע פּראַכט.

אין קיסריה

דער ים ביים אוראַלטן קיסריה איז געווען דעם טאָג אומרויִק. די שוואַרצע פעלדזן האָבן אָפּגעשלאָגן די שוימיקע כוואַליעס און די געפּעס־טיקטע ברעגשטיינער מיט מירמלזיילן און ברוכשטיקער פון גזימסן און בלאָקן זענען געווען פייכט פון דעם שלאַקסרעגן, וואָס איז אַ גאַנצע נאַכט געפאַלן. איך האָב זיך איינגעהערט אין בייזן גערויש פון דעם ים און עס איז אויפגעגאַנגען פאַר מיר יענע צייט ווען איך האָט באַלד נאָכן אַנטדעקן דעם רוימישן טעאַטער, אין יאָר 1959, באַזוכט דעם נאָר וואָס אויסגעגראָבענעם שטח און אָנגעשריבן די דערציילונג „דער אַמפיטעאַטער פון קי־סריה". איצט הער איך אַ קול, וואָס הילכט אָפּ דרייפאַכיק און קומט פון דעם רוימישן טעאַטער.

ווער קען דאָס דעקלאַמירן אין מיטן פון אַ פאַרוואָלקנטן טאָג, ווען קיסריה איז פוסט, מיט אַזאַ פאַטעטיש־טעאַטראַלן טאָן?

איך בין צוגעקומען נאָענט, ביז די אייבערשטע שטיינטרעפּ און דערזען אויף דער אַרענע אַ יונגן בחור, אפשר פון אַ יאָר דריי און צוואַנציק, מיט אַ שוואַרצן האַראַנוווקס אַרום זיין פּנים, מיט לאַנגע האָר און צעשפּריי־טע הענט. ער האָט דעקלאַמירט אין ענגליש עפּעס אַ טעקסט, ווו איך האָב פיל מאָל אויפגעכאַפּט דעם נאָמען „הערֹאד".

איך בין לאַנג געשטאַנען און געקוקט אויף דעם ענטוזיאַסטישן יונגן מענטש, וואָס רייסט אָפּט איבער די דעקלאַמאַציע, כדי זיך איינצוהערן אין דעם אייגענעם עכאָ. און דער עכאָ פון זיין קול שלאָגט זיך אָפּ קלאָר,

קלאַנגפול און ציטערט דערנאָך אָפּ אין דעם רונדיקן רוים פון אַמפיטעאַ־טער, ווו איך בין דער איינציקער צושויער.

איצט האָב איך דערקענט: דאָס איז אַ פראַגמענט פון דער שילדערונג פון יוסף פלאַוויוס וועגן דער גרויסער דעלעגאַציע פון די ירושלימער יידן, וועלכע זענען אַוועק קיין קיסריה, ווו עס האָט זיך געפונען דער פּאַלאַץ פון רוימישן פּראָקוראַטאָר פּאָנטיוס פּילאַטוס „אַ מענטש מיט אַן אומ־געהויערער אכזריות״ — אַזוי ווי עס כאַראַקטעריזירט אים זיין בן־דור, דער פילאָזאָף פילאָן פון אַלכסנדריה. „שוחד, רויבערייען, גוואַלדטאַטן, הפקרות, טויט־שטראָפן אָן אַ משפט״. פּילאַטוס האָט געשפּאָט פון יידיש־קייט, פאַרשוועכט די יידישע מינהגים און נישט געגאַנגען אין די דרכים פון די פריערדיקע פּראָקוראַטאָרן, וועלכע האָבן זיך גערעכנט מיט די יידישע רעליגיעזע געפילן און נישט געטראָגן אין ירושלים עפנטלעך קיין פענער מיט דעם אימפּעראַטאָרס בילד, וואָס איז לויטן יידישן דין געווען פאַרבאָטן. פּילאַטוס האָט איין מאָל געשיקט פון קיסריה קיין ירושלים זיין מיליטער מיטן אימפּעראַטאָרס בילד. זיי זענען אַריין ביי נאַכט קיין ירושלים כדי אויסצומיידן דעמאָנסטראַציעס. אָבער אין דער פרי, ווען די יידן האָבן זיך דערפון דערוווּסט, זענען זיי אויפגעציטערט געוואָרן. אַ גרויסער המון איז אַוועק פון ירושלים קיין קיסריה, צו פּילאַטוסן, פאַרזאַמלט זיך לעבן זיין פּאַלאַץ און געבעטן, אַז ער זאָל באַפעלן צוצונעמען פון ירושלים די פענער מיט דעם בילד פון אימפּעראַטאָר. אַזוי ווי דער המון איז נישט אָפּגעטראָטן האָט דער רוימישער הערשער פּילאַטוס געדראָט אָנצווווענדן כוח. ער האָט פאַרנאַרט די יידישע מאַסע אויפן היפּאָדראָם, וואָס איז געווען אַרומגערינגלט מיט זיינע זעלנער און געדראָט אַלעמען אויסצושעכטן. די יידן האָבן זיך נישט אונטערגעגעבן און ווען די רוימישע חיילים זענען שוין געווען גרייט זיך צו וואַרפן אויף די שוצלאָזע יידן, האָט זיך די גאַנצע מאַסע אַנידערגעלייגט אויף דער ערד, אַנטבלויזט די העלדזער און אויס־געשריען, אַז זיי ווילן ליבער שטאַרבן, איידער צוצוקוקן ווי מען פאַרשוועכט די הייליקע שטאָט. פּילאַטוסן האָט איבערראַשט די יידישע שטאַנדהאַפטיקייט און ער האָט געמוזט נאָכגעבן. ער האָט באַפוילן אַוועקפירן די קייסערלעכע פענער פון ירושלים צוריק קיין קיסריה.

דער יידישער יונגערמאַן, אַ סטודענט פון ענגלאַנד, האָט איצט דעקלאַמירט די רייד פון די יידן צו פילאַטוסן, בעת זיי זענען געווען פאַרזאַמלט ביי זיין פּאַלאַץ און געבעטן זיך רחמים, אַז ער זאָל נישט פאַרשווענכן ירושלים. איך האָב דערקענט, אַז ער אימפּראָוויזירט, אַז ער ברייטערט אויס דעם טעקסט פון יוסף פלאַוויוסן און אַז ער איז איצט אַריין אין דעם עקסטאַז פון אַן אַקטיאָר — אַן אימפּראָוויזאַטאָר דראַמאַטורג.

בעת ער האָט פאַרענדיקט, האָט ער זיך פאַרנייגט פאַר דעם פוסטן אַמפיטעאַטער און אויסגעשטרעקט ביידע הענט צום פובליקום, וואָס האָט נאָר עקזיסטירט אין זיין דמיון. ביים דריטן מאָל פאַרנייגן זיך האָב איך אָנגעהויבן צו אַפּלאָדירן.

איך האָב געהערט ווי דער עכאָ פון מיינע אַפּלאָדיסמענטן נידערט אַראָפּ צו דער בינע. דער יונגער מענטש האָט מיר אַרויפגעשיקט דאַנקבליקן.

*

„אייבראַם הייס איך. כ'שטודיר די אַלטע יידישע געשיכטע. איך קען פון אויסנווייניק פלאַוויוסן. קיסריה האָט מיך פאַרכישופט. איך האָב געאַרבעט מיט ישראלדיקע אַרכעאָלאָגן. אָבער דאָ האָט זיך דערוועקט אין מיר דער חשק צו דעקלאַמירן, אויסצוזינגען, אויסצושרייען, אַז די אוראַלטע שטיינער זאָלן הערן מיין קול. וויל מען דען נישט איצט ווידער אַ מאָל פאַרשווענכן דאָס יידישע ירושלים? וואָס מישן זיי זיך אַריין די פרעמדע אין דער שטאָט, וואָס עס האָט געבויט דוד המלך? עס איז אונדזער הייליקייט! אַז איך לייען די רייד וועגן דעם, אַז די יידן האָבן פאַרכאַפּט ירושלים ווילט זיך מיר צאָרענען, לאַכן, שרייען, פּראָטעסטירן! האָט איר שוין געזען אַ פאָלק, וואָס זאָל וועלן שטאַרבן בלויז דערפאַר וויל מען פאַרשווענכט איר שטאָט? די פראַנצויזן האָבן זיך צוגעקוקט ווי אַזוי די דייטשן האָבן אַריינמאַרשירט קיין פּאַריז. אויף דעם פראָנט פון אַסאַמבלעי נאַסיאָנאַל איז געהאָנגען אַ גרויסע אויפשריפט אין דייטש: „די דויטשן זיגען אויף אַלע פראָנטן”. בערלין האָט קאַפּיטולירט דערנאָך פאַר די אַליאירטע. די דייטשן זענען געגאַנגען געבויגענע פאַר הכנעה. אָבער יידן? נישטאָ נאָך

אַ פֿאָלק וואָס איז אַזוי העלדיש אין איר אַקטיוון און פּאַסיוון ווידערשטאַנד! איך ווין נישט וויט. פֿון צײַט צו צײַט קום איך קיין קיסריה. איך האָב ליב די אַרענע, ווײַל עס ציט מיך צו טעאַטער. איך וועל פֿאַרפֿאַסן אַ פּיעסע און אויסשפּילן די הויפּטראָל. איך וועל אַנטפּלעקן פֿאַר אַלעמען די גבורה פֿון די ייִדן, וועלכע זענען געקומען פֿון ירושלים קיין קיסריה צו פּילאַטוסן און דאָס וואָס האָט זיך אָפּגעטאָן דאָ, אויף דעם אָרט, ווו עס איז געשטאַנען דער פּאַלאַץ פֿון פּראָקוראַטאָר און בײַ די פֿערדשטאַלן. איר ווילט וועל איך אײַך ווײַזן די ערטער. איך קען דאָ יעדעס ווינקל״.

איך האָב זיך אײַנגעהערט אין זײַן קול. עס איז געווען אַ באַריטאָן־שטים מיט וועלכער ער האָט שטאָלצירט. ווארעם ער האָט זי מאָדעלירט און אַפֿילו בעת ער האָט גערעדט מיט מיר, האָט ער געשפּילט, גוט געשפּילט.

אייבראַם איז נאָך אַלץ געווען אונטערן רושם פֿון דער סצענע, וועלכע ער האָט אײַנער אַליין אויפֿגעפֿירט אויף דער אַרענע פֿון פּוסטן אַמפּיטעאַטער פֿון דער רוימישער תקופֿה אין קיסריה.

✶

„איך וויל אויפֿלעבן אין ישׂראל אַ תנכיש טעאַטער און אויך אַ טעאַטער, וואָס זאָל אויסשפּילן די ייִדישע געשיכטע. דרײַ זאַכן פֿאַרמאָג איך דערצו: היסטאָרישע קענטעניש, טעאַטראַלישע נייגונג, גוטע ידיעות אין דער אַלט־ישׂראלדיקער אַרכעאָלאָגיע. די פּיעסן וועל איך נישט שרײַבן, נאָר זיי צונויפֿשטעלן פֿון אַלטע טעקסטן. דאָס איז מײַן אידייע. די דעקאָראַציע וועט זײַן די סאַמע אמתדיקסטע; די חורבות פֿון קיסריה און דער ים. איך וועל מײַן אידייע פֿאַרווירקלעכן, איר וועט נאָך הערן פֿון מיר...״

✶

אין יאָר 1959, בעת איך האָב געשריבן מײַן דערציילונג „דער אַמפּיטעאַטער פֿון קיסריה״, האָט מיך אינספּירירט אַ געשעעניש, וועלכע עס האָט מיר דערציילט אַ ייִדישע אַקטריסע פֿון ישׂראלדיקן טעאַטער. זי האָט געהאַט אַ באַקאַנטן פֿרײַנד, וועלכער האָט זיך נישט געקאַנט אײַנגלידערן אין לאַנד. „ער האָט געשריבן פּיעסן פֿאַרן טעאַטער, וועלכע מען האָט נישט געלייענט אַפֿילו. ער איז נאָכגעלאָפֿן רעזשיסאָרן, טעאַטער־מענטשן

און געבעטן זיך: לייענט מײַן נײַע דראַמע. זי איז אַזוי צוגעפּאַסט פֿאַר אײַער טעאַטער. מען האָט צו אים גערעדט העפֿלעכע רייד, צוגעזאָגט, פֿאַרזיכערט און געמאַכט אַפֿילו קאָמפּלימענטן, אַז דאָס וואָס ער האָט אָנגעשריבן אַזוינס און אַזעלכעס, אָבער אין דער אמתן, האָט מען אַפֿילו נישט געעפֿנט זײַן העפֿט. ער האָט געוואָלט אָנקומען אין טעאַטער, האָט מען אים געגעבן קליינע ראָלן און אָנשטאָט אויסצושפּילן זײַנע פּיעסן, האָט ער געדאַרפֿט איבערחזרן נאַכט־נאָך־נאַכט די זעלביקע עטלעכע פֿראַזן פֿון עפּעס אַ צווייטן דראַמאַטורג, וואָס איז נישט ווערט געווען צו שטיין לעבן אים... ער איז אָבער געווען שיין — האָט צו מיר גערעדט די אַקטריסע — און איך האָב זיך געבעטן ביי אים: זוך זיך אַ ריכטיקע באַ־שעפֿטיקונג. גיב אויף דײַן חלום. ביסט נישט קיין דראַמען־שרײַבער און נישט קיין אַקטיאָר. איך האָב אים די ווערטער געזאָגט בעת אונדזערס אַ באַזוך אין קיסריה. איך האָב געוואָלט, אַז ער זאָל וויסן דעם אמת. ער איז מיר געווען נאָענט און כ׳בין געווען פֿאַרליבט אין אים. די אײַבערהאַנט האָט אָבער גענומען אין אים נישט דאָס האַרץ וואָס ליבט, נאָר דער ווילן צו זײַן אַ דראַמאַטורג, אַן אַקטיאָר וואָס שפּילט די הויפּטראָל, און דאָ, אין אַ שפּעטן אָונט, אויף דער אַרענע פֿון אַמפּיטעאַטער, דעם נאָר וואָס אויסגע־גראָבענעם, איז געקומען דער טיפֿער ריס צווישן אונדז. ער האָט נישט געקאָנט באַנעמען מײַנע רייד און עס איז געקומען צו אַ דראַמאַטישער סצענע, וועלכע ער האָט גלענצנדיק אָפּגעשפּילט, אַ סצענע וועלכע האָט מיך טיף אויפֿגערודערט, ווײַל ער איז אַרײַנגעפֿאַלן אין אַן עקסטאַז מחמת זײַנע רייד האָבן זיך דרייפֿאַכיק אָפּגעשלאָגן אָן די שטיינערנע שוועלן פֿון אַלט־רוימישן טעאַטער. שגעון, ליבע, שׂינאה, פֿאַרביטערונג — דאָס אַלץ האָט זיך אויסגעמישט אין אים און איך בין אין דער נאַכט אַנטלאָפֿן דורך די חורבות פֿון קיסריה ביזן שאָסיי און געזוכט אַ וואָגן, וואָס זאָל מיך צוריקפֿירן קיין תּל־אָביב.

*

די געשיכטע האָט מיר דערציילט אַן אַקטריסע. איך האָב זי גוט פֿאַר־געדענקט און אין אַ צייט שפּעטער האָב איך אָנגעשריבן מײַן נאָוועלע. מיט צען יאָר שפּעטער שטיי איך ווידער אויף דער זעלביקער אַרענע פֿון

אַמפיטעאַטער, וועלכן עס האָט געבויט הורדוס. די אַקטריסע איז היינט איינע פון די, וועלכע באַשיינען דאָס ישראלדיקע טעאַטער. דער דראַמען־שרייבער און דער וואָס האָט געזאָלט זיין אַן אַקטיאָר נאָר פון הויפּטראָלן, דרייט זיך אַלץ אַרום טעאַטער. ער איז געוואָרן אַן אימפּרעסאַריאָ פון די קליינע טרופּן, וועלכע פאָרן אַרום איבער די קיבוצים און עולים־ישובים.

✶

אין דער אַלט־יידישער געשיכטע שטייט געשריבן:

„אין דער געגנט, וועלכע מען האָט אַמאָל גערופן סטראַטאָנס־טורעם, האָט זיך געגרינדעט אַ נייע האַפנשטאָט, וועלכע מען האָט אָנגערופן קיסריה לכבוד דעם רוימישן צעזאַר. פון צפון האָט זיך געפונען די ים־פעסטונג עכו און פון דרום — יפו. הורדוס האָט דאָ איינגעאָרדנט אַ שיפּפּאָרט, וואָס איז באַקאַנט געוואָרן מיט די נייעסטע איינריכטונגען. אין מיטן פון דער נייער שטאָט איז געשטאַנען אוגוסטוס טעמפּל. צוועלף יאָר האָט מען געבויט קיסריה. זי איז געווען אַרומגערינגלט מיט פעסטע מויערן און מיט שוצוואַלן. די באַפעלקערונג איז דעמאָלט באַשטאַנען פון גריכן און רוימער. די שטאָט האָט געדאַרפט זיין ווי אַ קעגנגעוויכט צו ירושלים. זי איז געוואָרן נישט קיין שוצפעסטונג פאַר יהודה נאָר פאַר די שונאים פון יהודה. אַן אַלט יידיש שפּריכוואָרט זאָגט, אַז „קיסריה פלעגט תמיד נתעלה ווערן ווען ירושלים פלעגט אַראָפּנידערן".

אין דער צייט פון די ערשטע קאַליפן, אין יאָר 640, איז געפאַלן די רעזידענץ פון די ביזאַנטישע ניצבים, קיסריה ביים ים. די אַראַבער האָבן פאַרנומען די שטאָט. אַן אַראַבישער כראָניקער, בעלאַדאַרי, שרייבט, אַז קיסריה האָט דעמאָלט געהאַט פיל יידישע איינוווינער און אַז געפאַלן איז די שטאָט צוליב דעם פאַרראַט פון אַ ייד מיטן נאָמען יוסף. די אַרמיי, אונטער דער אָנפירונג פון מואַוויאַ, האָט זיך אַריינגעריסן קיין קיסריה. די שטאָט איז פיל מאָל איבערגעגאַנגען פון האַנט צו האַנט ביז עס איז געקומען די פאַרוויסטונג, די פולשטענדיקע פאַרשווינדונג, און די צייט האָט געמאַכט דאָס איריקע: זאַמד־דיונעס פון ים זענען אָנגעטראָגן געוואָרן, שיכטן ערד האָבן פאַרדעקט די דענקמעלער, זיילן זענען איינגעפאַלן, טעמפּ־

לען זענען צעשטערט געוואָרן, די בלאָקפעלדזן זענען איינגעזונקען געוואָרן, וואַנדערנדיקע שבטים האָבן אַוועקגעפירט דאָס, וואָס מען האָט געקאָנט אַנלאָדן אויף די קעמלען און אייזלען און קיסריה איז ווי פאַרשוווּנדן געוואָרן פון דער אויבערפלאַך ביז עס זענען געקומען די אַרכעאָלאָגן און מיט דער הילף פון אַלטע באַשרייבונגען, מיט אינטואיציע און דורך מי און פראַצע האָט מען אַנגעהויבן אַרויסצורייסן פון דער ערד די געהיימענישן און אַנטפּלעקן די אַמאָליקע פּראַכט. ערשט אין יאָר 1873 האָט מען צונויפגעשטעלט די ערשטע מאַפּע פון די חורבות פון קיסריה און מען האָט אויסגעפונען עטלעכע, ביז גאָר וויכטיקע, חפצים.

די ריכטיקע אַרכעאָלאָגישע פאָרשונגען פון קיסריה האָבן זיך אָנגעהויבן ערשט אונטער דער אָנפירונג פון ישראלדיקע אַרכעאָלאָגן און טאַקע דעמאָלט איז אַנטפּלעקט געוואָרן די פּאָדלאָגע פון שטיין, באַדעקט מיט אַ מאָזאַיק פון אַ סינאַגאָגע. אין די יאָרן 1952־1962 האָט דער אַרכעאָלאָג אבי יונה, פון העברעישן אוניווערזיטעט, געפונען שפּורן פון יידישע געבעטהייזער און דעם אַמאָליקן יידישן קוואַרטאַל פון קיסריה, וועלכער האָט זיך געפונען ביי דער העלעניסטישער מויער. די עטלעכע יידישע געבעטהייזער געהערן, לויט די פאָרשער, צו דער תקופה, וואָס נעמט אַרום דעם 4־טן און 7־טן יאָרהונדערט. מען דערקענט זיי נאָך איצט לויט די אַלט־יידישע סימבאָלן און העברעישע אויפשריפטן.

אין די אַלטע שריפטן פון די אַראַבער, ווו עס רעדט זיך וועגן זייער דעראָבערונג פון קיסריה, ווערט דערציילט, אַז די באַפעסטיקטע שטאָט איז דורך זיי איינגענומען געוואָרן דורך אַן אונטערערדישן קאַנאַל, ווו עס זענען אַריינגעדרונגען די אַראַבישע זעלנער אין דער באַלאַגערטער קיסריה. אין יענער צייט האָט זיך די שטאָט אויסגעשפּרייט אויף מער ווי הונדערט העקטאַר און זי איז געווען די גרעסטע שטאָט אין דעם גאַנצן ראַיאָן. די אַראַבישע דעראָבערונג פון קיסריה האָט גורם געווען נישט בלויז שווערע פאַרוויסטונגען, נאָר קיסריה האָט זיך פאַרוואַנדלט אין אַ קליין און אומבאַדייטנדיק שטעטל.

*

דער יידישער בחור פון ענגלאַנד, אייבראַם, האָט מיך לאַנג באַגלייט פון איין אויסגראַבונג צו דער אַנדערער. ער האָט גערעדט מיט גרויס קענטעניש און איך האָב פאַרשטאַנען, אַז ער איז דאָ אַן אָפטער באַזוכער. צווישן איין אויפקלערונג און דער אַנדערער האָט ער אַריינגעוואָרפן רייד וועגן זיין אָפשטאַם. דער זיידע איז געווען אַ שניידער אין ווייטשעפּל. ער האָט געשטאַמט פון אַ יידיש שטעטל ביי פּאָלטאַווע. אַנשטאָט צו פאָרן קיין ישראל, אַזוי ווי ער האָט געוואָלט, איז ער געבליבן אין דעם יידישן קוואַרטאַל פון לאָנדאָן און געטראָגן אין זיך דעם חלום פון דער נישט־צושטאַנדגעקומענער עליה. אייבראַמס פאָטער איז אַן אַדוואָקאַט, אַסימי־לירט און גייט אַן פאַר איינעם, וואָס האָט מער נישט קיין שום שייכות צו יידישקייט. עס איז אָבער נישט אַזוי „איך האָב געפונען אין זיין ביבליאָטעק ביכער וועגן יהדות. בעת דער מלחמה פון די זעקס טעג בין איך געקומען אין לאַנד אַריין, בלויז צו העלפן און דערנאָך צוריקפאָרן. איך האָב מילי־טערישע דערפאַרונגען פון דער ענגלישער אַרמיי. מען האָט מיך נישט געדאַרפט, ווייל די מלחמה האָט זיך גיך געענדיקט. איך ווין נישט ווייט פון דאַנען, אין דעם רעזידענץ־טייל פון קיסריה״.

מיר זענען אַוועק זען דעם גאָלף, אויף אַ פלאַך־געבערגלטן גרינלעכן שטח שפרייט זיך דער גאָלף־פּלאַץ פון קיסריה. די עטלעכע גאַלעריעס מיט די קונסט־אויסאַרבעטונגען וועלכע מען האָט געעפנט ביי די חורבות פון קיסריה זענען אַ צייכן פון אונדזער צייט. עס שאָקירן די מאָדערניסטישע סקולפּטורן פון אייזן אויפן פאָן פון דעם אַלטן קיסריה. די בילדער־גאַלעריעס זענען ענלעך צו די, וועלכע מען זעט אויפן סאַקרע־קער אין פּאַריז, און די „אַנטיקן״ — קופּער־געגאָסענע קאָפּיעס פון פּוילישע חנוכה־לעמפּלעך פון נייַנצנטן יאָרהונדערט...

יידישע פּלוטאָקראַטיע פון דער וועלט מיט באַראָנישער „סמיכה״ שפּילן עטלעכע הונדערט מעטער פון אַלטן קיסריה אין... גאָלף. דער יידי־שער בחור פון ענגלאַנד, אייבראַם, וויל אָפּראַטעווען קיסריה אַז זי זאָל בלייבן אַזאַ ווי זי איז ווידעראַנטפּלעקט געוואָרן פון די אַרכעאָלאָגן. „פאַר וואָס האָט מען „פאַררוכטן״ די שטיינערנע שוועלן פון דעם אַמפּי־

טעאַטער?״ פרעגט מיך דער ענגלישער יונגערמאַן. „וואָלט נישט בעסער געווען ווען עס בלייבט אַזוי ווי עס איז דאָ אַמאָל געווען?״

*

מיך האָט געצויגן דער ים און די אייביקע שפּיל פון די ים־כוואַליעס מיט די האַלב־פאַרזונקענע בלאָקשטיינער, מיט די איינגעפאַלענע זיילן, מיט די חורבות פון דעם אַלטן האַפן. די כוואַליעס שלאָגן זיך אָן ביי קיסריה אויף פעלדזן, אויף אונטער־ימישע שטיינער און זיי שוימען דאָ מיט רוגזה, אַנטפּלעקן די ווייסע קעפּ און ווערן נעלם, כדי אין רגעס אַרום ווידער זיך צו אַנטפּלעקן.

אַ טונקל־בלויער ים, טייל מאָל איז ער פּיאָלעט און טייל מאָל שמאַ־ראַגדגרין, ראַנגלט זיך אָן אויפהער מיט די שטיינער, וועלכע טונקלען זיך איצט ביז שוואַרצקייט.

איך קוק שוין אַ שעה אויף דעם געראַנגל און ווייס, אַז אַזוי האָט דאָ אויסגעזען מיט טויזנטער יאָר צוריק. דער זעלביקער ים און די זעלביקע שוימיקע כוואַליעס, די עדות פון די היסטאָרישע תקופות.

מיר דאַכט זיך, אַז איך הער אַן עכאָ וואָס דערוואַכט בעת אין קיסריה איז קיינער נישטאָ און עס פאַלט צו דער אָוונט, דאָס איז אַן עכאָ פון די יידן פון ירושלים, וועלכע זענען געקומען אַהער צו פּילאַטוסן מאַנען ביים רוימישן פּראָקוראַטאָר, אַז ער זאָל נישט פאַרשוועכן ירושלים.

יאַזור

אַמאָל זענען דאָ געווען קעמלוועגן און אייזלשטעגלעך. זיי האָבן זיך געצויגן פון לוד און רמלה ביז יפו. זיי האָבן געפירט צו די זיתים־גערטנער און צו די פרדסים און זענען פאַרלאָרן געוואָרן אין אַ לאַבירינט פון סאַברע־גדרס, פון אַלערליי קריכפלאַנצן און וויקלגראָזן דורך וועלכע עס האָט זיך אַפילו אַ שאַקאַל נישט געטרויט דורכצושאַרן, וואָרעם די שטעכיקע קאַקטוסקעפּ זענען געווען אַזוי געדיכט צעוואַקסן, איינע ביי די אַנדערע און דערצו נאָך פאַרבונדן מיט דעם טייוולהאָר, אַז עס איז געווען אַן אמתדיקע איינשטעלעניש אַריינצושטעקן אין דער שטעכיקער פלאַנצן־געדיכטעניש דעם קאָפּ. דערצו האָבן נאָך דאָ געלויערט די סאַמע גיפטיקסטע שלאַנגען.

איצט זענען די אַלטע וועגלעך נעלם געוואָרן. עס איז פאַרשוווּנדן דאָס אַלטע יאַזור. די געגנט רופט זיך אזור, כאָטש דער נאָמען איז נישט פאַראַן אין תנ״ך, קען מען אים פון די אוראַלטע צייטן און ער ווערט דערמאָנט אין אַן אשורישן דאָקומענט ווי אַ שטאָט אין דן.

אין גאַנצן עטלעכע קילאָמעטער פון תל־אביב אויפן וועג קיין ירוש־לים, באַלד נאָך מקווה ישראל. אין יאָר 1950 האָב איך געטראָפן, מיט אַ רידל אין דער האַנט, לעבן איינער פון די הויכקייטן, וואָס איז באַשטאַנען פון זאַמד און קורקאַר־שטיינער, משה דיין. נישט ווייט איז געזעסן אויף אַ דזשיפּ זיין טאָכטער יעל. דער שר הבטחון האָט פון תמיד אַן אַרויסגעוויזן אַן אינטערעס פאַר אַרכעאָלאָגיע. דעמאָלט איז משה דיין שוין געווען באַרימט פון דער „הגנה״ און אומאָפּהענגיקייטס־מלחמה.

בעת דעם איצטיקן באַזוך האָב איך מער נישט געקאָנט טרעפן דאָס אָרט. איך האָב געוווּסט, אַז באַלד נאָך דער מלחמה פון זעקס טעג האָט זיך דאָ אין יאַזור, אָפּגעריסן אַ שטיק פון דער הויכקייט, וואָס איז באַשטאַנען פון די געלגרויע קאַרקור־שטיינער און משה דייק איז פאַרוווּנדעט געוואָרן. ערשט ווען איך האָב זיך דערמאָנט, אַז נישט ווייט האָט זיך געפונען אַ סיקאָמאָר־בוים, האָב איך אָנגעהויבן שפּאַנען איבער די אַלע פאַרצוימוּנ־גען און נישט געקוקט אויף די אויפשריפטן, אַז דאָס זענען שטחים פון דעם אינדוסטריע־קוואַרטאַל פון חולון, אויסמיידנדיק פאַרשיידענע מחסנים און בעטאָן־געביידעס, האָב איך ענדלעך אָפּגעפונען דאָס אָרט פון די אַרכעאָלאָגישע אויסגראָבונגען. עס איז געווען אויסגעטיילט פון די אַנדערע שטחים און פאַרצוימט מיט שטעכיקן זשאַווערדראָט.

נישטאָ מער קיין סימן פון די אַמאָליקע פּרדסים. עס זענען נעלם געוואָרן די זיתים־גערטנער, די מימאָזע־קוסטעס און די קאַקטוסן. דאָ ציען זיך ברייטע וועגן, שטויביקע, האַלב־פאַרענדיקטע, און פון ביידע זייטן — פאַבריקן, לאַגערן פאַר סחורות, וואַרשטאַטן, צעמענט־אויסאַר־בעטונגען, מעטאַל־אינדוסטריע מיט דער באַקאַנטער פאַבריק „חמת" און די גלאָז־הוטע „קריסטאַל".

✶

„עס איז געווען גאָר נאַטירלעך און פאַרשטענדלעך וואָס יאַזור איז נעלם געוואָרן. ווי אַזוי האָט מען געקאָנט לאָזן נאָענט פון תל־אביב אַזאַ שטח, וואָס איז באַשטאַנען פון אַלטע אייזל־ און קעמל־וועגן וועלכע האָבן שוין אין ערגעץ נישט געפירט?... קיין לוד און רמלה פאָרן אויטאָס און לאַסטוועגענער. פון יפו קיין ירושלים איז מען אַמאָל געפאָרן אַ גאַנצן טאָג מיט אַ קעמל. היינט — לויפן מאַשינען. די פּרדסים, וועלכע עס האָבן דאָ געהאַט די אַראַבער, זענען נישט געווען געהעריק באַאַרבעט. ווו דער עפענדי האָט נאָר געקענט אַריינשטעקן זיין שירעם — דאָרט האָט ער פאַרפלאַנצט אַ מאַראַנצן־בוים. דער סוף איז געווען, אַז די ביימער האָבן געדייעט אין ענגשאַפט, געוואַקסן אין דער הייך און געגעבן גאָר ווייניק פּירות. די באַוואָסערונג איז געווען אַ משונהדיקע; עס האָבן דאָ זיך געפונען

צענדליקער ברונעמער און יעדער אַראַבישער באַלעבאָס האָט געלאָזן קלאַפּן זיין וואַסער־פּאָמפּע. די ערד איז טאַקע אַ פּרוכטבאַרע, אָבער נאָך דעם ווי די אַראַבער פון יאַזור זענען נעלם געוואָרן, אַנטלאָפן נאָכן פּראָקלאַמירן די יידישע מדינה, האָט מען ערשט דערזען ווי אָרעם עס איז געווען יאַזור. לעבן דעם מעטשעט־בערגל, האָבן זיך געצויגן וויקל־געסלעך מיט ליימהייזלעך, ווו דאָס אייזל און די משפּחה האָבן געלעבט ביינאַנד. באַלד אין ערשטן האַרבסט, ווען יאַזור האָט געפּוסטעוועט און מען האָט נישט אויסגעשמירט אויף ס׳ניי מיט ליים און מיט קעמל־און־אייזל־מיסט די ליימיקע שטיבלעך, זענען זיי זיך צעפאַלן. וואָס האָט מען דען געדאַרפט טאָן מיט דעם פּאַרוויסטן אַראַבישן דאָרף? באַזעצן עולים און זיי געבן פּיצלעך ערד אויף גערטנער? זיי וואָלטן נישט געווען קיין לאַנדווירטן און נישט קיין אַרבעטער. לעבן פון די גערטנדלעך וואָלטן זיי נישט געקענט. און אַרבעטן וואָלטן זיי נישט געהאַט ווו. עס איז טאַקע קעגן דער ראָמאַנטיק וואָס דער אַלטער פּייזאַזש איז דאָ צעשטערט געוואָרן. איר זענט געקומען זוכן די אייזלוועגן, איר ווילט די זאַמדשטעגלעך ווו פון ביידע זייטן ציִען זיך קאַקטוס־קוסטעס מיט רויט־אָנגעגאָסענע סאַבּרעס? כאַ־כאַ־כאַ... דאָס לעבן האָט זיך אירע אייזערנע געזעצן... יאַזור עקזיסטירט. עס רופט זיך איצט אַזור. די הייזער זענען דאָ קאָנצענטרירט פון לינקן זייט שאָסיי, אַרום דעם אַלטן מעטשעט. די עיריה איז אין אַ נייער געביידע. די מענטשן פון אַזור זענען באַשעפטיקט אין די פאַבריקן און וואַרשטאַטן. זיי האָבן פּרנסה אויפן אָרט, און דאַרפן נישט זוכן אַרבעט אין דער פרעמד. מען קומט אַהער פון תל־אביב, ווייל דאָס איז אַן אינדוסטריע־צענטער. ברוך השם, דאָס לעבן גייט, מען עלטערט זיך און אַזור בויט זיך״...

*

אַזוי האָט צו מיר גערעדט איינער פון די עלטסטע תושבים פון יאַזור. ווען ער איז דאָ אַהערגעקומען איז ער אַלט געווען 47 יאָר. היינט איז ער אַלט זיבעציק. אין קראָקע איז ער געווען אַ גרויסער סוחר. געפּאָרן אָפט קיין ווין פון וואַנען ער האָט אימפּאָרטירט סחורות. ער וווינט אין אַ הילצערן הייזל, וואָס ער האָט געבראַכט פון שוועדן. פאַר וואָס פון שוועדן? נאָך דער

באַפרייונג איז ער צוריקגעקומען קיין קראָקע. ער האָט זיך געראַטעוועט אין ווייטן רוסישן אַזיע. ער האָט מיר פיל דערציילט פון געבירטיקן, ווען ער האָט נישט איין מאָל אַרויסגעהאָלפן. איך האָב זיך אויך דערוווּסט, אַז ער האָט אַמאָל פאַרעפנטלעכט אַ באַנד לידער אויף יידיש. ליב געהאַט יידיש און ארץ־ישראל. נאָך דער באַפרייונג פון זיין היימשטאָט קראָקע איז ער געווען עדות פון אַ פּאָגראָם, שוין ביי דער נייער פּוילישער מאַכט. צוזאַמען מיט זיין פרוי און מיט צוויי אָפּגעראַטעוועטע קינדער איז ער אַוועק אין דער וועלט אַריין. צוערשט קיין שווייץ צו אַ קרוב. פון דאָרט קיין שוועדן. פון שוועדן — קיין ישראל, באַלד ווען עס איז אַנטשטאַנען די יידישע מדינה. דער אייגנטימער פון איינער פון די שענסטע קאָמעניצעס אין קראָקע, האָט געלעבט אין אַ קיביטקע אין אַזיע, געאַרבעט אין אַ קאָלכאָז, דערנאָך אַלס פויער אין דער שווייץ, דערנאָך געהאַקט וועלדער אין צפון־שוועדן און צום סוף, האָט ער זיך אויסגעזוכט אַ באַשעפטיקונג אין תל־אביב. די יאָרן גייען. ער פאָרט יעדן טאָג אין דער פרי קיין תל־אביב, פאַר נאַכט קומט ער צוריק. די קינדער זענען אויסגעוואַקסן. עס זענען שוין דאָ אייניקלעך. דאָס יידישע בוך ליגט אויפן טיש. די קינדער רעדן אַ פּליסיקן עברית און די אייניקלעך — זיי גייען שוין אין בית הספר. אמתדיקע סאַברעס. איך פיל ווי דער עול פון פרנסה איז געוואָרן לייכטער, נישט ווי מיט יאָרן צוריק. עס איז אַ שטילע משפחה־אידיליע פון איינעם, וואָס איז אַדורך פייערן און וואַסערן און דערשלאָגן זיך צו אַ שטילן ברעג...

*

עס איז שוין צוגעפאַלן דער פאַרנאַכט. אין ישראל פאַלן די פאַרנאַכטן צו גיך, נישטאָ קיין שקיעה. איך האָב זיך איינגעהערט אין דער פאַרנאַכטיקער שטילקייט, כדי צו הערן דאָס געוויין פון די שאַקאַלן, אַזוי ווי בעת איך בין דאָ געווען מיט אַ צענדליק יאָר צוריק. דעמאָלט זענען די שאַקאַלן צוגעקומען ממש ביז די פענצטער און די טירן און יאָמערלעך אַריינגעוויינט. ניין. מען הערט נאָר דעם ריטמישן גערויש פון אויטאָס, וואָס לויפן דאָ פאַרביי. נישט ווייט איז דאָך דער שאָסייוועג תל־אביב —

ירושלים. אפשר וועל איך הערן דאָס כליפען פון דער נאַכטסאָווע אין די ציפּרעסן? גאָרנישט. בלויז אַ גריל גרילט אויס אַ זיג־זאַגיש גרילערייַ ווי מען וואָלט געזעגט אַ טרוקן האַלץ.

מיר גייען פאַרביי אַ הויכקייט, ווו עס געפינט זיך די שטיינערנע פעסטונג נאָך פון די צייטן פון די קרייצצוגלער. דאָ האָבן די אַראַבער געשיצט זיך קעגן די אַרמייען, וועלכע האָבן שוין געהאַט איינגענומען יפו און געוואָלט גיין אויף ירושלים.

יאַזור איז געווען איינע פון די פיינטלעכסטע אַראַבישע ישובים בעת דער אומאָפּהענגיקייטס־מלחמה. דאָס דאָרף האָט בלאָקירט די פאַרבינדונג פון תל־אביב מיט ירושלים. דאָ זענען געפאַלן די זיבן, וועלכע האָבן געוואָלט דורכרייסן די בלאָקאַדע. משמר השבע — אַזוי רופט זיך אַ מושבה צוויי קילאָמעטער פון דאַנען.

איך האָב אַמאָל אין דער נאַכט לאַנג גערעדט מיט מיין פריינד פון יאַזור, דער תימנער גמליאל, דער וועלכער האָט מיר דערציילט די וווּנדער־לעכסטע מעשיות וועגן סיקאָמאָר־קלייבער, וועגן סולטאַנען און עפענדיס, וועגן קעמלרייטער און אומטרייע ווייבער, וועלכע זענען נאָך ערגער ווי די נחשים, וועגן דער רשעות פון די גויים, וועגן צדיקים. דער אַלטער פריינד מיינער גמליאל איז געשטאָרבן. זיין זון איז אַ הויכער קצין אין צה״ל.

„דער שוואַרצער מלך״, וועמען איך האָב געהאַט באַשריבן אין אַ דערציילונג, לעבט מיט זיין באַשערטער פון דעם שכנותדיקן דערפל, מולדת, כאָטש דעם נדן וועלכן ער האָט געגעבן, אַ פערד פאַר איר פאָטער, איז געווען נישט זיינער, און די משטרה האָט דאָס פערד צוריקגענומען, און „דער שוואַרצער מלך״ האָט געהאַט געגוג צרות מיטן געזעץ... אָבער נישט מיט זיין ווייב, ווייל זי האָט אים געבוירן אַזש זעקס קינדער. איצט זענען שוין דאָ אייניקלעך, כן ירבו...

מיין לאַנדסמאַן, דער יונג, וואָס איז אויסגעהאָדעוועט געוואָרן אין טאַטנס פערדשטאַל און האָט נישט געוווּסט וואָס אַן אלף איז, האָט מיך אַמאָל געהאַט געבעטן: „זאָלסט זיך נישט אַרויסכאַפּן מיט אַ וואָרט פאַר מיין ווייב וועגן מיין יחוס. איך האָב איר געזאָגט, אַז מיין טאַטע איז געווען

דער שענסטער בעל־הבית פון פלינצק״. ווען איך בין אַריין צו אים אין שטוב, נישט ווייט פון מעטשעט־בערגל, אין יאַזור, האָב איך געטראָפן זיין ווייב, נאָך אַ יונגע, וואָס האָט געשטאַמט פון אַ דערפל אין די קאַרפּאַטן־רוסן. זי האָט דעמאָלט מיר געזאָגט אויף אַ הייזעריקן אונגאַרישן יידיש: „איך בין אַ טאָכטער פון די רייכסטע פאַמיעשטשיקעס״... ביידע האָבן זיך נישט „געגנאַרט״. איינער, וואָס איז געווען מיט איר אין פאַרשיקונגס־לאַגער, בעת דער נאַצי־הערשאַפט, האָט מיר געזאָגט אַז זי איז געווען אַ דינסט־מיידל אין איר דאָרף. מיין לאַנדסמאַן האָט זיך אויפגעבויט אַ הויז אין סאַמע מיט פון דעם געסל. אַ טאָכטער דינט אין צה״ל און אַ זון איז אין נגב, ער אַרבעט ביי פאַרלייגן נייע וואַסעררערן.

מאַקסל, וואָס האָט אַמאָל געשאַכטן אייזלען אין וואַדי אין די נעכט און אויסגעאַרבעט וורשטלעך וועלכע ער האָט צוגעשטעלט פאַר דעם פּאַרט אין יפו, האָט זיך געסטאַטקעוועט. עס איז אים דערעסן געוואָרן צו האָבן געשיכטעס מיט די שוטרים, מיט די שופטים. ער האָט אַ קליינע בודקע מיט גזוז און דאָס ווייב קען צוגרייטן די באַטעמטסטע פּיתות פון יאַזור.

דער וואָס האָט אַרומגעפירט אויף אַן איינגעפאַלן פערדל, אַ פאַרמאַכטן וואָגן, אַ באַקלאַפּטן מיט בלעך, אין וועלכן עס זענען געלעגן בלאָקן אייז — ער האָט איצט אַן אַנדער פּרנסה. זיין זון איז פּראָפעסאָר אין אוניווער־סיטעט. קיין אייזבלאָקן דאַרף מען שוין נישט. אַלע האָבן פרידזשידערס.

דער עסקן פון יאַזור, דעם וועלכן מיר האָבן גערופן „פעפערל״ איז אויס עסקן. ער האָט זיך סוף־סוף צוריקגענומען צום פאַך, געוואָרן אַ פּקיד. די אונראַ־לאַגערן אין דייטשלאַנד, ווו ער איז געווען אַ גאַנצע שישקע, האָבן אים צעטומלט. ער האָט געוואָלט זיצן אויבן־אָן, געוואָלט ווערן אַ וויכטיקע פיגור אויך אין לאַנד. אפשר אַ חבר הכנסת? אפשר אַ שר? פאַר וואָס נישט? איצט טענהט ער איין אין מאַקסלס גזוז־בודקע אין די פאַרנאַכטן, בזה הלשון: „הלוואי וואָלט איך דעמאָלט פאַרשטאַנען דאָס וואָס איך פאַרשטיי איצט, וואָלט איך געווען אויף אַ בעסערן מעמד און נישט פאַרלאָרן די בעסטע צייט. ווען איך האָב זיך געכאַפּט, אַז מען דאַרף טאַקע אַרבעטן און נישט האַלטן דרשות, איז שוין געווען אַ קאַפּיטשקע צו שפּעט״...

דער געוועזענער יִדיש־לערער פון ליטע האָט געאַרבעט אין אַ משרד ווי אַ בוכהאַלטער. איצט איז ער אויף פּענסיע. זיין טאָכטער איז געוואָרן אַ דאָקטאָרין אין ירושלים.

דער געראַטעוועטער פון טרעבלינקע, וואָס איז אַנטלאָפן נאָכן אויפשטאַנד פון דעם טויטן־לאַגער און איז יאָרן־לאַנג אַרומגעגאַנגען מיט אַ פאַרפינצטערט פּנים פון וועלכן עס האָבן שגעונדיק אַרויסגעלויכטן די אויגן־ווייסלען, אַנגעשוואָלענע און באַצויגענע מיט רויטע אָדערן, איז ווי געלייטערט געוואָרן. באַרויִקט געוואָרן. די צווי קינדער העלפן אים אַרויס.

דער סטאָליער האָט זיך אויפגעשטעלט אַ צווייסטאָקיק הויז, נישט ווייט פון דער נייער עיריה.

יצחק דער בוי־אַרבעטער האָט זיך געעלטערט. ער איז געוואָרן דער שמש אין דער יאַזורער שול. פיל זענען אַוועק פון יאַזור קיין תל־אביב, קיין יפו און אין מושבים. אויף זייער אָרט זענען געקומען יידן פון צפון־אַפריקע.

„די ערשטע יאָרן זענען מיר געווען מיט זיי אָפּגעפרעמדט, אַזוי ווי צוויי פרעמדע וועלטן, היינט — דערציילט מיר מיין פריינד — אין מען זיך משדך. אַ קלייניקייט, די קינדער לערנען דאָך אין דער זעלבער שולע און מען דינט צוזאַמען אין צה״ל״.

✶

איך וועל שוין קיין מאָל נישט פאַרגעסן יענעם לאַנגן נאָכטשמועס וואָס איך האָב געהאַט אַמאָל מיט איינעם, וואָס האָט זיך באַזעצט נישט ווייט פון די זאַמדפעלדער, וועלכע שפרייטן זיך ביים ראַנד פון יאַזור. ער האָט מיר דעמאָלט געזאָגט: „איך וועל קיין רו נישט געפינען זייט מיינע איבערלעבענישן אין נאַציש־אָקופּירטן לעמבערג. עס זענען שוין קיין יידן נישט געווען אין דער שטאָט, ווארעם מען האָט דורכגעפירט עטלעכע אַקציעס. איך בין געזעסן אין דער תפיסה. איין טאָג האָט מען מיך אַרויסגעפירט אין גאַס אַריין און געהייסן גיין, אַ פּאָר שפּאַן פון מיר האָבן מיך באַגלייט געשטאַפּאָ־לייט אין ציוויל. אַנטלויפן האָב איך נישט געקענט, ווייל זיי וואָלטן מיך דערשאָסן. בין איך געגאַנגען איבער דער גאַס, איבער

אַ צווייטער, איבער אַ דריטער. אויף דער אַרישער זייט האָבן זיך געפונען ייִדן. די געשטאַפּאָ־פאַרשוינען האָבן געוואָלט אויף אַזאַ אופן אַנטדעקן ווער עס איז אַ ייִד. אַזוי ווי מען האָט מיך גוט געקענט אין לעמבערג ווייל איך בין געווען אַ באַקאַנטער פוטבאָל־שפּילער, האָבן זיך פון צייט צו צייט פאַרהאַלטן לעבן מיר דורכגייער. דאָס זענען געווען אויסבאַהאַלטענע ייִדן אויף דער אַרישער זייט. מען האָט זיי תיכף אַרעסטירט. אַזוי האָט מען מיך אַרומגעפירט עטלעכע טעג. אויפן דריטן טאָג איז מיר אַנטקעגן געגאַנגען מיין מיידל. עס איז געווען צו שפּעט צו געבן איר אַ צייכן, אַז זי זאָל זיך צו מיר נישט דערנענטערן, ווייל זי האָט מיך די ערשטע דערזען. מען האָט זי אַרעסטירט און אַפּגעשיקט אין יאַנאָווער לאַגער. זי איז אומגעקומען. איך בין געבליבן לעבן. ווי אַזוי? פרעגט נישט! איך בין אויך אָוועקגעשיקט געוואָרן אין יאַנאָווער לאַגער און דערנאָך בין איך אַנטלאָפן צו די פּאַר־טיזאַנער".

„ביים ראַנד פון מדבר" — אַזוי האָב איך אָנגערופן די דערציילונג ווו איך האָב באַשריבן זיין ליידנסוועג. ער וווינט נאָך אין זעלביקן פּאַרלאָזע־נעם אַראַבישן הויז. ער איז געוואָרן אַ נאַכט־שומר אין איינעם פון די לאַגערן פון דעם אינדוסטריע־צענטער. ער האָט אַ פרוי, זי שטאַמט פון די קורדישע געגנטן אין איראַק.

מיין פריינד דערמאָנט מיך, אַז אין מיין נאָוועלע, ווו איך באַשרייב אים, ענדיקט זיך מיט זיין טויט. אַראַבישע אַריינדרינגלער דערמאָרדן אים אין איינער פון די נעכט. „פאַר וואָס האָט איר געענדערט דעם פאַקט און געשילדערט זיין טויט, בעת ער לעבט?"

איך האָב אַ ווײַלע געטראַכט און געוואָלט דערמאָנען זיך פּרטים פון די געשעענישן, וועלכע האָבן מיר געצוווּנגען צו נעמען די פען אין דער האַנט און אָנשרייבן וועגן לעבן און טויט פון דעם ייִד, וועלכן איך האָב אָנגערופן מידרע. בעת איך האָב פּלאַנירט מיין דערציילונג האָבן טאַקע אַראַבישע טעראָריסטן דערמאָרדעט נישט ווייט פון יאַזור אַ גאַנצע ייִדישע משפּחה. דער ייִד, וועלכער האָט זיך באַזעצט ביי די זאַמדן און געטראָגן אין זיך אַזאַ שווערע לאַסט פון די נאַצי־צייטן, האָט געדאַרפט פאַרשווינדן, כדי אויף זיין אָרט זאָל אויפקומען אַ באַנייטער מענטש. איך האָב צונויפגע־

נומען צוויי פאַקטן, וואָס זענען אין תוך אמתדיקע און פון זיי צונויפגעשטעלט איין געשיכטע. דאָס איז דער קינסטלערישער אמת. ער איז אפשר אמתדיקער ווי דער פאַקט אַליין, ווייל פאַקטן קאָנען זיין פאַרפירעריש.

טאָלסטאָי האָט אַמאָל געזאָגט צו אַ יונגן שריפטשטעלער, בעת ער האָט אים פאָרגעלייענט אַ דערציילונג:

— איר האָט אָנגעשריבן אַ שוואַכע דערציילונג. זי געפעלט מיר נישט.

— גראַף, עס איז אָבער אַן אמתדיקער פאַקט פון לעבן — האָט געזאָגט דער יונגער שרייבער.

— נישטאָ קיין נאַרישערע זאַכן אין לעבן ווי פאַקטן — האָט טאָלסטאָי אָפּגעענטפערט...

✶

בעת איך בין צוריקגעפאָרן פון יאַזור האָב איך געמאַכט אַ קרייז איבער די ערטער, ווו עס האָבן זיך אַמאָל געשפּרייט פּרדסים און זיתים־וועלדלעך, ווו עס האָבן זיך געשלענגלט די קעמלוועגן און אייזלשטעגלעך. נישטאָ מער קיין סימן דערפון. מחסנים, געביידעס פון פאַבריקן, צוימען פון בעטאָן, פון שטעכדראָט, לאַסטוועגענער ביי די זייטן מיט אויסגעלאָשענע ליכט. ערגעץ־ווו זעט מען אָן די קרוין פון אַ פאַרצווייגטער שיקמה. ביי איינער פון די פאַבריקן האָב איך געטראָפן מיין העלד פון אַ דערציילונג. דאָס איז דער ייד פון לעמבערג. ווי געעלטערט ער איז געוואָרן. מיר האָבן זיך אָנגעקוקט שווייגנדיקע. „מה אדוני רוצה?״ — האָט ער מיך געפרעגט. „אַ גלייכן וועג ווי אַזוי אַרויסצופאָרן פון דעם געפלאָנטער״ — האָב איך אים געזאָגט. ער האָט זיך צעלאַכט אומהיימלעך און געזאָגט: „פון אַ געפלאָנטער קען מען שוין קיין מאָל נישט אַרויס. דאָך, פאָר גלייך״.

איך בין געווען אין יאַזור, וואָס עקזיסטירט מער נישט. אויך די אַלע מענטשן פון נעכטן עקזיסטירן מער נישט וואָרעם זיי זענען באַנייט געוואָרן און ביי די טויערן שטייט שוין גרייט דער נייער דור...

פון סאַלאַמע ביז יפו

אַמאָל האָט מען די עטלעכע געסלעך, נישט ווייט פון תל־אביב, גערופן כפר סאַלאַמע. דאָס איז געווען אַן אַראַביש דערפל, חצי־שטעטל, צווישן גבעתיים און פתח־תקווה. ליימהייזלעך, בלינדע ווענט מיט נישעס, נאַקעטע הייף צו וועלכע מען האָט זיך נישט געקענט דערשלאָגן, ווייל זיי זענען תמיד געווען פאַרמאַכט, אָפּגעשלאָסן מיט שמאָלע טירלעך מיט צוגעפּעס־טיקטע אייזערנע פּויסטן. עטלעכע שענקען מיט נאַרגילע־רייכערער, מיט זקנים דרימלענדיקע ביי צעבראָכענע טישלעך און קינדער, באָרוועסע, אָפּ־געריסענע, נע־ונדע. טייל מאָל האָבן זיך ווי די שאָטנס דורכגעשלייכט פרויען פאַרהילטע אין שוואַרצע שאַלן און נעלם געוואָרן אין איינעם פון די געסלעך. פון יענער זייט ליימענע צוימען און שטיינערנע ווענט האָבן אַרויסגעקוקט טוטביימער מיט די רייפע פרוכט, וואָס האָבן אויסגעזען ווי די שוואַרצלעכע מאַלינעס, אָדער עס האָט זיך געצויגן צו דער זון־זייט פון די מויערן, אַ צעגרינטער צווייג פון אַ ווײַנשטאָק. אַ טרויעריק אַראַביש דערפל, אַרומגערינגלט פון די אויפגעקומענע יידישע ישובים. אירע איינ־וווינער, אַראַבער, האָבן געצויגן זייער חיונה פון תל־אביב און פתח תקווה, פון בני ברק און גבעתיים. בעת די אומרוען פון די יאָרן 1936 און ערב דער אַנטשטייונג פון דער יידישער מדינה, האָבן זיי פאַרשאַפן פיל ליידן זייערע יידישע שכנים.אין מאַי 1948 זענען זיי אין איין טאָג נעלם געוואָרן. זיי האָבן אָנגעלאָדן דאָס האָב־און־גוטס אויף אייזלען, אויף לאַסטמאַשינען און אַוועק אויף יענער זייט ירדן.

✶

דריי און צוואַנציק יאָר זענען אַדורך. כפר סאַלאַמע איז פאַרוואַנדלט געוואָרן אין אַ טייל פון תל־אביב, מען רופט די געגנט שלמה. איך האָב זי נישט דערקענט: פירשטאָקיקע הייזער מיט ליכטיקע באַלקאָנען, מאָדערן־איינגעאָרדנטע ווילעס, געשעפטן, באַנק־אָפּטיילונגען, שולן, אַן אַמבולאַטאָריע, אַפּטייקן, פאַרפומעריעס און לאַנגע שורות מיט שפּייזגעוועלבער. די גאַסן זענען אויסגעפּלאַסטערט, די טראָטואַרן — ברייטע און פון בײדע זייטן וואַקסן ביימער.

ווי אַזוי זוכט מען דאָ אויס דאָס אַמאָליקע גויז־ביידל וואָס איז געווען צונויפגעקלאַפּט פון בלעכן און האָלצדיקטן און האָט זיך געפונען נישט ווייט פון דעם זאַמדיקן הויפּטגעסל?

איך האָב געוואָלט זען די פאַרקויפערין פון גזוז. אַזוי פיל יאָרן האָב איך נישט געזען און נישט געהערט וועגן איר. אפשר האָט זי זיך אַרויסגעקליבן פון סאַלאַמע, אַזוי ווי דאָס רוב ערשטע תושבים און באַזעצט זיך אין צפון פון תל־אביב, אָדער אין רמת־גן?

איך האָב זי געקענט פון קליינעם וואָלינער שטעטל האַרט ערב דער צווייטער וועלט־מלחמה און דערנאָך, אַ באַגעגעניש אין לאָדזש, אין יאָר 1945. זי איז געווען איינע פון די ערשטע, וועלכע האָבן זיך אַריינגעקליבן אין אַ פאַרוואָרלאָזט הייפל אין סאַלאַמע, נאָך דעם ווי די אַראַבער זענען פון דאַנען אַנטלאָפן.

אין האַרבסט, 1948, האָב איך זי געטראָפן אין סאַלאַמע, אין קליינעם געשטעטל פון סאָדע־וואַסער. זי איז געווען מיין שילערין פאַר דער מלחמה.

אין לאָדזש איז זי געקומען צו מיר אין באַגלייטונג פון צוויי יונגע מענטשן און געזאָגט: „הערט מיך אויס און דערנאָך הערט דאָס וואָס עס וועלן אייך זאָגן די צוויי, און גיט אונדז אַן עצה. איר זענט געווען מיין לערער אין דער שולע בעת די סאָוועטן האָבן זיך באַוויזן אין אונדזער שטעטל. איר זענט אַ שרייבער. איך וויל הערן אייער וואָרט און איך וועל פאָלגן אייער עצה. עצהט אונדז, ווייל אַלע דריי זענען מיר אומגליקלעך״.

זי האָט געוויינט. די צוויי באַגלייטער האָבן געשוויגן. איינער איז געווען בלייך, איינגעפאַלן, מיט אויגן האַלב־פאַרשלאָסענע און ציטערנדיקע הענט. דער צווייטער איז געווען הויך, מיט אַ פּנים פריש פון זון און ווינט,

מיט ליפּן פאַרביסענע און שווערע הענט, וועלכע זענען געלעגן אויפן טיש און ווי פון זיך אַליין האָבן זיי זיך געביילט.

איך האָב זיך געטראַכט; דער זקן וועלכער גייט מיר אַנטקעגן איז זיכער אַן אַלטער תושב פון סאַלאָמע. ער מוז געדענקען די בודקע, ווו מען האָט פאַרקויפט קאַלט וואַסער און מאַראַנצן־מיץ מיט צוואַנציק יאָר צוריק. יאָ, ער געדענקט!

פאַר וואָס זאָל איך נישט געדענקען? עס איז דאָך געווען דאָס איינ־ציקע און ערשטע געוועלבל אין סאַלאָמע. די אייגנטימערין? זי האָט אַ קאַפע אין מיטן שטאָט! גייט רעכטס.

איך בין אַוועק אויף רעכטס און אַוועקגעזעצט זיך ביי אַ טישל. זי איז דאָס! דאָס איז שוין מער נישט דאָס אַמאָליקע שולמיידל און נישט די. וואָס איז געשטאַנען אין לאָדזש לעבן מיין טיש און געמאָנט ביי מיר אַן עצה מיט פאַרוויינטע אויגן. זי איז געוואָרן געעלטערט, דיק און די אַמאָליקע שרעק איז פאַרשוונדן. זי האָט אַן אויפגעבונדענעם בליק און איר קול איז שוין מער נישט ציטערנדיק, נאָר זיכער. דאָך האָב איך דער־קענט. אַז עפּעס איז פאַראַן אין איר, וואָס האָט זי נישט פולשטענדיק באַפרייט פון די אַמאָליקע זאָרגן. עס זענען געבליבן ביי די מוילווינקלען ציטערקנייטשן, וועלכע באַוועגן זיך און שאָטענען אויף איר פּנים.

איך האָב זי איצט אָנגעקוקט לאַנג, געוואָלט זיך דערמאָנען דאָס שולמיידל און האָב אָפּגעפונען נאָר אין די פּנים־שטריכן די ענלעכקייט: שוואַרצע ברעמען, אַ רונדיק פּנים מיט גרויסע, ברוינע, גליענדיקע אויגן ווי פון פיבער.

זי האָט מיך נישט דערקענט. איך האָב געבעטן אַ קאַווע. אַ יונג תימנער מיידל, וואָס האָט באַדינט די געסט, האָט מיר צוגעטראָגן די קאַווע. איך האָב געקוקט אויף דער פרוי, געזען ווי זי באַוועגט זיך גיך ביי דער עספּרעסאָ און ווי אַזוי זי קלאַפּט אויס אויף דער רעכן־מאַשין די צאָל־צעטלען. איר איז נישט אָנגעגאַנגען מיין בליק, אַזוי ווי זי וואָלט שוין געווען געוווינט דערצו, אַז די געסט פון קאַפע האָבן אַ טבע זי צו באַטראַכטן.

איך האָב געבעטן דאָס תימנער מיידל, אַז זי זאָל זאָגן דער גברת, אַז איך וויל מיט איר רעדן. צוערשט האָט מיך די גברת באַטראַכט דערנאָך האָט זי גענומען ווישן מיטן ראַנד פון איר פאַרטעך די הענט און צוגעקומען צו מיין טישל. בעת זי איז געשטאַנען נאָענט פון מיר האָב איך דערקענט, אַז די קליינע סימנים פון אומרו זענען פלוצעם אויסגעוואַקסן צו עפּעס אַ שרעק און אַ נייגער. איך האָב שוין נישט דערקענט וואָס איז גרעסער איר נייגער אָדער איר שרעק.

— איר דערקענט מיך נישט? — האָב איך געפרעגט.

— ניין. דאַכט זיך... — זי האָט נערוועז באַוויגן מיט די הענט.

— איך בין אייער לערער. איר געדענקט אייער באַזוך ביי מיר אין לאָדזש?

זי האָט צוגערוקט אַ בענקל און זיך אַוועקגעזעצט.

— יאָ... איך דערקען אייך... אַנטשולדיקט מיר הלמאי איך האָב אייך אַזוי אויפגענומען. זהבה... דעק דאָס טישל מיט אַ טישטוך... ברענג נאָך אַ קאַווע, נאָר אַ הייסע... קומט צו מיר אַהיים. עס איז דאָך שוין מיטאָג־צייט. מיין מאַן וועט באַלד דאָ זיין... אַזאַ גאַסט... דער איבערשטער אַליין האָט אייך אַהערגעשיקט... איך וויל מיט אייך רעדן... איך וויל אייך עפּעס דערציילן...

איך האָב זיך געחידושט וואָס דאָס אַמאָליקע שולמיידל פון קאַמסאָ־מאָל, וואָס איז פאַרוואַנדלט געוואָרן אין אַ עלטערנדיקע זיך יידישע פרוי, רעדט וועגן רבונו של עולם. ווי געעלטערט מיר זענען אַלע געוואָרן און ווי ענלעך מיר ווערן צו אונדזערע מאַמעס און טאַטעס...

אין לאָדזש, אין יאָר 1945, בעת זי איז געקומען צו מיר און געשטאַנען אַ פאַרוויינטע, האָט זיך מיר געזאָגט:

„איר זעט, דער איז מיין מאַן, ווייל איך האָב מיט אים חתונה־געהאַט פאַר דער צווייטער וועלט־מלחמה און מיר זענען צוזאַמען אַוועק קיין טאַשקענט בעת די דייטשן האָבן זיך דערנענטערט צו אונדזער שטעטל". זי האָט אָנגעוויזן אויף דעם הויכן, רויט־פּנימדיקן מאַן. „ער איז מאָבי־ליזירט געוואָרן אין דער אַרמיי. צוערשט האָט ער מיר געשריבן בריוו

און דערנאָך האָט ער אויפגעהערט שרייבן. מען האָט מיר צוגעשיקט אַ פּאַפּיר פון דער מיליטער־מאַכט, אַז ער איז „פאַרלאָרן געוואָרן און אַז עס זענען פון אים נישטאָ קיין שום ידיעות". די מלחמה האָט זיך געענדיקט. איך האָב געוואַרט אַ פּאָר חדשים. די לעבעדיקע האָבן זיך צוריקגעקערט, אָדער געשיקט בריוו. איך האָב גאַרנישט באַקומען פון מיין מאַן. דעמאָלט האָב איך זיך באַקענט מיט דעם מענטש. איך האָב אים אַלץ דערציילט. מיר האָבן זיך ליב באַקומען און איצט טראָג איך פון אים". — זי האָט זיך צוגעבויגן נאָענט צו דעם שמאָל־אַקסלדיקן, נידעריקן און איינגעבויגענעם יונגן מענטש און אַוועקגעלייגט איר קאָפּ אויף זיין אָרעם. „גיט אונדז אַן עצה. איר זענט געווען מיין לערער. איר זענט אַ שרייבער. וואָס זאָלן מיר טאָן?" זי האָט דעמאָלט געמאָנט אַן ענטפער פון מיר אין נאָמען פון די דריי. איך האָב געשוויגן. לאַנג געשוויגן. „אַן ענטפער? ווי אַזוי קאָן איך אייך עצהנען?"... זי האָט שטיל געוויינט. דער וואָס איז געשטאַנען פון איר רעכטער זייט, דער נידעריקער בחור מיט די איינגעפאַלענע פּנים־באַקן, האָט זי געגלעט מיט די ציטערדיקע פינגער „וויין נישט. איך קאָן נישט אויסהערן. עס טוט מיר וויי"... דער הויכער יונג האָט געביילט די פויסטן. ער האָט זיך צעשריגן: „וואָס איז דען דאָ צו עצהנען? זי איז מיין פרוי לויטן דין. איך וויל מיין פרוי, אַפילו ווען זי איז מיט אַ בויך פון דעם מענטש. איך וועל זיין אַ טאַטע צום קינד. איך בין רייך! זעט!" — ער האָט האַסטיק צעשפּילעט דאָס העמד און אַראָפּגענומען פון האַלדז אַ לייוונטן זעקעלע, וואָס איז געהאַנגען אויף אַ בענדל. ער האָט אויפגעריסן דאָס זעקעלע און אויסגעשאָטן אויפן טיש צירונג: גאָלדענע רינגלעך, גאָלד־מטבעות, בראָשן מיט טייערע שטיינער, פּערל, אוירינגלעך. „נעם, דאָס אַלץ איז פאַר דיר!" — האָט ער געשריגן צו זיין ווייב. „עס וועט דיר גוט זיין מיט מיר. וואָס געווען איז געווען. איך שווער ביי גאָט, אַז איך וועל זיין גוט צו דיר און צום דעם קינד, וואָס דו וועסט געבוירן! העי, פרעמדער, טראָג זיך אָפּ! נאַ, נעם אויך אַ פּאָר גאָלדרינגלעך!"

איך האָב זיך דעמאָלט אויפגעשטעלט און געזאָגט: „נעמט דאָס צירונג אַראָפּ פון טיש. איך וויל דאָס נישט זען!" אויך איך האָב זיך צעשריגן און נישט געוווסט פאַר וואָס. „וואָס ווילט איר פון מיר? פאַר וואָס שטעלט

איר מיך פאַר אַזאַ נסיון, אַז איך זאָל אײַך געבן עצות? ווער בין איך דען, אויב נישט איינער פון אײַך, וואָס זוכט אויך אַן עצה! גייט צום אַלטן דיין! ער וווינט נישט ווײַט פון דאַנען! גייט צו אים! עס זענען דאָ יידישע דינים און וואָס דער דיין וועט פּסקענען אַזוי זאָלט איר טאָן!"

זי האָט געוויינט און דער פאָטער פון דעם קינד, וואָס זי האָט געהאַט אין אירע אינגעווייַדן, האָט אויך געוויינט, נאָר דער רויט-פּרצופּדיקער יונג איז געשטאַנען אויף די קני און צונויפגעקליבן דאָס צירונג, וואָס איז אַראָפּגעפאַלן אויף דער פּאָדלאָגע, ווייל איך האָב אין אויסבראָך פון כעס אַראָפּגעשאַרט עס פון מיין טיש.

איך האָב קיינעם פון די דריי מער נישט געזען. דער אַלטער דיין האָט מיר געזאָגט, אַז ער האָט געפּסקנט, אַז זי זאָל בלייבן מיט דעם מאַן וועמענס קינד זי טראָגט און אַז זי זאָל זיך גטן מיט דעם, וואָס איז געווען אַמאָל איר מאַן און חתונה האָבן לויטן דין מיט דעם פאָטער פון קינד.

*

אין סאַלאָמע האָב איך זי געטראָפן אין האַרבסט 1948 אין דער גזוז-בודקע. דער מאַן האָט געאַרבעט אין תל-אביב אין אַן עלעקטריע-פאַבריקל. דאָס קינד איז שוין געגאַנגען אין קינדער-גאָרטן און דער אַמאָליקער מאַן מיטן זעקעלע צירונג אויפן האַלדז, איז אַוועק קיין קאַנאַדע, געשיקט פון דאָרט עטלעכע בריוו און צוגעזאָגט איר רייכקייט און גליקן.

איצט, אין יאָר 1971, אין שלמה, אין דער ליכטיקער קאַפע, אין דער נייער געגנט, וואָס איז געוואָרן אַ טייל פון תל-אביב, האָבן מיר ביידע שווייגנדיק געטראַכט וועגן יענער באַגעגעניש ביי מיר אין שטוב, אין לאָדזש און איך האָב אין מיין דמיון געזען דעם קניִענדיקן מענטש, וואָס קלייבט אַריין אין זיין האַלדז-טאַרבעלע די צירונג, וואָס האָט געפינקלט אויף דער פּאָדלאָגע.

— איר פאַרשטייט, עס איז נאָך אַלץ נישט געענדיקט. קיין גט גיט ער מיר נישט. ער האָט נישט חתונה געהאַט. איך האָב שוין דערוואַקסענע קינדער. אַ טאָכטער שטודירט אויף אינזשעניער. דאָס יינגל האָט שוין

אויסגעדינט אין צה"ל. ער, דער אַמאָליקער מאַן, מיט וועלכן איך האָב געלעבט נאָר אַ פּאָר חדשים מיט איבער דרייסיק יאָר צוריק, וויל מיך נישט פאַרגעסן. ער האָט עולה געווען. איין מאָל איז ער דאָ געווען און געזעסן ביי יענעם טישל. פון דעמאָלט אָן ציטער איך אויף ווען איך זע עפּעס אַ באַקאַנט פּנים. איך וויל נישט, אַז מיינע קינדער זאָלן זיך דער־וויסן פון דעם אַלעם. זיי שטייען אין שידוכים...

איך האָב געקוקט אויף איר לאַנג און געשוויגן.

— איר מיינט, אַז איך האָב דעמאָלט נישט דערקענט, אַז איר עצהט מיך צו בלייבן מיט דעם פון וועמען איך האָב געטראָגן? איך האָב דאָס דערקענט אין די אויגן אייערע. איך האָב דאָס פאַרשטאַנען לויט דעם ווי איר האָט אַראָפּגעוואָרפן פון טיש דאָס צירונג מיט וועלכער ער האָט מיך געוואָלט איבערקויפן.

עס איז שוין געווען שפּעט ווען איך בין אַוועק פון שלמה, וואָס האָט אַמאָל געהייסן סאַלאָמע. געשיכטעס ענדיקן זיך קיין מאָל נישט — אַזוי האָבן מיך מיינע לערער געלערנט. נישטאָ קיין באַנאַלערע זאַך ווי אַ פאַררונדיקטע און געענדיקטע מעשה.

דער שאָטן פון יענעם מענטש, וואָס האָט זיך ווידער באַוויזן, און די פרוי, וואָס עלטערט זיך און גייט תּמיד צוריק אין אירע זכרונות צו יענע טעג. אָט דאָס איז דאָך דאָס זאַלץ פון אונדזערע טעג, וועמענס טעם מען פילט אין די אייגענע טרערן.

*

עס איז געווען שווער צו דערקענען אַלט־יפו. די זעלביקע געסלעך, די זעלביקע טייטלביימער אין מיטן פון דער אַלייע. ליידיקע פּלעצער זענען פאַרבויט געוואָרן מיט נייע הייזער — און דאָך איז אַלט־יפו ווי געביטן געוואָרן. די יפו־בוכטע מיט די ליקלעך און טרעפּן־געסלעך זענען געוואָרן ציכטיק, באַנייט און באַצירט. עס איז דאָ דער קינסטלער־צענטער מיט די אַטעליעס, מיט די סטאַבילע מאָלער־אויסשטעלונגען און מיט די געשעפטלעך, ווו מען קאָן איינהאַנדלען געגאָסענע קופּער־קאַפּיעס פון פּוילישע חנוכה־לאָמפּן פון אַכצנטן יאָרהונדערט, פּערסישע מיניאַטורן

פאַבריצירטע אויפן אָרט, אין אַ זייטיק ווינקל פון דעם געוועלבל, אַראַבישע קאַפּטיכער, גלעזערנע אויסאַרבעטונגען פון חברון און רירנדיק־אומבאַ־האָלפענע בילדער פון גאַליציאַנישע יידן פון אָנהייב ניינצנטן יאָרהונדערט וועלכע עס מאָלט אויף די טוצן אַ היימישער מאָלער־אַרטיזאַן פון קאַסאַ־בלאַנקאַ, וואָס האָט דאָ אַן אַטעליע.

„די טוריסטן זענען אשכנזים און זיי קויפן נישט קיין בילדער פון מאַראָקאַנער יידן נאָר פון גאַליציאַנער, מאָל איך פאַר זיי גאַליציאַנער יידן אין שטריימלען און ווייסע זאָקן. ברוך השם, פּרנסה האָב איך דערפון" — האָט מיר געזאָגט דער מאָלער.

אַמאָל האָט זיך דאָ געטראָגן דער ריח פון שאַשליק, פון קאַבאַב, פון פּיתות און די שטיינערנע טרעפּ זענען געווען באַזעצט מיט זקנים, וואָס האָבן פאַרקויפט קערנדלעך פון זון־רויזן, הייסע ערד־ניסלעך, געפעפערטע אַרבעס און אין די ליקלעך האָט מען אויף פּרימוסן געקאָכט טיי און קאַווע און באַדינט די דאָרשטיקע אויפן אָרט, אין מיטן די געסלעך. אין די אונטן זענען די ליקלעך פון אַלט־יפו געווען איבערגעפּולט מיט תימנער יונגעלייט פון דער שכונה שאַבאַזי, מיט לערן־יינגלעך פון די קליינע שיך־און סטאָלער־וואַרשטאַטלעך פון יפו און דזשעבעליאַ, מיט די דינסט־מיידלעך, וועלכע האָבן געדינט אין צפון פון תל־אביב און אַלערליי פאַר־שוינען, וואָס זענען געקומען פון די פישער־געסלעך. פון דעם פאַרט און פון די פאַרשטעט פון תל־אביב; יידן און אַראַבער. אַן אויסמיש פון עדהס, פון שבטים און אַ נאָך גרעסערער געמיש פון לשונות: אַראַביש און יידיש, בולגאַריש און רומעניש און אויך אַ קאַפּעטשקע עברית. היינט זענען די געסלעך פון אַלטן יפו רייך, ציכטיק, מען האָט דאָ פאַרפלאַנצט בלומען, די הייזער זענען אויפגעפרישט. מען באַגעגנט טוריסטן פון אַלע עקן פון דער יידישער וועלט.

איך האָב דערקענט די בוכטע פון יפו לויט די אַלטע גראַווירונגען פון זיבעצנטן יאָרהונדערט. איצט איז זי אַרומגענומען מיט אַ גאָרטן־גאַרטל פון דריי זייטן. די שטיינערנע באַריערע ביים ים איז דיק, ברייט און אונטן שלאָגן זיך אָן די כוואַליעס מיט בייזקייט, אָן די אַלטע שוואַרצע פעלדזן. נישט ווייט פון מיר האָט איינער פאַרוואָרפן זיין ווענדקע צו כאַפּן

פיש. איך האָב געקוקט אויפן ים, געזען ווי דער רויטער פּראָפּן פון זיין פּאָדעם שפּרינגט אויף, ווערט נעלם און באַווייזט זיך ווידער. „עס כאַפּט זיך נישט היינט. ס'איז צו ווינטיק" — האָט מיר געזאָגט דער מענטש אין עברית. דער „פישער" איז אַ פּקיד אין אַ לערן־אַנשטאַלט. ער פירט די באַלעבאַטישקייט, דאָס הייסט, ער גיט אַכטונג אויף דעם אינווענטאַר, האַלט די שליסלען פון דער שולע און עפנט זי יעדן פרימאָרגן. איצט איז שוין נאָך דער אַרבעט. עס איז זעקס פאַרנאַכט. „פאַר וואָס זאָל איך נישט פּרווון מזל? אפשר וועל איך פאַנגען אַ פיש אויף אָונטערברויט?" לויטן עברית האָב איך דערקענט אַז דאָס איז אַ ייד פון די מזרח־עדהס. „עס פּיקט... אַ פיש פּיקט... קוק"...

איך קוק און זע דעם ים און זע די זון וואָס פאַרוואַנדלט דעם ים אין אַ ברויזנדיק־צעפלאַוועטן קופּער.

אַנטקעגן איבער, אין דעם רעסטאָראַן „זשאַנעט" וועל איך באַלד באַגעגענען עמעצן וועלכן איך האָב נישט געזען פינף און צוואַנציק יאָר.

וועל איך דערקענען דאָס אַמאָליקע רויטהאָריקע מיידעלע פון די וועלדער אין וואָלין? זי איז דעמאָלט געווען אַ קינד פון אַכט יאָר. איך בין עדות געווען פון אַ דראַמע וועלכע עס האָט איבערגעלעבט איר מוטער. דאָס מיידעלע איז געוואָרן אַ דאָקטאָרין און אַרבעט נישט ווייט פון דאַנען, אין איינעם פון די געסלעך פון יפו, אין שפּיטאָל. מיר דאַכט זיך, אַז עמעצנס טריט האָבן זיך פאַרהאַלטן נישט ווייט פון מיר. איז זי דאָס? „שלום" — האָב איך געזאָגט צום פישער און דערזען ווי אַ יונגע פרוי שטייט ביי דער טיר און קוקט צו מיר.

„איר זייט דאָס" — האָט זי מיר געזאָגט מיט אַ זיכערקייט. מיר האָבן פאַרנומען אַ קליין טישל, טיף אין דעם געוועלבטן רעסטאָראַן און געקוקט ווי עס לעשט זיך די זון אין דעם ים.

איך האָב געוווּסט אַז אויך זי איז איצט מיט די מחשבות ווייט פון דאַנען, אין דעם מלחמה־דערפל אַרומגערינגלט פון די פּוסטאָמיטער וועלדער. יאָ, זי געדענקט יעדן פּרט. זי דערמאָנט מיך ווי אַזוי איך האָב זי געטראָגן אויפן אַקסל דורך די זומפּן אין יענער נאַכט.

אין אַלטן יפו

אַלט־יפו האָט מיך תמיד געלאָקט. דער נאָמען איז מיר געווען באַקאַנט פון דער סאַמע פריסטער קינדהייט. יפו, איינע פון די עלטסטע פּאָרט־שטעט פון ארץ־ישראל.

ייִנגלווייז פלעג איך זיך איינהערן אין לייענען די בריוו, וועלכע זענען אָנגעקומען פון יפו.

ביי אביגדור גרין אין שטוב, אין דעם אָפּשטאָם־שטעטעלע מיינעם, פּלאָנסק, האָבן זיך אין די פאַרנאַכטן פאַרזאַמלט עטלעכע שכנים און דוד בן־גוריונס פאָטער פלעגט פאַרלייענען בריוו פון ארץ ישראל. איך געדענק שוין נישט קיין פּרטים און ווייס נישט אויב אַלע בריוו זענען געווען פון זיין זון דוד. עס איז מעגלעך, אַז אביגדור גרין האָט פאַר־געלייענט די בריוו פון נאָך צוויי פּלאָנסקער יונגע מענטשן: שלמה צמח און שלמה לעווקאָוויטש, וועלכע האָבן עולה געווען אין דער זעלביקער צייט ווי זיין זון דוד. עס קען זיין, אַז דאָס זענען געווען בריוו וועלכע זענען געשריבן געוואָרן מיט יאָרן פריער. איך בין געקומען אין הויז פון ר׳ אביגדור גרין צוליב צוויי סיבות: נעמען אַ בלאַט פאַר מיין טאַטן און זען מיין פּויליש־לערערין, סאַבינע גרין, וואָס איז געווען דוד בן־גוריונס אַ ברידערן־טאָכטער.

פון יענער צייט אָן איז געבליבן אין מיין זכרון די שטאָט יפו.

וואָס האָב איך זיך אַלץ נישט אָנגעהערט פון דעם פּאָרט, פון די געסלעך, פון דעם שוק און פון די אויסטערלישע וואַנדערער, אַראַבישע תושבים און וועגן די אַלערליי שיפן, וואָס זענען פאַרפאָרן קיין יפו?

בעת איך בין דאָס ערשטע מאָל געקומען קיין יפו איז שוין די שטאָט געווען אין די הענט פון יידן.

דאָ האָט שלמה המלך אָפּגעלאָדנט די צעדערן פון לבנון צום בויען דעם בית המקדש. פון דאַנען איז אַרויסגעפאָרן דער נביא יונה אויף זיין וואַנדערוועג קיין תרשיש. יפו האָט געקענט די הערשאַפט פון עגיפּטער, פון די פלשתים, פון די רוימער, פון די טערקן, דערנאָך די אַראַבער און די ענגלענדער. נאַפּאָלעאָן האָט געשטורעמט יפו פון דער זייט פון שרון, ווו ער האָט געלאָזט אָנשיטן אַ באַרג, כדי צו קענען באַשיסן די פעסטונג פון דער שטאָט.

*

איך בין איין מאָל אַריינגעפאַלן אין אַן אַראַבישער שענק אין די חור־בות פון יפו. דער שענק־אייגנטימער האָט געהאַט נאָר איין אָפן אויג און דאָס זעעוודיקע אויג איז געווען שמאָל, שאַרף אַזוי ווי אַ קינזשאַל. ער האָט מיר אָנגעוויזן אויף די געוועלבטע ווענט באַהאָנגענע מיט פּאַרזשאַ־ווערטע נאַפּאָלעאָנישע ביקסן, מיט העלמען, שפּיזן, טערקישע שאַבלעס, בעדויִנישע האַלבראָנדיקע מעסערס, קורדישע שווערדן און טאַטערישע פלינטן.

„קומט, וועל איך אייך ווייזן דאָס אָרט ווו עס זענען געלעגן די גוסס־דיקע שייכן, די טויט־פאַרוואונדעטע קאָרסיקאַנער, די אויסגייענדיקע ברעַ־טאָנער. עס זענען נאָך דאָרט געבליבן די עמודים, די שטיינערנע דילן, טיילן פון גזימסן. אין „לוווּר" הענגט דאָס בילד. איר קענט דאָס אָבער זען אין דער וואָר. מיין זיידע האָט מיר געזאָגט, אַז ער געדענקט אַלץ... ער געדענקט אַפילו דעם פראַנצויז, וואָס איז געקומען מיט יאָרן שפּעטער מאָלן. די ווענט זענען געבליבן. קומט... עס קאָסט נישט טייער... אַ יפיפיה וועט אייך באַגלייטן"... — דער אַראַבישער שענק־אייגנטימער האָט זיך צעלאַכט און צו מיין שטוינען האָט ער ברייט צעעפנטביידע אויגן. ער איז גאָרנישט בלינד, אַזוי ווי מיר האָט זיך אויסגעדאַכט.

*

איצט זיץ איך אין דער זעלביקער שענק, דער אַלטער פוקס, וואָס האָט מיר געוואָלט ווייזן דאָס אָרט וווּ עס זענען געלעגן די פאַרוווּנדעטע פראַנצויזן פון נאַפּאָלעאָנס אַרמײ, איז שוין מער נישטאָ. עס איז שוין מער נישט צו דערקענען, אַז דאָ איז אַמאָל געווען אַ שענק. מען האָט געעפנט נאָך ווענט, אויסגעברייטערט די טעראַסע, אויסגעקאַלכט און אַריינגעשטעלט באַקוועמע טישלעך און שטרוי־געפלאָכטענע פאָטעלן, אַראָפּגענומען פון די געוועלבטע ווענט די אַלטע שווערדן און פלינטן און אויפגעהאָנגען פאָטאָס פון... פילם־אַקטריסעס, פון טענצערינס און זינגערינס, וועלכע זענען געזעסן ביי די טישלעך און געגעסן די באַטעמטע פיש פון דעם רעסטאָראַן, וואָס טראָגט דעם נאָמען „זשאַנעט״...

דער ים ביי דעם יפוער פּאָרט איז אַן אַנדערער ווי ביי תל־אביב. ער איז דאָ אומרויִקער, שטורמישער און זיין גערויש איז מער רייצנדיקער, מער סודותדיקער.

אפשר נעמט זיך דאָס דערפאַר, ווייל די שטיינערנע בוכטע שטעלט זיך אַנטקעגן די כוואַליעס מיט אירע אונטער־ימישע פעלדזן און מיט די אַלטע זיילן?

אפשר דערפאַר איז דאָ דער ים רייצנדיקער און סודותדיקער, ווייל תמיד טראָגט זיך דאָ עפּעס טונקלס איבער דער אייבערפלאַך און ווערט געשליידערט אין אַלע זייטן, פאַרגייט און גייט ווידער אויף? מיר דאַכט זיך אַז דאָס איז אַ צעדער פון לבנון וועלכן מען האָט נישט אַרויסגעשלעפּט פון ים ווען שלמה המלך איז אַהער געקומען אָנלאָדן די מעכטיקע צעדער־ביימער אויף די קעמלען און מוילאייזלען?

איך וואַרף פון צייט צו צייט אַ בליק אויפן ים און זע ווי דאָס זון־גאָלד לעשט זיך און פּיל, אַז נאָר געציילטע רגעס און דער זון־קיילעך וועט אַראָפּנידערן, נעלם־ווערן פון יענער זייט וויברירנדיקן ים־האָריזאָנט. דעמאָלט וועט זיך אַ טונקלקייט, אַ בלאָע, אַ פיאָלעטע אויסשפּרייטן און באַהעפטן זיך מיט די שאָטנס פון די אַרויסשטאַרצנדיקע פעלדזן און מיט דער בוכטע פון אַלט־יפו. עס וועט צופאַלן דער אָוונט.

*

איך פיל, אַז די יונגע דאָקטאָרין, וואָס זיצט קעגן איבער מיר, חדושט זיך הלמאי איך שווייג. זי ווייסט אפשר נישט, אַז איך וויל אַוועקגיין ווייט, גאָר ווייט פון יענע טעג און נעכט אין וואַלין, אין דער צייט ווען עס האָט געפלאַקערט די צווייטע וועלט־מלחמה.

עס פאַלט אויף אונדז אַלעמען אַ לאַסט, אַ שווערע לאַסט, וואָס דריקט און וואָס באַשווערט נישט בלויז דאָס טעגלעכע לעבן, נאָר אויך די מחש־בות און פאַרטונקלט גאָטס שיינקייטן. תמיד באַווייזן זיך די שאָטנס פון יענע נעכט. אַזוי איז עס געווען אין סדום. איך האָב געקוקט אויף דער פאַרוויסטונג אויף דער ערד וואָס האָט נישט קיין גרינעם פלאַנץ, אויף דעם ים וואָס שרעקט אָפּ די פייגל און בעלי־חי, אויף די בערג, פאַרשטיינערטע און נאַקעטע, און איך בין אין מיינע געדאַנקען נישט צוריקגעקומען צו דער פאַרוויסטונג פון דער שטאָט סדום, נאָר צו דעם חורבן פון יידישן פוילן. איך האָב געזען פאַר זיך די חורבות פון וואַרשעווער געטאָ אין יאָר 1945.

זי איז יונג. אָנהייב די דרייסיקער, אַ רויטהאָריקער קאָפּ און קלוגע אויגן, אפשר צו קלוגע. איך ווייס אַז זי פאַרשטייט מיך און פאַרשטייט אַלץ גענוי, אַזוי ווי זי האָט פאַרשטאַנען אין יענע קינדער־יאָרן אירע, די טראַגעדיע פון די יידן.

איך הייב אָן אָפּצוגעפונען פיל ענלעכקייט אין איר פנים, אין אירע אויגן און אין דעם ערנסט וועלכן זי האָט שוין פאַרמאָגט אין זיך אַלס קינד פון פיר יאָר.

— פאַר וואָס פרעגט איר מיך גאָרנישט ?

— איר דערוואַרט, אַז איך זאָל אייך פרעגן וועגן אייער מוטער ? עס איז מיר שווער צו שטעלן אייך די פראַגע, ווייל איך האָב מורא פאַר אייער ענטפער.

— האָט נישט קיין מורא ! — האָט זי אויסגערופן. — איך האָב געמאַכט אַלע באַמיונגען צו פאַרגעסן אין יענער נאַכט, נאָר איך קען נישט. איך זע נישט מער מיין מוטער. איך האָב געמאַכט פיל פּרוּוון איר צו פאַרגעבן, אָבער תמיד, נאָך אַ באַגעגעניש מיט איר, האָב איך זיך געזאָגט :

עס איז דאָס לעצטע מאָל. זי לעבט אין אַ שטעטל נישט ווייט פון ניו־יאָרק. עס גייט איר גוט. זי האָט אַ מאַן. זי איז רייך. מיר שרייבן זיך נישט קיין בריוו. מיט עטלעכע חדשים צוריק איז זי געווען אין ישראל. איך בין אין זעלביקן טאָג ווען זי איז אָנגעקומען אין לאַנד אַריין, אַוועקגעפאָרן קיין לאָנדאָן כדי זי נישט צו באַגעגענען. איך וועט מיך באַשולדיקן אין נקמה? אפשר. עס איז אָבער נישט קיין נקמה, עס איז מיין קראַנקהייט. איך בין באַזעסן מיט אַ קאָמפּלעקס. איך מוז זיין ווייט פון מיין מוטער.

איך האָב איר געגעבן צו פילן, אַז עס וואָלט בעסער געווען אַריבער־צוגיין אויף אַן אַנדער טעמע. זי האָט אָבער נישט געוואָלט דערזען מיין פּנים־אויסדרוק און מיין אומווילן ממשיך צו זיין דעם ביטערן שמועס וועגן איר מוטער.

זי האָט איינגעקלעמט אין ביידע הענט דאָס גלאָז וויין און געזאָגט צו מיר:

— פאַר וואָס ווילט איר נישט, אַז איך זאָל רעדן וועגן דער פּאַסירונג? אפשר וועט דאָס מיר העלפן? איך וויל הערן פון אייך דעם אמת, וויל אין מיינע נאַכט־חלומות דערפאַרמיר איך, טרייב איבער און גיב נאָך מער צו ווי עס איז געווען אין דער ווירקלעכקייט? זאָגט מיר, איך בעט אייך, וואָס ווייסט איר פון דעם, וואָס עס איז געשען אין דעם וואַלד פון פּוס־טאָמיטי?

— עס איז געווען אין איינער פון די נעכט ווען באַנדעראָווצעס האָבן געיאָגט די אויסבאַהאַלטענע יידן פון קודרינקע, כדי זיי אויסצומאָרדן. די סאָוויעטישע אַרמיי איז שוין געשטאַנען גאַר נאָענט און מען האָט אין די נעכט געקענט הערן די האַרמאַטן־שיסערייען. די אוקראַאינער האָבן נישט געוואָלט, אַז עס זאָל בלייבן לעבן אַפילו איין ייד, ווייל דאַן וואָלט מען זיך דערוווסט ווער עס האָט געטריבן די יידן צו די גריבער און ווער עס האָט באַרויבט די יידן און ווער עס האָט זייערע פאַרמעגנס. אין דעם געלויף איבער דעם וואַלד האָט אייך די מאַמע פאַרלאָרן. איר זענט געווען אַ קינד, פיר יאָר אַלט. זי האָט אייך געהאַלטן ביי דער האַנט. ביים אַרי־בערלויפן אַ טייכל זענט איר נעלם געוואָרן, אַרויסגעריסן זיך פון דער האַנט, און אייער מוטער האָט זיך אָפּגעשטעלט, געזוכט אייך, אָבער תיכף

געמוזט לויפן, ווייל עס איז געווען די סאַמע לעצטע רגע, אויף יענער זייט טייכל זענען שוין געווען די אוקראַיִנישע מערדער...

זי האָט זיך אויפגעשטעלט און געזאָגט צו מיר מיט פאַרדראָס:

— איר זאָגט נאָך מיין מוטערס רייד. איר ווייסט גוט, אַז זיי זענען נישט קיין ריכטיקע. מיין מאַמע האָט מיך אַוועקגעוואָרפן. זי האָט מיר דעמאָלט געזאָגט: לויף שנעל, אויב נישט וועל איך דיך אַוועקוואַרפן! איך האָב מער נישט געקענט לויפן ווייל איך בין געזונקען אין די זומפן. דעמאָלט האָט מיך די מאַמע גענומען אויף די הענט. איך האָב געוויינט, געזאָגט צו איר: איך וועל זיך מאַכן לייכט. ראַטעווע מיך... טראָג מיך... וואַרף מיך נישט אַוועק... מיט אַ מאָל האָבן איך דערפילט ווי מיין מאַמעס הענט ווערן לויז. איך האָב זיך געקלאַמערט אָן איר האַלדז. מיר זענען ביידע געפאַלן. זי האָט זיך אויפגעשטעלט און אַנטלאָפן. איך האָב גערופן, גערופן. עמיצער האָט מיך אויפגעהויבן. דאָס איז געווען מיין מאַמעס אַ שוועסטער. פאַר וואָס האָט מיך געקענט ראַטעווען די מאַמעס שוועסטער און נישט מיין מאַמע? פאַר וואָס האָט מיך מיין מאַמע אַוועקגעוואָרפן?...

די יונגע דאָקטאָרין האָט זיך האַסטיק אַוועקגעזעצט. זעט אויס, אַז דער אויסבראָך פון די רייד האָט זי באַרויִקט.

*

איך בין געקומען אין דעם קליינעם וואָלינער שטעטל אין יאָר 1944 און באַגעגנט די עטלעכע געראַטעוועטע יידן. עס האָבן נאָך דאָ גראַסירט אַלערליי באַנדעס און באַפאַלן רוסישע גאַרניזאָנען, באַפאַלן שטעטלעך און געמאָרדעט יידן. אין אַ שפּעטן זומערטאָג האָבן מיר אַרויסגעפירט די יידן פון דעם וואָלינער שטעטל קיין ראָוונע, וווּ עס איז געווען מער זיכערער. דער וועג האָט געפירט דורך דעם זעלביקן וואַלד, וווּ עס איז פאָרגעקומען די טראַגעדיע פון דער מוטער מיט איר טאָכטער. דאָס קליינע מיידעלע איז דעמאָלט צוגעקומען צו מיר און געזאָגט: „דיאַדינקאַ, פיר מיך ביי דער האַנט. מיט דיר, נאָר מיט דיר וויל איך גיין דורך דעם וואַלד. איך וויל נישט גיין מיט מיין מאַמע. זי וועט מיך אַוועקוואַרפן אַזוי ווי זי האָט דאָס געטאָן פריער". איך האָב געקוקט אויף איר מוטער. זי איז

געוועזן נאָך יונג, אפשר אַזוי אַלט ווי עס איז איצט איר טאָכטער, די דאָקטאָרין פון יפו. די מוטער האָט דעמאָלט געוויינט. איך האָב געזאָגט: „איצט איז נישטאָ קיין שום סכנה. קיינער וועט אייך נישט יאָגן. מיר זענען גוט באַוואָפנט. איר זעט די סאָלדאָטן? זיי גייען מיט אונדז". „דיאַדינקאָ, האַלט מיך ביי דער האַנט... נעם מיך אויף דיין אַקסל... איך וועל זיך מאַכן לייכט... איך בין נאָך אַזוי קליין... איך וויל לעבן"... אויך איך האָב געוויינט, הערנדיק די רייד פון דעם קינד. איך האָב זי געטראָגן די גאַנצע צייט אויף די הענט. זי האָט אַרומגענומען מיין האַלדז מיט די קליינע הענטלעך און ווי נאָר איך האָב געמאַכט אַ נישט־פאָרזיכטיקן טריט, האָט זי זיך מיט די נעגעלעך איינגעקלאַמערט אין מיין האַלדז און הייס געשעפּטשעט אין מיין אויער אַריין: „וואַרף מיך נישט אַוועק, אַזוי ווי עס האָט דאָס געטאָן מיין מאַמעשי... איך בין לייכט... איך בין דאָך ווי אַ מלאכל לייכט"... „זע, — האָב איך דעמאָלט געזאָגט צו איר — איך קען אַפילו לויפן מיט דיר גיך". איך בין געלאָפן און דאָס קינד האָט אַנגעהויבן שמייכלען און דערנאָך איז עס געוואָרן ערנסט. „מען קען אַפילו לויפן? און מיין מאַמע האָט מיך נישט געוואָלט האָבן פאַר אַ טאָכטער... זי האָט מיך אַריינגעוואָרפן אין גרוב"... איך האָב גערעדט מיטן קינד, אויפגעקלערט און געזאָגט: „דו ביסט דאָך שוין גרויס. רעד נישט אַזוי... דיין מאַמע וויינט... טוסט איר ווי... זי האָט דיך ליב..."

צו צען יאָר איז זי אַוועק פון שטוב. זי האָט זיך אויפגעהאַלטן ביי וויטע קרובים. זי האָט געאַרבעט ווי אַן אויפזעערין ביי פּיצלעך קינדער. זי האָט געלערנט, שטודירט, געענדיקט אויף דאָקטאָרין און עולה געווען. איצט איז זי די קינדער־דאָקטאָרין אין יפו. זי זיצט אַנטקעגן איבער מיר און איך פיל, אַז די איבערלעבעניש איז נאָך אַזוי שאַרף און פריש אין איר זכרון אזוי ווי אַ ווונד, וואָס איז נישט פאַרהיילט געוואָרן.

✶

— עס חידושט מיך... — און איידער איך האָב נאָך באַוויזן צו פאַר־ענדיקן דעם זאַץ האָט זי מיר איבערגעריסן:

— זאָל אייך גאָרנישט חידושן. איר וועט דאָס נישט באַנעמען אַזוי ווי איך. איך האָב נאָך מיין גלייכוואָג נישט אָפּגעפונען. בעת איך זע ווי

אַזוי אַ מאַמע טראָגט אויף די הענט אַ קינד, גייט אויף פּאָר מיינע אויגן דאָס, וואָס עס איז געשען מיט מיר און מיין מוטער. מען האָט מיר געזאָגט: איר זענט קראַנק, איר מוזט זיך היילן. איך האָב אָנגעהויבן זיך צו באַפרייען פון די קאָשמאַרן, זיי קומען אָבער צוריק. עס שטערט מיר אין לעבן. נאָענטע קענען נישט באַנעמען מיין אומרו. איך האָב געהאַט אַ פריינד איז ער אַוועק. איך בין אַליין. איך פאַרשטיי גוט, אַז די באַגעגעניש איז נישט קיין גאָר אָנגענעמע פאַר אייך. עס איז מיין שולד. איך קען נאָר געפונען די רו ביי מיין אַרבעט, צווישן די קראַנקע קינדער.

✶

מיר זענען אַרויס צום ים. די נאַכט איז שוין צוגעפאַלן. וואָס זאָל איך זאָגן דער יונגער פרוי, וואָס שטייט אָנגעלענט ביים שטיינערנעם באַריער און הערט זיך איין אין גערויש פון די ים־כוואַליעס?

עס ווערט אומהיימלעך פון שווייגן.

אייביק איז דער ים־גערויש. די כוואַליעס געדענקען די צייטן ווען מען האָט געלאָדנט די צעדערן פאַר שלמה המלך.

„לאָמיר אַריבערשפּרינגען דעם תהום פון יענער זומפּיקער נאַכט אין די פּוסטאָמיטער וועלדער".

אומגעריכט האָט זי זיך אָפּגעקערט פון ים און מיטן פּנים געוואָנדן צו די אַלע ליכטער, וועלכע האָבן געלויכטן פון יפו און פון תל־אביב, וואָס האָט זיך ווי אַן אָרעם אויסגעבויגן האַלב־רונדיק, האָט זי מיר אָנגעוויזן אויף אַ ליכטיקער געביידע און געזאָגט:

— מען האָט זי נישט לאַנג צוריק אויפגעבויט. נישט ווייט געפינט זיך דאָס שפּיטאָל ווו איך אַרבעט. איך האָב ליב דאָס לעבן. אַנטשולדיקט מיר, וואָס איך האָב אייך באַאומרויִקט.

זי האָט געלאַכט און אויסגעמישט זיך מיט די שפּאַצירנדיקע מענטשן, וועלכע האָבן איצט איבערגעפּולט דעם טראָטואַר לענגאויס דעם ים־ברעג פון אַלטן יפו.

פון סדום ביז יריחו

דער טאָג איז געווען אַ זוניקער אָבער אַ ווינטיקער. די כוואַליעס פון ים האָבן זיך בייז אָנגעשלאָגן אין די פעלדזן און אַנטפּלעקט געלבלעך־ברוינע שוימקעפּ. זעט אויס, אַז די רעגנס האָבן אָנגעטראָגן חמרה־ערד פון די וואַדיס און איצט מינעט זיך די פּרוכטיקע ערד אויף די רוקנס פון צעשטורעמטן ים.

מיר האָבן אויסגעמיטן תל־אביב און פאַרקערעוועט אויף ד"רום דורך חולון און בת־ים, פאַרבייגעפאָרן יאַזור און אַרויס צום שאָסיי, וואָס פירט קיין אשקלון. דער שטח־גדול ביי יפו איז שוין גרייט פאַר נייע בויונגען. דאָ וועט אַנטשטיין אַ נייער קוואַרטאַל פון תל־אביב. די אוראַלטע יפו דרימלט אין פאַרטאָגיקן שלאָף. זי איז שיין און כישופדיק. נעכטן בין איך געגאַנגען איבער אירע שטיינערנע געסלעך. איך האָב זיך לאַנג אָנ־געלענט אָן דער ים־מויער און געקוקט ווי אַזוי די כוואַליעס צעשטויבן זיך אָן די טונקל־גרינלעכע שטיינער. אַ פישער האָט מיר געזאָגט: עס כאַפּט זיך נישט, ווייל די פיש זענען זאַט פון דעם אַלעם, וואָס די רעגנס האָבן אָנגעטראָגן פון די פעלדער פון שרון און פון די יהודה־בערג. היינט איז נאָך דעם ים שטורמישער ווי נעכטן.

שווער צו דערקענען די סביבה. בלויז דעם ים דערקען איך גוט און זיין געראויש פירט מיך צוריק צו יענע טעג און נעכט ווען איך בין אַרויס־געפאָרן מיט די פישער־שיפלעך פון דער יפוער בוכטע אין טיפן ים אַריין. ווען איך קוק צוריק, צו תל־אביב, זע איך ווי עס האָבן דאָ אויפגע־

שפראַצט הויכע געביידעס, כמעט וואָלקנקראַצערס, צו עטלעכע דרייסיק שטאָק די הייך. דערנעבן געפינען זיך נאָך די ערשטע הייזער, וועלכע עס האָבן געבויט די גרינדער פון אחוזת בית און געלייגט דעם יסוד פון תל־אביב. חולון איז פאַרוואַנדלט געוואָרן אין אַ שטאָט. דאָס אַמאָליקע יאַזור איז געוואָרן אַן אינדוסטריע־צענטער: פאַבריקן, וואַרשטאַטן, לאַגערן פון סחורות. עס איז געבליבן נאָר דער טייל פון יאַזור, וואָס האָט זיך געפונען אויף דער לינקער זייט פון שאָסיי וואָס פירט קיין ירושלים. מקווה ישראל — די ערשטע לאַנדווירטשאַפטלעכע שולע אין ישראל, איז איצט אַרומגערינגלט פון ישובים. איך האָב דערקענט די פּאַלמע־אַלייע און דעם וווּנדערלעכן פיקוסבוים וואָס צעשפּרייט זיך אויף צענדליקער מעטער און האָט פיל שטאַמען, וואָרעם די צווייגן שפּראָצן אויס פון זיך הענגוואָרצלען, וואָס פאַרוואַנדלען זיך דערנאָך אין הילפסשטאַמען, ווייל זיי גראָבן זיך איין אין דער ערד. די פעלדער פון מקווה גרינען. די מאַנדלביימער זענען ראָז. דער ריח פון די פּרדסים טראָגט זיך אַרום אין דער לופט און איך אָטעם אים איין טיף.

אין אַ זייט פון שאָסיי, נאָך בית־דגן, שטייט האַרט ביים וועג אַן אַלטער סיקאָמאָר־בוים. איך קען גוט דעם בוים ווייל אין זיין שאָטן האָב איך גערוט און אויסגעהערט די וווּנדערלעכע מעשיות פון תימנער ייד גמליאל.

מיר פאָרן פאַרביי יבנה, אשדוד, באר טוביה, מיר זענען שוין אין אשקלון. דער וועג איז אַ רחבותדיקער, דער שאָסיי איז גוט־געפלאַסטערט און אויף די צעגרינטע פעלדער כוואַליען זיך אין ווינט פלאַסטיק־טיכער. צוערשט האָט זיך מיר אויסגעדאַכט, אַז דאָס זענען וואַסער־קאַנאַלן, ערשט ווען מיר זענען נענטער צוגעקומען האָב איך דערזען, אַז עס איז נאָר געווען אַ מיראַזש. די פלאַסטיק־טיכער, דורכזעעוודיקע און לייכטע שיצן די ניי־פלאַנצן און העלפן זיי פרי אויפגיין. די ערד איז דאָ גוט באַאַרבעט. מען פילט די גענייטע הענט פון לאַנדווירטן.

מיר האָבן פאַרקערעוועט צו אשקלון עתיקות. דער הויכער ים־ברעג איז דאָ גוט געפלעגט. דער פּאַרק מיט די זיילן מאַכט אַ טיפן איינדרוק. די אויסגראָבונגען זענען אָפּגעהיטן. מיך באַאיינדרוקן נישט אַזוי די אוראַלטע זיילן מיט די אויסגעהאַקטע אָרנאַמענטן, און נישט די דענקמעלער,

נאָר די דורות־אַלטע איילבערטביימער. צעקנאָדערטע שטאַמען, אויס־געהוילטע, פאַרקראַמפּטע, צעשפּאַלטענע, מיט צוויגן געשטרעקטע צו די הייכן ווי די אַלטע רערן פון מנורות, אַזוי ווי די הענט תּפילהדיקע, אַזוי ווי די וואָרצלען נאַקעטע אין וועלכע עס שפּילן אַלע שאַטירונגען פון אוראַלטן זילבער, געהאַמערטן און נישט־געהאַמערטן.

ערגעץ ווו טרעף איך שערבלעך פון אַלטע טעפּ און קרוגן. איך דערקען זייער אָפּשטאַם; דאָס זענען שערבלעך פון דער נאַבאַטייען־תּקופה.

דער ים איז נידעריק, עס פירן צו אים שטיינערנע טרעפּ. איך גיי איילי אַראָפּ און קוק לענגאויס דעם ברעג. מען זעט נאָך דאָ די סטערטשנ־דיקע ציילן פון דעם אַמאָליקן פּאָרט. מען דערקענט דאָ די אוראַלטע פאַר־פעסטיקונגען. זעט אויס, אַז דער ים־פלאַך איז געזונקען געוואָרן אין פאַר־לויף פון די צוויי טויזנט יאָר און אַנטפּלעקט די אַלערליי אָפּריסן, פעלדזן און אונטער־ימישע שטיינער, וועלכע זענען געווען דורות פאַרדעקט מיט די ים־וואַסערן.

✶

דער וועג אונדזערער פירט אַלץ אויף דרום. איך לייען אויף אַ שילדל אַז צו עזה זענען געבליבן בלויז געציילטע קילאָמעטער.

אַריינפאָרן קיין עזה? עס ציט מיך דער עזה־ברעג. נאָך אַ רגע און מיר וועלן דערגרייכן די שטאָט. דער שאָסייוועג איז דאָ געוואָרן פּוסט. מיר זעען נישט קיין איין וואָגן. עס איז דאָ אויסטערליש שטיל. די פעלדער זענען אויף טייל ערטער באַאַרבעט. דער ווינט האָט אָנגעטראָגן קנוילן פּלאַסטיק־טיכער און זיי פּלאַטערן פאַרפּלאָנטערטע ביי די וועגראַנדן. אַ דזשיפּ איז פאַרבייגעלאָפן און געגעבן אונדז אַ צייכן.

בלאָנדזשען מיר? אפשר איז עס אַ וועג, וואָס פירט צו אַ מחנה, אָדער צו עפּעס אַ זייטיקן ישוב? איך טראַכט וועגן „די פוקסן פון שמשון״, וועגן האַן־יוניס ,וועגן יענער נאַכט פון גבורה אין יאָר 1955.

ניין, מיר וועלן אויסמיידן עזה און נעמען דעם וועג וואָס פירט קיין באר שבע. איך וויל נאָך היינט זיין אין סדום, אין מסדה און פאָרן לענגאויס דעם ים המלח ביז יריחו און פון יריחו קיין ירושלים.

דאָס איז אַ לאַנגער וועג. סדום איז פאַר מיר פיל רייצנדיקער ווי עזה. ביז באר שבע פירט דער וועג דורך באַאַרבעטע פעלדער און נײַ־אויפ־געקומענע ישובים. די געוויקסן־וועלט איז דאָ אַן אָרעמערע. די ערד אַ שטיינערדיקע, אַ ליימיקע, אָבער זי איז גוט פאַר פלחה. דער אַריינפאָר קיין באר שבע איז ווי דער אַריינפאָר אין אַ גרויסער אייראָפּעאישער שטאָט. אַזאַ איינדרוק האָט מען בעת מען קומט צו דער קרייצונג פון די שאָסייוועגן מיט די מאָדערנסטע רעגולירונגס־ליכטער.

עס איז ממש שטוינענדיק ווי אַזוי גיך עס האָט זיך אַנטוויקלט די שטאָט, וואָס איז דאָך דער טויער צום נגב. מיר עסן מיטאָג אין איינעם פון די רעסטאָראַנען. די גאַסן זענען באַלעבעט פון טויזנטער באַזוכער. שווער צו געפינען אַ פּאַרקינג־אָרט פאַר דעם וואָגן. מען באַדינט אונדז גיך, פריינדלעך. די פּנימער זענען היימישע; איך וואָלט געשווירן, אַז די יונגע מענטשן האָב איך ערשט מיט עטלעכע טעג צוריק געזען אין לאַטיינישן קוואַרטאַל פון פּאַריז.

דער וועג נאָך סדום איז אַ נייער. איך געדענק בעת מען האָט אים געפּלאַסטערט און ווען מען האָט אויפגעריסן די מעכטיקע בערג. אין אַ זייט טרעף איך נאָך אַן סימנים פון דעם שמאָלן אַלטן שאָסייוועג. ער ליגט איצט אַ צעשניטענער, אַ פאַרשעמטער און פון צייט צו צייט דער־קענט מען אים צוליב דער שורה אויסגעטריקנטע וועגביימלעך.

עטלעכע מאָל שטעלן מיר זיך אָפּ און איך באַטראַכט די געגנט. די בערגלדיק־געוועלבלטע וויטן, די ערד וואָס איז פעלדזיק, צעקרישלט און דאָך פרוכטיק, זאָגט עדות וועגן ישובים וועלכע האָבן דאָ אַמאָל געבליט. די טאַמאַריסק־ביימער בליען. עס איז די צייט פון שפּראָצונג. פאַראַן אין דער סביבה וואַסערקוואַלן. יעדעס מאָל ווערט אַנטדעקט אַ נייער אונטער־ערדישער וואַסער־אָדער.

דרומדיק פון דעם אָרט אויף וועלכן מיר געפינען זיך איצט, אַן ערך זעכציק קילאָמעטער, איז שדה בוקר. מיין זון זאָגט מיר:

— קוק אויף דער מאַפּע, וועסטו פאַרשטיין, אַז שדה בוקר וועט אַמאָל ווערן די צווייט־וויכטיקע שטאָט נאָך ירושלים. ירושלים וועט זיין די גייסטיקע הויפּטשטאָט און שדה בוקר וועט ווערן די פּראַקטישע הויפּט־

שטאַט פון מדינת ישראל. פאַר וואָס? דערפאַר ווייל דער ישוב געפינט זיך אין האַרץ פון נגב. קוקט זיך איין אין דער מאַפּע פון לאַנד. באַטראַכט די געגנט, וואָס זעט אויס איצט אַזוי פאַרוויסט, אָבער אירע רייכטימער דרימלען אין אירע אינגעווייַדן און זיי וועלן זיך בקרוב אַנטפּלעקן מיט דער גאַנצער פּראַכט און עשירות. דער זקן פון פלאַנסק האָט וויזיע! — אַזוי רעדט צו מיר מיין זון, וואָס האָט אויפגעשטעלט זיין היים אין כפר גנות, אַ ישוב וואָס איז פאַרהילט אין ריחות פון בליענדיקע מאַראַנצן־גערטנער.

✶

די בערג פון סדום! די פאַרשטיינערטע שטאָט, די סודותדיקייט פון גאָטס באַשאַף, דער אויסטערלישער כישוף פון פעלדזן, פון היגלען, פון טאָלן און וועלבונגען! די וויטקייט, וואָס אַנטפּלעקט זיך מיט אַזאַ קלאָר־קייט, מיט אַזאַ געניקייט ווי דער אַלמעכטיקער וואָלט געוואָלט דערנענ־טערן צו דיר אַלץ, וואָס ער האָט דאָ אַזוי משונהדיק אויסגעקנאָטן און אויסגעפורעמט, כדי דו זאָלסט דאָס גוט זען און באַנעמען און אָפּפילן!

נייגער, אומרו, לאָקונג, שטוינונג און אוממעכטיקייט פון אַ בשר־ודם אַנטקעגן דעם גזר פון די הימלען — דאָס פיל איך אָפּ בעת איך זע פון דער הייך, פון דעם געשלענגלטן וועג אין די סדומער בערג, דעם טאָל וואָס ציט זיך אויף צענדליקער קילאָמעטער.

די פלאַך פון ים המלח איז אַ רויִקע. אַ שפּיגלדיק־גרוי־בלאָלעכער ליגט דער טויטער ים און עס וואַכן ביי זיין צוקאָפּנס פעלדזן.

איך פיר מיין בליק איבער די פעלדזן־קעפּ, איבער די משונהדיקע ליניעס זייערע און מיט אַ מאָל בלייב איך שטיין אַנטקעגן אַ פעלדז, וואָס קוקט מיך אָן אַזוי ווי עס וואָלט געווען אַן אויסגעהאַקט פּנים. יאָ, דאָס איז אַ גרויס פאַרשטיינערט פּנים פון איינעם פון די סדום־הערשער וואָס באַטראַכט די וויסטעניש מיט ברייט־צעעפנטע אויגן.

„און די צוויי מלאכים זענען געקומען קיין סדום אין אָוונט; און לוט איז געזעסן אין טויער פון סדום" — אַזוי האָב איך געלערנט אין דער פּרשה „וירא".

אפשר איז דאָס פּנים, וואָס איז אויסגעהאַקט אין פעלדז, פון לוטן און דאָרט האָט זיך געפונען דער טויער פון סדום? איך ווייס, אַז עס גייט אַן אַ שטרייט ווו אויף אַן אמת האָט זיך געפונען סדום? האָרט ביים ים המלח, אָדער אַן אַכט קילאָמעטער דרומדיק פון ים המלח? וואָס איז דער אונטערשייד?

„און גאָט האָט געמאַכט רעגענען אויף סדום און אויף עמורה שוועבל און פייער, פון גאָט, פון הימל".

יאָ, עס איז וואָרהאַפטיק. איך אָטעם נאָך איצט, אָטאָ דאָ, ביים ים המלח, דעם ריח פון שוועבל און איך זע ווי „ער האָט איבערגעקערט די דאָזיקע שטאָט, און די גאַנצע געגנט, און אַלע באַוווינער פון די שטעט, און די שפּראָצונג פון דער ערד".

פאַר קיין שום דור איז נישט געווען אַזוי אמתדיק, אַזוי קלאָר און אַזוי וואָרהאַפטיק די באַשרייבונג פון דער פאַרוויסטונג פון סדום ווי פאַר אונדזער דור.

בין איך נישט געווען אין שטעט און געזען זייער פאַרוויסטונג און זייער אומקום? האָב איך דען נישט געזען דעם רעגן פון שוועבל און פייער אויף מיין הימשטאָט?

איך האָב אַרויסגעטראָגן פון דאָרט מיין לעבן, אָבער אומגעקומען בין איך פאַרט אין יענע חורבות. מיין לעבן איז דאָך געגליכן צו דעם שטיינערנעם פּנים, אויסגעהאַקט אין איינעם פון די סדום־פעלדזן, וואָס האָט זיך צוגעקוקט צו דער פאַרוויסטונג מיט אַ פאַרשטיינערטן בליק.

*

איך נייג זיך צום ים המלח און נעם אַן מיט ביידע האַנטפלאַכן דאָס וואַסער. אייל, שוועבל און מינעראַלן.

עס ווערט אומהיימלעך; נישטאָ קיין פלאַנץ, אויסער עפּעס אַ פּאָר קנויליקע קעפּ פון דיקלעך גרינע קוסטעס אַזוי ווי די קאַקטוסן. נישטאָ קיין פייגל, נישט קיין בעל־חי.

עס זענען אָבער דאָ מענטשן. עס דערהייבן זיך הויכע געביידעס פון עטלעכע האָטעלן. די וואַסערן פון ים המלח היילן. מען קומט אַהער פון

גאַנצן לאַנד. מען קומט אַפילו פון אויסלאַנד. גאָט האָט נישט בלויז געשטראָפט סדום, נאָר גאָט האָט אויך געלאָזט די עשירות, אינעווייניק, אין די טאָלן און אין די פעלדזן, אין די וואַסערן און אין די היילן.

דער ים המלח און די פּאָטאַש־פאַבריק זענען באַקאַנט אין דער גאַנ־צער וועלט. די רייכטימער העלפן פּרוכטיק מאַכן פעלדער און די וואַסערן דינען פאַר היילונג. עס וועט דאָ אויפקומען אַ שטאָט. דער פּלאַן איז שוין גרייט. מען וועט בקרוב צוטרעטן צו דער בויונג.

זומער איז דאָ הייס. אַן ערך 400 מעטער נידעריקער פון ים־פלאַך ליגט דער ים המלח. נישטאָ נאָך אַזאַ נאַטור־ווונדער אין דער וועלט! זאָגט צו מיר אַ ייד וואָס האָט אָפּגעגעבן צענדליקער יאָרן דער פאָרשונג פון ים־המלח: אוצרות זענען דאָ פאַראַן! איר זעט, די נאַקעטע פעלדזן, די ערד, דעם מדבר אַרום, די שטילקייט, וואָס הערשט דאָ — און עס דאַכט זיך אייך, אַז גאָט האָט פאַרשאָלטן סדום. די געגנט וועט ווערן אַ ברכה פאַר ישראל.

✶

ערשט ווען מיר זענען אָנגעקומען קיין מסדה און דערזען דעם באַרג מיט די שכנותדיקע פעלדזן און ווען מיר האָבן דערגרייכט זיין הויכקייט — האָב איך באַנומען דעם אמת פון דעם אַלעם, וואָס עס האָט מיר געזאָגט דער מענטש, וואָס האָט מיט אַזאַ באַגייסטערונג באַזונגען די געגנט פון סדום.

איך בין געשטאַנען אַ פאַרגאַפטער און נישט געקאָנט אָפּרייסן מיין בליק פון דער אומגעווייּנטלעכער פּאַנאָראַמע, וואָס האָט זיך געשפּרייט אַרום מיר. עס איז מיר נישט אַזוי געגאַנגען אין זוכן די שפּורן און באַ־טראַכטן די צייכנס פון די לעצטע מכביער. איך האָב געוואָלט איינזאַפּן אין מיין בליק די לאַנדשאַפט, די ווייטן, דעם ים־המלח, די רחבותן, וואָס האָבן זיך אַנטפּלעקט מיט אַזאַ קלאָרקייט און שאַרפקייט ווי איך וואָלט זיי ממש באַרירט. דאָס אַלץ האָבן דאָך געזען די העלדן פון מסדה. צו די ווייטקייטן האָבן זיי געקוקט אין די טעג פון דער באַלאַגערונג. פון דאַנען האָבן זיי דאָך געשעפּט כוחות און אויסדויער, און נישט בלויז פון דער ווייט, נאָר אויך פון דער הויכער פלאַך פון דעם פעלדז.

איך האָב שוין גוט געקענט די אַרכעאָלאָגישע טאָפּאָגראַפיע פון מסדה איידער איך האָב נאָך באַזוכט די סביבה. די אויסשטעלונג מיט צוויי יאָר צוריק אין „לוווּר", אין פּאַריז, איז געווען אומגעווייניטלעך גוט צו־געגרייט. די ישראל־רעגירונג האָט געגעבן די ברייטסטע הילף ביים אַריי־בערפירן פון מסדה אויטענטישע אויסגראַבונגען און אויסגעפינסן און זיי רעסטאַווּרירן דורך ישראלדיקע אַרכעאָלאָגן. עס זענען אויסגעשטעלט געוואָרן מאַקעטן און פאַרגרעסערטע פאָטאָגראַפישע בילדער פון מסדה. עס זענען אין „לוווּר" אילוסטרירט געוואָרן אַלע פאַזן פון די אַרכעאָלאָ־גישע אויסגראַבונגען — אַזוי אַז יעדער, וואָס האָט נאָר געהאַט אַ ווילן צו באַקענען זיך מיט דעם סאַמע העראָישסטן קאַפּיטל פון יידישער גבורה אין דער מלחמה מיט די רוימער, האָט דאָס געקאָנט טאָן אין פאַרלויף פון קנאַפּע דריי חדשים אין פּאַריז גופא.

איצט, בעת איך בין געקומען קיין מסדה, האָב איך שוין גוט געקענט יעדעס שטעגל און געוווּסט אַלע פּרטים פון דער געוואַלדיקער פאַרש־אַרבעט, וואָס איז דורכגעפירט געוואָרן אונטער דער אויפזיכט פון יגאל ידין און די עקיפן פון פרייוויליקע.

נישטאָ קיין מער צוציענדיקער און מער פאַרכאַפּנדיקער אויסבליק ווי פון מסדה. מען שטייט דאָ פּנים אל פּנים מיט אַ פּראַכט, מיט אַ כּי־שופדיקער לאַנדשאַפט, וואָס בלייבט אויף אייביק אין זכרון. דאָס איז די באַגעגעניש, פּנים אל פּנים, מיט דער אוראַלטער יידישער געשיכטע.

עס איז שוין נאָך מיטאָג. צוריקפאָרן קיין סדום און בלייבן רוען אין איינעם פון די האָטעלן? מען וואַרט דאָרט אויף מיר. מיינע פריינד האָבן מיר צוגעגרייט אַ צימער. עס ווייזט זיך אַרויס, אַז דער האָטעל־אייגנטימער, דער, וואָס האָט דער ערשטער געוואַגט אין אַזאַ וויסטעניש אויפצובויען איינעם פון די סאַמע מאָדערנסטע האָטעלן אין ישראל, איז אַ באַקאַנטער. אין דער לעצטער רגע האָט אָבער געגומען די אייבערהאַנט דער נייגער ממשך צו זיין דעם וועג לענגויס דעם ברעג פון ים־המלח, צפונדיק.

מיין זון פירט די מאַשין. ער זאָגט מיר: דעם וועג האָט מען געענדיקט פלאַסטערן מיט אַ צוויי חדשים צוריק. אויף טייל ערטער איז ער נאָך

אַפילו נישט אין גאַנצן פאַרטיק. לאָמיר אַ פאָר טאָן קיין יריחו. עס וועט זיך גוט פאָרן, ווייל דער טאָג איז נישט קיין הייסער.

אַ הונדערט מעטער פון מסדה, בעת מיר האָבן געוואָלט אַרויס אויפן נייעם וועג, האָט אונדז אַ וואַך אָפּגעשטעלט. צוויי אַראַבער, וועלכע דינען אין צה״ל, אָדער זענען אפשר בלויז וועכטער, האָבן פאַרלאַנגט אַ דורכ־פאַרשיין פון צה״ל. מען קאָן נישט דורכפאָרן אָן אַ דערלויבעניש. „אַ דערלויבעניש אַריינצוקומען אין די שטחים גיט די ישראלדיקע מאַכט אין יריחו״. צוריקפאָרן? איך פרוּוו רעדן פראַנצויזיש, ענגליש, עברית. איך ווייז מיין זשורנאַליסטן־קאַרטע. זיי זענען פאַרעקשנט. סוף־סוף האָט איינער פון די וועכטער אַרויסגענומען אַ העפט און פאַרשריבן מיין נאָמען, דעם נומער פון אויטאָ און אונדז דורכגעלאָזן.

רעכטס האָבן מיר די פעלדזנוואַנט וואָס ציט זיך פון מסדה אָן. פון דער לינקער זייט — שפּרייט זיך דער ים המלח. ער איז דאָ נאַקעט, אָפּ־געדעקט און אָפּן פאַרן אויג. אויף עטלעכע ערטער איז דער ברעג פאַר־וואַקסן מיט בלושטשן און זומפּגעוויקסן. זעט אויס, אַז פון די בערג שטראָמען דאָ אַריין זיסע וואַסערן און דאָס דערמעגלעכט אַ געוויסע געוויקסן־וועגעטאַציע. דערנאָך איז דער ברעג ווידער וויסט. איך טרעף נישט אָן קיין אויטאָס. בלויז איין מאָל האָבן מיר געזען אַן אויטאָבוס פון „אגד״ מיט טוריסטן. דאָס איז דער מדבר יהודה. מיר זענען שוין פאַרביי עין גדי. דער שטח נאָך עין גדי האָט פריער געהערט צו יאַרדאַניע. דער וועג קיין יריחו איז איצט אַן אָפענער.

„און יהושע דער זון פון נון האָט געשיקט פון שיטים צוויי מענטשן. גייט זעט דאָס לאַנד און יריחו״.

יריחו, איינע פון די עלטסטע באַפעסטיקטע שטעט אין נאָענטן מזרח, וועמענס מויערן זענען איינגעפאַלן דורך דעם געשאַל פון די שופרות...

יידן און אַראַבער

מיט יאָרן צוריק, בעת איך בין געווען דאָס ערשטע מאָל אין רמלה, איז די שטאָט געווען האַלב לײדיק. אויפן אָרט פון די נעלם געוואָרענע אַראַבער, די וועלכע זענען אין איין נאַכט אַוועק מיט זייער אָרעם האָב און גוטס אויף מזרח, זענען געקומען יידן פון מזרח־אייראָפּע. אין עטלעכע זייטיקע געסלעך זענען געבליבן די אַראַבישע תושבים, וועלכע האָבן נישט געוואָלט פאָלגן די עצות פון די ענגלענדער און נישט די וואָרענונגען פון זייערע מנהיגים, אַז די יאַהודים וועלן אַלעמען אויסשעכטן.

געסלעך אין זוניקן שטויב. נידעריקע ליימענע הייזלעך מיט קרומע ווענט. עטלעכע געמויערטע ווילעס מיט מירמלשטיינערנע זײלן ביי די אַריינגענג, פענצטער פאַרקראַטעוועטע מיט אייזן, הייף מיט בלינדע מויערן, מיט זשאַווערבלעכן, מיט שטעכיקע דראָטן און צוימען פון קאַקטוס־קוסטעס מיט קעפּ צעגליטע פון די זילבער־נאָדלען און רויטע סאַברע־פּרוכט, וועלכע עס האָבן געפּיקט גרויע פייגל.

איך האָב געקוקט אויף די באָרוועסע זקנים אין שוואַרץ־געפּלעקטע מלבושים מיט די קײשלעך שיקמה־פּירות, מיט די געקאָלטנטע ציגן און ברוינע מדבר־שעפּסן. איך האָב געזען די אַראַבישע ווייבער מיט די פאַרדעקטע פּנימער, ביי די נישעס, וואָס האָבן געפירט צו זייערע הייף.

„דאָס איז רמלה?" האָב איך איבערגעפרעגט יעדן וועלכן איך האָב געטראָפן. ווו איז די גאַס „יוד גימל"? איך האָב געזוכט אַ באַקאַנטן נאָך פון ווילנע און געוואָלט אים וואָס פריער באַגעגענען. דער אַדרעס איז

געוועזן אַ משונהדיקער: „רחוב יוד גימל". דאָס האָבן די ערשטע אַפּטיילונגען פון משה כרמל, וועלכע האָבן דעראָבערט לוד און רמלה, אין געאייל באַצייכנט די געסלעך מיט די אותיות פון יידישן אלף־בית און זיי זענען געבליבן אַזוי לאַנגע יאָרן. צוויי לשונות האָבן אין יענע צייטן דאָמינירט אין רמלה: יידיש און אַראַביש. איך האָב פון ערשטן בליק אָן דערקענט, אַז די נייע תושבים פאַרשטייען זיך גוט מיט די אַראַבער און עס זענען שוין איינגעשטעלט געוואָרן גוט־שכנותדיקע באַציונגען.

דער שוסטער פון קליינעם וואָלין־שטעטל קאָרעץ פון „רחוב יוד גימל", האָט פאַרנומען דריי קליינע צימערלעך מיט זיין גאַנצער משפחה, וואָס איז באַשטאַנען פון אַ פרוי, צוויי זין און אַ טאָכטער. ער האָט געוואַרט אויף מיר. מען האָט מיך מכבד געוועזן מיט אַ טעלער באַרדאָ־רויטע סאַברעפירות און געגעבן צו טרינקען אַ געטראַנק פון די סאַברעס אויסגעמישט מיטן זאַפט פון שיקמה־פייגן. אַ תימנער ייד איז געשטאַנען אין הייפל, פון יענער זייט אַפענעם פענצטערל און גוטמוטיק געלאַכט צו מיר, פאַרלייגנדיק בײדע הענט אויף דעם האַרץ: „טעם גן־עדן, חביבי"...

ביים אַוועקגיין האָט מיך דער אַלטער שוסטער פון וואָלין באַגלייט און אַראָפּגערעדט זיך פון האַרצן: „עס איז שלעכט. עס איז ביטער. אַזאַ פרעמדע וועלט"...

איך בין שוין געווען געוווינט אויסצוהערן טענות און קרעכצענישן. אָבער דאָס ערשטע מאָל האָב איך געהערט די סיבה פון דעם הלמאי עס איז שלעכט און ביטער. און די סיבה איז געווען זיין קוטשעראַווע געלהאָריקע טאָכטער, מיט דעם פולן פּנים מיט זומער־שפּרענקלעך און די געזונטע גרויסע הענט. ווי זי איז אויסגעוואַקסן! איך האָב זי געדענקט פון דער וואָלינער שולע. ווען זי איז געווען אַ מיידעלע, מיין שילערין און דאָ אַזאַ מויד? „יאָ, זי רויבט אַוועק ביי מיר דעם שלאָף" — האָט געזאָגט דער פאָטער. „ווייסט איר פאַר וואָס? עס קומט אין די פאַרנאַכטן נאָך איר אַ בחור. איז ער גאָר „אַ זייעריקער". ער זאָגט, אַז ער איז אַ מאַראָקאַנער ייד. מיין האַרץ האָט מיר געזאָגט ס'פאַרקערטע, אַז ס'איז אַן אַראַבער. וואָס האָט זיך אַרויסגעוויזן? ער איז טאַקע אַן אַראַבער, געקומען פון יענער זייט ירדן — אויפזוכן אַ פאַרגראָבן פאַרמעגן און זיך אַנגעגעבן פאַר

אַ ייד. זיין אמתער נאָמען איז אבו בן סאַלים. מען האָט אים אפילו געמשפּט פאַר טראָגן אַ פאַלשן נאָמען. ער וויל זיך מגייר זיין. צווערשט, ווען מיין מויד האָט זיך דערוווּסט, אַז ער איז נישט קיין ייד, נאָך דעם ווי די שוטרים האָבן אים אַרעסטירט, האָט זי דריי נעכט געוויינט און אויף דעם פערטן טאָג איז זי אַוועק אין משטרה און איינגעריסן ווענטן, אַז מען זאָל אים באַפרייען. וואָס טוט מען?"... — האָט מיך דער פאָטער געפרעגט, "אפשר וועט איר איבעררעדן מיט איר?"

✱

בעת דעם איצטיקן באַזוך אין רמלה בין איך אַוועק זוכן די גאַס "יוד גימל". "בין איך טאַקע אין רמלה?" — האָב איך געפרעגט אַ פאַרבייגייער אויף יידיש. מען האָט מיך נישט פאַרשטאַנען. איך האָב געפרעגט אויף לשון־קודש — האָט מען מיך אויך נישט פאַרשטאַנען. פראַנצייזיש? אַ ברייטער שמייכל פון צופרידנקייט. "יאָ, פראַנצייזיש פאַרשטיי איך. מיר זענען דאָ עטלעכע חדשים אין לאַנד... מיר וועלן בקרוב רעדן עברית..."

איך האָב פאַרבלאָנדזשעט אין אַ נייער געגנט פון רמלה; פירשטאָקיקע הייזער, שיכונים, אַלייען מיט פאַלמע־ביימער. אַ ברייטער געפלאַסטערטער וועג, טראָטואַרן. "רחוב יוד גימל"? מען שמייכלט צו מיר ווי איך וואָלט נישט געוווּסט. אַז עס איז שוין כמעט נישט געבליבן קיין שום ליימענע הייזקע און נישט די בלינדע ווענט מיט די נישעס, און נישט די קאַקטוס־צוימען. רמלה איז געוואָרן אַ שטאָט; געשעפטן, באַנקן, מיט ביוראָען, גרויסע סינעמאַס, קאַפעען, טאַקסי־סטאַציעס, אַן אויטאָבוסן־סטאַציע, וואַר־שטאַטן און פאַבריקן.

און וואָס איז געוואָרן פון דעם יונגן אַראַבער, וועמענס אַוואַנטורע האָט מיר געדינט ווי אַ טעמע פאַר דער דערציילונג "די טויב פון שכם"? וואָס איז געוואָרן פון דער געלער קוטשעראַווער מויד מיט דעם פולן פנים קלייען? ווי אַלט דאַרף שוין זיין איר פאָטער, דער שוסטער פון וואָלין?

אין דער עריה האָט מען מיר געגעבן דעם אַדרעס. רחוב ביאַליק, מספּר... איך האָב געטראָפן די יונגע פרוי. זי איז געוואָרן צעוואַקסן, די זומער־שפּרענקעלעך זענען געוואָרן גרעסער און נאָך מער צייטיקער. זי

איז אַ מאַמע פון פינף קינדער. גרויסע קינדער, קיין עין הרע... די עלטסטע טאָכטער איז שוין אויסגעגעבן. „דער אַלטער פאָטער?" בעת איך פרעג איר וועגן פאָטער הייבט זי אויף אַ ראַנד פון פאַרטעך און ווישט די אויגן. „שוין דאָס פינפטע יאָר ווי ער האָט אונדז איבערגעלאָזט. דאָך אויסגעלעבט אין נחת די יאָרן, אַ קליינינקייט, איך האָב אים געגעבן אייניקלעך". „און דער מאַן?" „אָט איז ער!" זי איז אַרויס אויפן באַלקאָן און גערופן: „אַבאַ! אַבאַ!" — ער רייניקט דעם נייעם אויטאָ — האָט זי מיר געזאָגט מיט שטאָלץ. דער מאַן אירער איז אַריין מיט ראַזמאַך, צעקאַרקעוועט פלעשער, געשטעלט גלעזער און גערעדט מיט מיר אויף אַ... וואָלינער יידיש. „די אַראַבער זענען חמורים... איך קען זיי גוט... פאַר וואָס ווילן זיי נישט קיין שלום?.. לאָמיר אויסטרינקען"... ער האָט מיר געוויזן די נייע טעלעוויזיע... רחבותדיקע צימערן... און דערביי אַנגעשטעלט דעם פּאַטעפאָן, אַז מיר זאָלן הערן מוזיק און עס האָבן אַ פלייץ געטאָן מיט קולי־קולות אַראַבישע ניגונים „איך גיי אויס נאָך זיי... אַזוי שיין, הערט"...

ווען איך בין אַוועק פון רמלה האָב איך צו זיך אַליין געזאָגט: „בלויז דער ניגון איז געבליבן ביי דעם אַמאָליקן אַבו בן סאַלים" אַזוי איז ער געוואָרן אין גאַנצן אַ ייד. נאָר דער אַראַבישער ניגון גייט אים נאָך...

*

דאָס איז געווען אין די צייטן ווען מען האָט נאָך געקענט געפינען ליידיקע וווינונגען אין אַמאָליקן אַראַבישן „דזשעבעליאַ", וואָס איז פאַרוואַנדלט געוואָרן אין אַ טייל פון יפו מיטן נאָמען „גבעת עליה".

אַן איינזאַמער ייד פון פוילן האָט זיך אַריינגעקליבן אין איינעם פון די הייזער, וועלכע האָבן זיך געפונען אין דעם געסל, וואָס האָט געפירט באַרג אַראָפּ צום ים. איך האָב דעם יונגן מענטש גוט געקענט נאָך פון וואַרשע.

„אין אַ געוויסן טאָג — האָט ער מיר דערציילט — זענען געקומען צוויי אַראַבישע פרויען. זיי האָבן געקלאַפּט אין דער טיר און נישט געוואָלט צוערשט אַריבערטרעטן די שוועל. „מיר האָבן דאָ געוווינט. איר קענט דאָ בלייבן, ווייל מיר האָבן אַ גרעסערע דירה אין יפו. עס איז אָבער אַ יושר, אַז איר זאָלט אונדז צאָלן פאַר דער וווינונג דירה־געלט". איך האָב

די פֿאַרבעטן, אַז זיי זאָלן אַריינקומען אין שטוב און זיך נישט שרעקן. זיי פֿאַרבעטן, אַז זיי זאָלן אַריינקומען אין שטוב אַריין און זיך נישט שרעקן. זיי שטערן מיר נישט. כ׳האָב אָבער נישט געהאַט קיין ריכטיק בענקל אויף צום זיצן און נישט קיין מעבל. דאָס אייזערנע בעטל מיט די גרויע קאָצן האָט מיר געגעבן די סוכנות. זיי האָבן זיך אַרומגעקוקט און טרויעריק מיך באַטראַכט. „וווּ איז דיין משפּחה? דיין פֿרוי?" — האָב זיי זיך געפֿרעגט. „איך האָב קיינעם נישט. איך בין געבליבן לעבן איינער אַליין פֿון אַ גאַנצער גרויסער פֿאַמיליע. די דייטשן האָב אַלץ צוגענומען. זיי האָבן פֿאַרטיליקט מיינע ברידער". דאָס זענען געווען צוויי אַראַבישע שוועסטער פֿון יפו. איך האָב זיי מער נישט געזען. אין אַ חודש שפּעטער האָב איך געהערט פֿאַר נאַכט אַ שטילן קלאַפּן אין דער טיר. איך האָב געעפֿנט נאָר אַ שפּאַלט, ווייל אין יענער צייט איז מען נישט געווען צו זיכער, ווער עס קען קומען צו גאַסט. איך האָב דערקענט איינע פֿון די שוועסטער. זי האָט זיך ווידער אַרומגעקוקט און געזאָגט: „עס האָט זיך גאָרנישט געענדערט. אַלץ איז דאָך דאָ ביי אייך אַזוי ווי פֿריער". זי האָט אַוועקגעשטעלט אויף דער שוועל אַ רענצל: „עס איז פֿאַר אייך". די אַראַבערין איז אַוועק. איך האָב דאָרט געפֿונען פֿאַרהאַנגען פֿאַר די פֿענצ־טער און אַ בריוו, געשריבן אין ענגליש. אין בריוו איז געלעגן אַ גרעסערע סומע געלט, ישראלדיקע לירות. „איר וועט מיר צוריקגעבן ווען איר וועט האָבן".

„איך האָב נישט געוווּסט וואָס צו טאָן מיטן געלט. זאָל איך דאָס נעמען? זי איז אָבער שוין נישט געווען. כ׳האָב זיך אָנגעהויבן אַרומדרייען איבער די אַראַבישע געסלעך פֿון יפו און געזוכט די אַראַבישע פֿרוי, וועלכע איך האָב אַפֿילו נישט געוווּסט אָנצורופֿן ביי איר נאָמען. איך האָב זי סוף־סוף באַגעגנט און אַרויסגענומען פֿון בוזעם איר קאָנווערט מיטן געלט. „נעמט דאָס צוריק". „פֿאַר וואָס?" — האָט זי דערשטוינט געפֿרעגט. „דערפֿאַר ווייל איך נעם נישט פֿון אומבאַקאַנטע קיין געלט". „אויב אַזוי לאָמיר זיך באַקענען" — האָט זי געזאָגט. „עס האָט זיך אָנגעהויבן אַ פֿריינדשאַפֿט און געענדיקט אַזוי ווי עס ענדיקן זיך אָפֿט באַקאַנטשאַפֿטן פֿון מענער מיט פֿרויען: מיר האָבן אָנגעהויבן לעבן צוזאַמען". אַזוי האָט מיר דערציילט מיין פֿריינד.

איך האָב זיי געטראָפןביידע מיט אַ צייט צוריק אין פּאַריז. זיי זענען אַהער געקומען אויף אַ טוריסטן־באַזוך.

יוער וואָלט געקאָנט זאָגן אויף דער באַחנטער פרוי, אַז זי איז נישט קיין וואַרשעווערין? זי האָט מיר אויסגערעכנט די גאַסן פון יידישן וואַרשע, וועלכע עקזיסטירן מער נישט. זי קען אַלע פריינד פון איר מאַן און איז געוואָרן פאַרקנופּט מיטן פאַרשניטענעם שטאַם פון דעם פּוילישן ייד. ווי אויסגעמישט איז דאָס בלוט פון פעלקער?

*

איך האָב די טעג דערהאַלטן אַ גרוס פון אַבדול און מוסטאַפאַ פון חברון. דער גרוס האָט מיך צוריקגעפירט צו יענעם שטורעמדיקן טאָג ווען עס האָט געפּלייצט אַ רעגן אין די הרי אפרים און געדיכטע נעפּלען האָבן געגנידערט צו די באַרגטאָלן.

די הרי אפרים זענען שוין יענעם טאָג געווען איבערגעזעטיקט מיט די רעגנס און שטראָמען האָבן געריזלט פון די באַרג־שיפועים, מיטגעריסן מיט זיך קרישל־שטיינער און זאַמד פון אַ חמרה־קאָליר. דער שאָסיי איז געווען פול מיט אַ שטיינערברוך און מיט קאַלוזשעס. די נעפּלען זענען געווען צעריסענע און זיי זענען גיך געשוווּמען פון איין באַרג־נידערונג צום אַנדערן און געבליבן הענגען איבער די טאָלן.

נישט ווייט פון הר גריזים, ווו עס איז אַמאָל געווען דער גרויסער וועג, וואָס האָט זיך געצויגן פון עגיפּטן ביזן סירישן פעניציע, לעבן דער אַמאָליקער ביזאַנטישער שטאָט, וואָס איז אַנטפּלעקט געוואָרן פון אַרכעאָלאָגן ערב דער ערשטער וועלט־מלחמה, האָב איך שפּאַצירט איבער די אוראַלטע חורבות, געזוכט די שפּורן פון אַמאָליקע דורות און געלאָזן פאַלן אויף זיך דעם קאַלטן באַרגרעגן, וואָס האָט געשטאָכן דאָס פּנים און די הענט ווי דאָס ווילדגראָז.

מיין באַגלייטער, מוסטאַפאַ, דער יונגער אַראַבער פון עטלעכע צוואַנ־ציק יאָר, האָט מיך געפירט פון איין זייל צום אַנדערן, פון איין אויסגראָ־בונג צו דער אַנדערער און געוואָלט, אַז איך זאָל אַלץ זען און ערשט דעמאָלט וועלן מיר קענען פון דאַנען אַוועקפאָרן. דאָ, אין די אפרים־

בערג איז ער געווען אנדערש ווי בעת איך האָב אים דעם ערשטן מאָל געזען אין אַבדולס גאַראַזש. די אויגן־ווייסלען האָבן געלויכטן שאַרף און אומהיימלעך. זיינע באַוועגונגען זענען געווען אומרויִקע, נערוועזע און איך האָב געהאַט דעם איינדרוק, אַז ער ראַנגלט זיך מיט עפּעס און אַז ער קען זיך אַליין נישט בייקומען. איך האָב געמאָסטן מיינע רייד, געלאָזט אים תמיד פאַר זיך און געוואָלט אַריינדרינגען אין דעם האַרץ און אין דער נשמה פון דעם יונגן אַראַבער, וועלכער געפינט זיך איצט מיט אַ ייד, ווייט פון דער שטאָט, אין סאַמע מיט פון די הרי אפרים, דאָרט ווו מען זעט נישט קיין לעבעדיקן מענטש.

ווער בין איך דען פאַר אים? אַ פרעמדער שבפרעמדער. אַן אָנגע־העריקער פון אַ פאָלק, וואָס ווערט פאַרהעצט און פאַרשריגן און וואָס איז אַהערגעקומען זוכן די שפּורן פון די אבות, און ער, דער יונגער אַראַבער, פירט אים און אַנטפּלעקט אים די אוראַלטע וועגן און שטעגן, וועלכע זענען פאַרקנופּט מיט דער געשיכטע פון דעם פרעמדן און פיינטלעכן פאָלק.

איך דערמאָן זיך איצט אין דער איבערלעבעניש מיינער, ווייל מיין זון האָט מיר געשריבן וועגן מוסטאַפאַ און וועגן אַבדול און זייערע משפּ־חות, וועלכע זענען געקומען צו אים צו גאַסט קיין כפר גנות, וואָס געפינט זיך בסך הכל אַ צען קילאָמעטער פון תל־אביב.

„געדענקסט, בעת מיר זענען געזעסן אין דעם הויז פון אַבדול אין חברון און געגעסן מיט זיין גאַנצער משפּחה, האָט דער אַראַבישער גאַסט־געבער זיך אויפגעשטעלט און פייערלעך געזאָגט: ווען איר האָט באַטרעטן די שוועל פון מיין הויז זענט איר געווען מיינע געסט, איצט זענט איר מיינע ברידער, ווייל איר האָט געגעסן מיט מיר. דערויף האָסטו געענט־פערט: „אחי אבדול, עס וועט זיין אַ פרייד פאַר מיר אויפצונעמען דיך און דיין הויזגעזינט ביי מיר אין הויז". דו האָסט אים דעמאָלט געגעבן דיין אַדרעס פון פאַריז און מיין אַדרעס פון כפר גנות. ווערטער, וועלכע ווערן אַרויסגעזאָגט פון אַראַבער אונטער זייער דאַך פון זייער הויז, ווערן גענומען גאָר ערנסט. עס איז נישט קיין סתם העפלעכקייט ביי זיי. איך האָב וועגן דעם געוווּסט נאָך פון די צייטן, ווען איך האָב באַזוכט אַראַבישע היימען. אַבדול האָט נישט געקענט פאָרן אַזש קיין פאַריז צו דיר, דאָך

אַ צו ווייטע נסיעה, האָט ער מיך באַזוכט. שטעל דיר פאָר, אַז יענעם שבת זענען פאַרפאָרן פון חברון דריי אויטאָס אין וועלכע עס האָבן זיך געפונען צוויי און צוואַנציק מיטגלידער פון אַבדולס משפחה. זיי האָבן ווי אַ צולאָג מיטגענומען אויך מוסטאַפאַ, וועלכער האָט דיך געפירט איבער די הרי אפרים. צווישן די געסט זענען געווען אַכט קינדער, פיר זקנים און די איבעריקע — דערוואַקסענע, מענער און פרויען. שטעל דיר פאָר וויפל מי איך און מיין פרוי האָבן געדאַרפט פאַרווענדן אויף אויפצונעמען אַזויפיל געסט מיט איין מאָל! מיר האָבן דאָך אַ גרויסן גאָרטן און אַ קליין וועלדל לעבן הויז, האָבן זיך די געסט גוט געפילט. זיי האָבן געבראַכט מיט זיך אַ געקוילעטן שעפּס און אַלערליי געבעקס. מיר האָבן צעלייגט אַ פייער, געבראָטן דעם שעפּס און אויסגעזעצט זיך אויף דעם גראָז. עס זענען געקומען עטלעכע מיינע שכנים און פריינד און עס איז אַוועק אַ שמועס מיט די אַראַבער. מען האָט אין גאַנצן געבראַכט פלעשער ווין און פּירות־זאַפט. אַבדול און מוסטאַפאַ האָבן זיך געהאַלטן אין איין אויספרעגן אויף דיר. איך האָב געמוזט צוזאָגן אַבדולן, אַז דאָס וואָס דו וועסט שרייבן וועגן אים אין די ביכער, וועסטו אים צושיקן אַהיים, קיין חברון. ער האָט ווידער אַ מאָל געזאָגט, אַז עס איז אַ פרייד פאַר אים און אַ גרויסער כבוד אויפ־געגומען צו ווערן ביים זון פון זיין „פאַריזער ברודער״. ביז שפּעט אין דער נאַכט האָט אַבדולס משפּחה פאַרבראַכט מיט אונדז. באַלד נאָכן מיטאָג זענען די אַראַבישע קינדער איינגעדרימלט געוואָרן. מען האָט זיי אַוועק־געלייגט אין די בעטלעך צוזאַמען מיט מיינע קינדער. כאָטש עס איז געשטאַנען אַ גאַנצן טאָג אַזאַ רעש און אַזאַ טומל. מוז איך דיר שרייבן, אַז דער באַזוך פון אַבדולן מיט זיין גאַנץ הויזגעזינט האָט אַרויסגערופן אין מיר פאַרשיידענע מחשבות. איך האָב באַשיימפערלעך אָנגעהויבן צו פאַרשטיין, אַז כאָטש עס איז פאַראַן אַ נישט קליינער אונטערשייד צווישן יידן און אַראַבער, זענען מיר שכנים און עס איז מעגלעך אַ גוט־שכנותדיק צוזאַמענלעבן צווישן די צוויי פעלקער״.

*

דער בריוו פון מיין זון האָט אויך דערוועקט אין מיר אַלערליי נאָכ־טראַכטענישן. איך בין ווידער אַ מאָל צוריקגעקומען אין מיינע געדאַנקען צו יענעם באַזוך אין חברון און עס איז אויפגעגאַנגען אין מיר דאָס פּנים פון דעם יונגן, ברוין־פּנימדיקן, האַלב־שווייגנדיקן, מוסטאַפאַ און יענע רגע אין די בערג, בעתן שלאַקסרעגן, ווען מיר זענען געשטאַנען אין די אויס־געגראָבענע רעשטן פון דער ביזאַנטישער שטאָט, צווישן איינגעפאַלענע זיילן און שטיינערבלאָקן.

מיין אינטויִציע האָט מיך קיין מאָל נישט פאַרפירט. אין גורלדיקע רגעס האָב איך תמיד ריכטיק אויסגעפילט יענעמס טראַכטענישן און כוונות.

עס וואָלט געווען אַ זינד חושד צו זיין מוסטאַפאַ. דאָך האָב איך אין יענער רגע געזען זיין האַרץ און געפילט וואָס אין אים קומט פאָר. איך האָב געזען דעם ביטערן געראַנגל, וועלכן עס האָט שטום געפירט מוסטאַפאַ. גובר געווען אין אים האָט דער מענטש, די איינגעבוירענע גוטסקייט און די גאַרונג צו פריינשאַפט פון פאָלק צו פאָלק און מענטש צו מענטש. זי איז ענלעך צו די פלאַנצן אין פינצטערניש, וואָס ציִען זיך צו דער זון.

דער נגב

פאַר וואָס האָבן די נאַבאַטעער פאַרלאָזט דעם נגב? זיי האָבן דאָך אים געהאַט אַנטוויקלט. אין דער ערבה זענען געווען שטעט און דערפער, לאַנדווירטשאַפטלעכע ישובים, וועלכע זענען באַזאָרגט געוואָרן מיט וואַסער־רעזערוואַרן, אויסנוצנדיק די רעגנס און די וואַסערן, וועלכע האָבן זיך געטראָגן בעת די רעגן־סעזאָנען אין די וואַדיס. זיי האָבן קונציק געבויט קאַנאַלן, וואָס האָבן צעפירט די שטראָמען אין ספּעציעלע גריבער, אינע־ווייניק אויסגעפּלאַסטערטע מיט שטיין, און עפּעס אַ מין צעמענט, פאַר־דעקטע מיט פעלדזן, אַז די הייסע זון זאָל זיי נישט אויסטריקענען.

דער ציל פון דער נאַבאַטעאישער קאָלאָניזאַציע איז געווען צו פאַר־זיכערן זיך גוטע שטיצפּונקטן פאַר דעם גרויסן האַנדל, וואָס איז אָנגעגאַנגען פון אַראַביע מיט אינדיע.

ביז איצט זענען נאָך געבליבן סימנים פון נאַבאַטעאישע ישובים, פון וואַסער־אָנזאַמלונגען, פון אַן אַגריקולטור וואָס האָט אין יענער תקופה געבליט און פון אַ ציוויליזאַציע וועלכע איז מיט איין מאָל פאַרשוווּנדן. מען רעכנט אויס, אַז די נאַבאַטעער האָבן פאַרלאָזט דעם נגב אין דער העלפט פון צווייטן יאָרהונדערט, לויט דער נייער צייט־רעכענונג.

מיט אַ צוועלף יאָר צוריק האָב איך אין באר שבע זיך באַפריינדעט מיט אַ יונגן אַמעריקאַנער בחור, וועלכער איז געקומען פון מצפה רימון, ווו ער האָט זיך באַטייליקט אין אַ קליינער אַרכעאָלאָגישער עקספּעדיציע. איך האָב זיך געלאָזט פון אים צוריידן און צומאָרגנס זענען מיר ביידע

געפאָרן מיט אַ דזשיפּ, כדי צו באַגעגענען די אַרכעאָלאָגן ביי דער אַרבעט. דאָס וואָס איך האָב געהערט און געזען האָט מיך אַזוי באַאיינדרוקט, אַז איך האָב דעמאָלט אָנגעשריבן אַ דערציילונג וועלכער כ׳האָב אַ נאָמען געגעבן „אויף די שפורן פון די נאַבאַטן". אַ קליינע גרופּע האָט געפאָרשט די שפורן פון די נאַבאַטעיִשע שבטים. איך האָב געזען די שטיינערנע אָנהויפן אין דער נאָענטער סביבה, הויפנס שערבלעך פון ליים־כלים, סימנים פון וואַסער־קאַנאַוועס און בעקנס, ווו מען האָט געזאַמלט די וואַסערן פון די רעגנס.

די וואַסערן פון וואַדי מוסאַ צעצוויגן זיך אין די ווינטערן דורך דעם נגב. זיי ריזלען מיט אימפּעט, פאַלן אַריין אין די בענקס, פילן זיי אָן ביזן אויג מיט אַ געל־זאַמדיק וואַסער, און אַז די בעקנס ווערן איבערגעפולט, שטראָמט דער וואַסער־אָדער ווייטער, ביז אַן אַנדערן באַסיין און אַזוי אַרום ווערט דאָס וואַסער אויפגעהיטן אין די בעקנס און נוצט דערנאָך אויף באַוואַסערן די גערטנער און פעלדער...

עס זענען אָבער דאָרט נישטאָ קיין גערטנער און נישט קיין פעלדער. עס איז אַ וויסטעניש. דער יונגער אַמעריקאַנער בחור האָט מיר ביים שיין פון אַ קאַרביד־לאָמפּ געצייכנט די מאַפּע פון די נאַבאַטעאישע זידלונגען אין נגב, געמאַכט צייכענונגען פון די וואַדיס, אַלערליי דיאַגראַמעס וועגן רעגנפאַל, וועגן די וואַסערשטראָמען אין נגב. ער האָט מיר אויפגעוויזן שוואַרץ אויף ווייס, אַז מען דאַרף בויען ישובים אין נגב געגנט דאָרט, ווו עס האָבן זיי אַמאָל אויפגעבויט די נאַבאַטעער...

איך האָב סיי ווי אין דער נאַכט נישט געקענט איינשלאָפן צוליב דעם חאַמסין, צוליב די אַלערליי מדבר־קולות און עס האָט זיך מיר געדאַכט, אַז פון דעם וואַדי הער איך פאַרבאָרגענע טריט פון לויערער...

*

כ׳וויס נישט וואָס עס איז געוואָרן פון יונגן אַמעריקאַנער ייד, נאַטאַנעל, וואָס האָט זיך פריער גערופן נייטן. כ׳וויס אַז אין ירושלים געפינט זיך דער קבר פון זיינס אַן עלטער־זיידן, רבי נתן שפּירא.

איך האָב נתנאלן איצט דערמאָנט בעת איך בין געפאָרן דורך די וועגן פון נגב, דורכגעשניטן די וואַדיס און אָפט מאָל אָפּגעשטעלט זיך, כדי צו זען אויב דער שטיינער־אָנהויף, וואָס איז אויפן ראַנד פון וועג, איז נישט קיין סימן פון די נאַבאַטעאישע צייטן און אויב אין דער געגנט, צווישן די שטיינער, געפינט זיך נישט קיין אוראַלטער וואַסער־בעקן.

דער נגב איז נישט קיין מדבר — זאָגן די וועלכע באַאַרבעטן די פעלדער אַרום די ישובים און קיבוצים. ער איז פאַרוואָרלאָזט, פאַרוויסט און דאָס רוב אומבאַקאַנט. אין זיינע אינגעווייִדן געפינען זיך רייכטימער. עס וועלן זיכער אַנטדעקט ווערן וואַסערקוואַלן, מען וועט אַנטפּלעקן אַלע סודות, וואָס די ערבה פאַרבאָרגט נאָך פאַר אונדז. עס וועלן, אַזוי ווי אין די אוראַלטע צייטן, ווידער זיך קרייצן די וועגן, וואָס פירן אין די פיר עקן פון דער וועלט.

די נעץ פון וואַדיס, וואָס צעשניידט דאָס האַרץ פון נגב, איז דער בעסטער באַווייז, אַז ביי אַ גרויסער אינוועסטירונג פון אַרבעט וואָלט מען געקענט די וואַסערשטראָמען זאַמלען אין רעזערוואַרן. מען וואָלט געקענט באַאַרבעטן ריזיקע שטחים ערד, וואָרעם זי איז נישט זאַמדיק נאָר פאַרמאָגט אין זיך אַלע עלעמענטן, וועלכע זענען נאָר נויטיק פאַר לאַנדווירטשאַפט.

מיט דעם אויפקום פון נייע מלוכות אין אַפריקע, אין נאָענטן מזרח און דאָס אויפוועקן זיך פון אַזאַ ריזיקן וועלטטייל וועט דער נגב און דער סיני אָנהייבן שפּילן אַ ביז גאָר וויכטיקע ראָלע. נישט בלויז וואַסערוועגן וועלן פאַרבינדן די שכנותדיקע לענדער נאָר אויך יבשה־וועגן. עס וועלן געפלאַסטערט ווערן אינטערנאַציאָנאַלע שאָסייען, אויטאָטראַסן און באַנ־ליניעס. זיי וועלן דורכשניידן דעם נגב און דעם סיני. זיי וועלן גורם זיין אַן אומגעוויינטלעכע איבערקערעניש אין דעם לעבן פון די פעלקער. עס וועלן אַנטשטיין אין נגב אינדוסטריע־שטעט, לאַנדווירטשאַפטלעכע ישובים און האַנדלס־צענטערן...

— עס איז נביאות? — פרעגט מיך אַן אינזשעניער אין אילת און שמייכלט איבער מיין מאַגנל אין פאַנטאַזיע. — איר גלייבט מיר נישט? זעט ווי אַזוי די ראָלן האָבן זיך געביטן! איך, דער וואָס חשבונט, וואָס

קאַלקולירט, וואָס גייט צו צו יעדן פלאַן ניכטער, רעד צו איך ווי אַ דיכטער און איר, אַ מענטש פון דיכטונג, זענט אַזוי סקעפּטיש?

וואָס האָט באַווירקט דעם יונגן אינזשעניער, אַ ספּעציאַליסט אין דער מאָדערנער בויונג פון גרויסע שטעט, וואָס האָט באַקומען זיין אויס־בילדונג אין ענגלאַנד, צו באַזעצן זיך אין אילת און העלפן דאָרט בויען גאַסן און קוואַרטאַלן?

— דאָס איז די טייטלביימער־אַלייע! — זאָגט ער צו מיר. איך באַ־טראַכט די ברייטע גאַס, וואָס איז נאָך האַלב פּאַרוויסט. ערגעץ־ווו שטייט שוין אַ פירשטאָקיק הויז. דערנעבן נאָך עטלעכע הייזער. עס איז פאַראַן אַ טראָטואַר פון ביידע זייטן און דער וועג איז אַ געפּלאַסטערטער, אָבער איך זע נישט קיין איין פּאַלמעבוים...

— די פּאַלמעס וועלן געפּלאַנצט ווערן שפּעטער... זייט זיכער... מען וועט האַלטן וואָרט... דערווייל הייסט די ברייטע גאַס „די אַלייע פון טייטלביימער"...

אַ יונגער בחור מיט אַ סאַברישן עברית זאָגט צו מיר: „איך בין דער רעדאַקטאָר פון אַ וואָכנבלאַט" ער ווייזט מיר אַ ביולעטינדל. „עס וועט בקרוב ווערן אַ טאָגצייטונג".

איך בלעטער די פּאָר קליינע זייטלעך און געפין דאָרט ידיעות וועגן אילת, וועגן פאַרשידענע פּאַסירונגען, וועגן אָרטיקע פּראָבלעמען און פיל אָנאָנסן.

„די צייטונג ווערט פאַרשפּרייט אומזיסט. די אָנאָנסן דעקן אַלע מיינע אויסגאַבן. איך האָב שוין איינגעאָרדנט אַפילו אַ קליינע דרוקעריי. איך בין דער רעדאַקטאָר און דער אַרויסגעבער. עס איז אַ פּריוואַטע איני־ציאַטיוו".

דער רעדאַקטאָר איז אַ סאַברע פון ראשון לציון. ער האָט פאַרענדיקט דעם ירושלימער אוניווערסיטעט. זיין ספּעציאַליטעט איז ליטעראַטור־געשיכטע. אין איינעם אַ טאָג האָט ער באַשלאָסן: איך וועל אויפבויען מיין היים אין אילת. און ער האָט טאַקע זיין היים אין אילת. זי איז רחבותדיק, ליכטיק, גרויס און ער שטעלט מיר פאָר די צוויי קינדערלעך, וועלכע זענען געבוירן געוואָרן אין אילת.

ער איז פול מיט איניציאַטיוו און ענערגיע. זיין בלעטל דערפילט שוין אַ שליחות און ער העלפט שאַפן די עפנטלעכע מיינונג אין דער נייער שטאַט.

דער רעש פון אַ שטיין־שלייפמאַשין האָט געשטערט דעם געשפרעך, וועלכן איך האָב געפירט מיט אַן אילתער פאַבריקאַנט פון קונסט־אויס־אַרבעטונגען. ער האָט מיר געוויזן גרויסע שטיינער פון תמנע; די גרינע צירונג־שטיינער, וועלכע געפינען זיך אין די קופער־גרובנס, מען רופט זיי די „שטיינער פון אילת". פון פראַנצייזיש זענען מיר אַריבער אין יידיש און דערנאָך אין רוסיש. ער איז אַלט ביי די זעכציק. שטאַמט פון פוילן, געלעבט בעת דער מלחמה אין טאַשקענט, דערנאָך אין פראַנקרייך און פון פראַנקרייך איז ער געקומען קיין ישראל. אַזוי ווי ער האָט זיך געלערנט שלייפן דיאַמאַנטן און דעם רויען דיאַמאַנט האָט מען נאָך נישט אַנטדעקט אין ישראל, מען מוז אים אַריינפירן. האָט ער זיך געטראַכט; פאַר וואָס זאָל מען נישט אויסנוצן דעם גרינעם טורקיזן־שטיין און שניידן און שלייפן פון אים צירונגשטיינער פאַר בראָשן, פאַר קרעלן, פאַר רינגען? ברוך־השם! פרנסה איז דאָ...

„מלון שלמה המלך". אַ מאָדערנע האָטעל־געביידע, וועלכע קען אייג־שטיין אין דער גרעסטער אייראָפּעיִשער שטאָט. פּרעכטיקע צימערן, גוט־ווענטילירטע. די סאַמע מאָדערנסטע איינריכטונגען. אַן עסזאַל ווו מען סערווירט אַזוי ווי אין פּאַריזער „הילטאָן". אפשר נאָך ברייטהאַרציקער, דערפאַר ווייל דעם קליינעם פרישטיק קען מען זיך אַליין אויסוויילן. עס איז דאָ פון שענסטן און בעסטן.

און אַז עס איז דאָ אַ האָטעל אויפן נאָמען פון שלמה המלך, טאָ פאַר וואָס זאָל נישט זיין אַ האָטעל אויך אויפן נאָמען פון דער מלכה שבא? איז טאַקע אויפגעקומען אַ נאָך גרעסערער האָטעל אויפן נאָמען פון דער חאַבאַ־שער קעניגין, וואָס איז געוואָרן נאָענט מיט שלמה המלך.

אילת האָט איצט פיל האָטעלן און עס קומען יעדן טאָג נישט נאָר טוריסטן פון אַלע עקן וועלט, נאָר אויך ישראלים, וועלכע בלייבן דאָ אויף אָפּרו. עס קומען מענטשן געשעפטלעך פון פאַרשיידענע אינסטיטוציעס און אונטערנעמונגען. פון צייט צו צייט באַווייזן זיך אינדוסטריעלער, וועלכע

פֿאַרשן די מעגלעכקייטן פֿון אינוועסטירונגען. אילת איז געוואָרן אַ שטאָט אין פֿולן זין פֿון וואָרט.

פֿאַראַן אפֿילו אַן אַלטער קוואַרטאַל פֿון אילת. מען ווייזט מיר אַן אויף אַ קליינעם שטח, וווּ עס זענען אויפֿגעשטעלט ביי אַ צענדליק צריפֿים. זיי זענען אַלט בסך־הכּל אַ צען יאָר. פֿאַר אילת איז עס שוין „אַלטשטאָט״. די נייע געגנטן זענען אויפֿגעקומען נעכטן, מיט אַ יאָר צוריק. מער ווי אַ יאָר — דאָס איז שוין אַלט. די בוי־טעמפּאָ פֿאַרחידושט אַלעמען. די שטאָט איז גוט פּלאַנירט. ברייטע גאַסן, סקווערן, פּלעצער פֿאַר פּאַרקינג, פּלעצער פֿאַר קינדער, גערטנער און אַלייען.

פֿון פֿאָרנט — דער ים, דער איינגוס וואָס האָט זיין פּלאַזשע, אָבער וואָס אינדוסטריאַליזירט זיך אויך. אָט איז דער קאָמפּלעקס פֿון אַלערליי איינריכטונגען פֿון דער נאַפֿטליניע. נישט ווייט איז די עלעקטרע־סטאַנציע און די סטאַנציע אויף צו אַנטזאַלצן ים־וואַסער.

עס איז אַ באַזונדער קאַפּיטל וועלכן מען וועט אַמאָל באַשרייבן ווי אַזוי ישראל איז געוואָרן די סאַמע פֿיאַנערישע מלוכה אויפֿן געביט פֿון אַנטזאַלצן דאָס וואַסער פֿון ים. איינער פֿון די ערשטע עולים פֿון ראַטנ־פֿאַרבאַנד, וועלכע האָט זיך נאָך דער מלחמה באַוויזן אין ישראל, פּראָפֿעסאָר זרחין, האָט אויפֿגערודערט דאָס לאַנד מיט זיין פּראָיעקט פֿון אַנטזאַלצן די וואַסערן? זיין חלום הייבט שוין אָן פֿאַרווירקלעכט ווערן. דערווייל זענען אויפֿגעקומען נייערע סיסטעמען און עס גייט אָן, נישט בלויז אַן עקספּערימענטאַלע פֿאָרשונג־אַרבעט, נאָר מען נוצט זיך שוין אין אילת מיט דעם אַנטזאַלצענעם וואַסער.

די ברעגן פֿון אילת־איינגוס זענען רייכע אין ים־געוויקסן, אין ים־קאָראַלן, פֿעלדזן און אין די שענסטע פֿיש, וואָסווימלען אַרום אין דער קאָליריקער ים־פֿלאָראַ. מען קען זיי זען פֿון די קליינע שפּאַציר־שיפֿלעך מיט די גלעזערנע דנאָען.

אַרום דער נייער שטאָט אילת וואַכן די בלאָע און פֿיאָלעטענע בערג. זיי זענען געל־גאָלדיק אין מיטן טאָג און מיטן פֿאַרגיין פֿון דער זון אַנט־פּלעקט זיך ערשט זייער פּראַכט.

די שטאָט לעבט אויף אין די אָוונט־שעהן. איך שפּאַציר איבער די גאַסן, גיי באַרג אַראָפּ ביז דעם ברעג און באַגעגן יונגוואַרג, נאָר יונגע מענטשן און פון צייט צו צייט עטלעכע עלטערע, זקנים. עס איז אַ שטאָט פון יוגנט. די סאַמע יונגסטע שטאָט אין ישראל.

✶

אין „דברים" ווערט ישראל אָנגערופן „דאָס לאַנד פון וואַסער — טייכן, קוואַלן און אָזיערעס, וואָס שלאָגן פון די בערג און אין די טאָלן, דאָס לאַנד פון ווייץ, גערשטן און ווייַנשטאָקן, פייגן און איילבערטן".

דאָס איז דאָך ווארהאַפטיק, זאָג איך אַליין צו זיך, בעת איך שטיי ביים אַמאָליקן פּאָרט עציון־גבר.

דרום־מזרחדיק פון ים המלח האָבן געלעבט די פעלקער מואב און עמון. נישט ווייט פון דאַנען האָבן זיך פאַרפעסטיקט די אדומים, וואָס זענען געווען „שטאָמברידער" פון די בני־ישראל. די אדומים האָבן באַהערשט דאָס פלאַכלאַנד, וועלכע מיר רופן אָן ערבה און וואָס פאַראייניקט זיך מיטן אַראַבישן מדבר. זיי, די אדומער, האָבן זיך אויסגעמישט מיט די וואַנדערנדיקע אַראַבישע שבטים צו וועלכע עס האָבן אויך געהערט די מדינים און קינים, ווו זיי האָבן געהאַט דעם צענטער ביים באַרג סיני...

לויט דער אוראַלטער געשיכטע און באַזונדערס פון די יידישע מקורות, האָבן זיי זיך אין אַ געוויסער צייט דערנענטערט צו די וואַנדערנדיקע בני־ישראל...

אפשר וועט ווידער קומען די צייט ווען עס וועלן איינגעשטעלט ווערן גוטע באַציונגען פון ישראל מיט די שכנותדיקע פעלקער, וואָרעם אַלע וועגן און שטעגן אין דער ערבה, וועלכע די שטראָמען פון די וואַדיס און די פאַרוואָרלאָזונג פון צענדליקער דורות, האָבן אָפּגעווישט — באַנייען זיך איצט.

די קינדער פון ישראל זענען אַהער צוריקגעקומען מיט אַ ווילן צו באַנייען די יידישע געשיכטע און אויפצולעבן די פאַרוואָרלאָזטע ערבה.

אילת געהערט צו די וווּנדער פון דער באַנייונג.

אין מדבר סיני

פאַר טאָג בין איך געווען אין שרון. פון ביידע זייטן וועג, טונקעלע, זילבערדיק־גרינע רייען ציפּרעסן. זיי באַשיצן פּרדסים פון ווינטן. עס איז אָבער איצט אַזוי שטיל, אַז מען זעט נישט אַפּילו דעם מינדסטן באַוועג פון אַ גרעזל. אַ פּלאַכלאַנד וואָס איר חמרה־ערד איז פּרוכטיק פאַר ציטרוס־פּלאַנטאַציעס, פאַר גערטנעריי און פאַר אַלערליי לאַנדווירטשאַפטלעכע קולטורן. אָבער, שרון איז אויך געבענטשט מיט ישובים, מיט נייע שכונות, מיט נייע ווינקוואַרטאַלן. די ערד איז דאָ טייער מיט גאָלד צוגלייך.

פון איין באַזוך צום אַנדערן אין שרון פאַרשווינדן פּרדסים און גערטנער, אויף זייער אָרט קומען אויף שיכונים, ווילעס און שאָסייען. שרון איז נאָך אָבער אַלץ דער גרינער גאָרטן פון דעם ברייטן ים־פּאַס. אין פאַרטאָג פילט מען נאָך אָפּ די ריחות פון די אָפּגעבליטע פּרדסים און דעם טעם פון דעם ים־אָטעם. ער איז טערפּקע, געזאַלצן און מיט יאָד פון וואַסער־געוויקסן. די חמרה־ערד איז דאָ אַ געזעטיקטע, אַ פּרוכטיקע און פון צייט צו צייט גייט זי איבער אין זאַמד־דיונעס, וועלכע עס האָבן אַוודאי אָנגעטראָגן האמסין־ווינטן פון די הרי־יהודה.

אין שדה־דוב, אַ קליין פליפעלד, אין צפון פון תל־אביב, פאַרנעם איך אַן אָרט אין אַן „ארקיע״־עאָפּלאַן. מיר זענען עטלעכע צוואַנציק מענטשן. אין געציילטע מינוטן הייבן מיר זיך אויף. דער ים איז אַזוי ווי אַ שפּיגל. איך דערקען די דרום־שטעט און דערפער. אָט איז באר שבע, און אָט דימונה און איידער מיר כאַפּן אַ ריכטיקן בליק אויף די קאָלירקע טעפּיכער פון די פעלדער, וואָס שפּרייטן זיך אונטן, פליען מיר שוין איבער שדה בוקר. אַרום איז אַ קאַלך־גרויער, קאַלך־געלבלעכער און ברוין־ליימיקער

מידבר און ווי אַן אינדזל אין דער וויסטעניש, איזאָלירט פון אַלעמען, ליגט שדה בוקר.

דור בן־גוריונס נגב־וויזיע, וואָס האָט מיט צענדליק יאָרן צוריק אויסגעזען ווי עפּעס אַ קאַפּריז פון אַ געעלטערטן מלוכה־פירער, איז איצט געוואָרן אַזאַ רעאַליטעט, וואָס פאַרנעמט איינע פון די וויכטיקע קאַפּיטלען אין דער נייער געשיכטע פון ישראל נאָכן צוריקקומען אין לאַנד פון די אבות.

✶

מיר זעען אילת. ווי אַ צווילינג צו אילת געפינט זיך דער יאַרדאַנישער פּאָרט עקבה. ער איז קליין, אָפּגעזונדערט, צופוסנס פון בארג.

אילת שפּרייט זיך אויס אין דער ברייט און מאַכט אַ קרייז אַרום דעם האַלב־רונדיקן ים־ברעג. מיר פליִען איצט איבער דעם נייעם שאָסייוועג, וואָס איז געפּלאַסטערט געוואָרן פון אילת ביז שאַרם־אַ־שייך, אָדער ווי מען באַצייכנט די בוכטע: אופירה, פון וואַנען שלמה המלך און חירם, דער מלך פון צור, האָבן געפירט אויף שיפן גאָלד, זילבער, העלפאַנטביין און אַלערליי פייגל. 240 קילאָמעטער האָט דער נייער שאָסיי אויף דער מערב־דיקער זייט פון דעם אילת־איינגוס. דאָס איז שוין דער סיני; איר מזרח־ברעג. איך האָב אים דורכגעשניטן מיט אַ מאַשין, נאָך מיט אַ צייט צוריק, איידער ער איז נאָך געווען פולשטענדיק געענדיקט.

דאָ איז אַלץ אורשפּרינגלעך, וואָרהאַפטיק. מען פילט אַז מען שטייט פנים אל פנים מיט יענע אוראַלטע צייטן. בערג נישט באַטראַטענע, וואַדיס וועלכע געדענקען די בני ישראל... דאָס איז דער מדבר חרב, אָדער סיני. דאָ איז משה, אַ געבוירענער אין מצרים, אַ זון פון שבט לוי, דערהויבן געוואָרן דורך דעם אַנגעצונדענעם שייטער, דורך דעם געטלעכן פייער. ביים באַרג סיני האָט משה גענומען אויף זיך די שליחות צו באַפרייען דאָס פאַרקנעכטעטע פאָלק. די געפאַנגענע פון גושן האָבן דורך נסים פאַרלאָזט דאָס לאַנד פון שקלאַפעריי און אונטער משהס אָנפירונג געקומען צום באַרג סיני און דאָ פאַרנומען די געבאָטן פון גאָט.

✶

דאָס איז דער באַרג. דער הר סיני. ער איז נאָך ווייט פון אונדז, פאַר־הילט אין בלאָקייט. אַרום דערהייבן זיך בערג. אַ קייט פון בערג, וואָס יעדער באַרג איז אַנדערש פון אַנדערן. זיי זענען ווי אַרויסגעשטויסענע פון די ערד־טיפענישן. נישט געצערטלטע, נישט געשליפענע, לויכטן זיי מיט אַלע דורכזעעוודיקע פאַרבן פון איידלשטיינער. זיי שאַטענען נישט. זיי וואַרפן נישט אַן קיין פחדים. זיי צאַרענען נישט. זיי זענען מילד אָבער האַרטרוקנדיק. זיי פאַרכאַפּן דאָס אויג און געווינען דאָס האַרץ. זיי דער־וועקן דרך־ארץ און פאַרכטיקייט.

וואָס איז וויכטיק, אויב דער באַרג, וווּ ביי זיין צופוסנס געפינט זיך אַ קריסטלעכער מאָנאַסטיר, איז עס טאַקע דער הר סיני אָדער נישט? אפשר איז עס אַן אַנדער באַרג? אפשר דער שכנותדיקער? ער איז דאָך, אויך אַזוי מעכטיק און אַזוי שטראַלנדיק־ליכטיק ווי דער באַרג וועגן וועלכן מען זאָגט, אַז ער איז עס דער סיני־באַרג?

איך פיל באַשיימפּערלעך, אַז ער איז דאָ, דער סיני־באַרג. ער דערהייבט זיך איבער אונדז אַלעמען און אַז דאָ, אין דעם מדבר, אין דער באַרגיקער געגנט, וואָס לויכט מיט בלאָע דימענטן, מיט גרינעם פאַספּאַר, מיט אַל־באַסטר, מיט די איידלסטע טענער פון אַקוואַרעל־פאַרבן וואָס אַ מייסטער קען אויסכישופן — אַז דאָ, לעבן מיר, דערהייבט זיך דער סיני־באַרג.

דער מדינישער כהן יתרו, וועלכער האָט געוווינט אין מידבר סיני, ביי דעם באַרג און וועמענס טאָכטער איז געוואָרן משהס ווייב, איז געבליבן עד היום פאַר אונדז דער באַהעפטונג־סימבאָל פון יידנטום מיט די אַרטיק־איינגעזעסענע.

איך זע זיי איצט, די אור־אור־אייניקלעך פון יתרו, די אַליוו־פּנימדיקע, די ברוין־אויגיקע בעדוּינער־קינדער, וועלכע שפּראַצן פּלוצים, אומגעריכט אויס, ווי פון צווישן די בערג, ווי צווישן די פעלדזן און שטרעקן אויס צו מיר הענטלעך אין וועלכע עס ליגן קליינע, געשליפענע שטיינדלעך פון דעם מידבר. זיי פּרעפּלען צו מיר אויף אַ לשון אויף וועלכן עס האָט גערעדט יתרו צו משהן. זיי ווייזן מיר די פאַרשטיינערטע גראָז־אָפּדרוקן אויף די שטיין־שפּליטערס. „קויף דאָס פאַר אַ גרוש, כאַוואַדזשאַ"... זיי דערמאָנען מיר אין יידישע קינדער פון די טיפע יידיש־פּוילישע שטעטלעך.

קינדער פון יידישע דאָרפסגייער, פון סעדער־היטער; שוואַרצע ברעמען, פולע ליפּן, גרויסע שוואַרצע אויגן, טרויעריקע און קלוגע.

אין ספר דברים איז פאַראַן אַן אַלט געזאַנג וואָס גיט איבער יענע צייטן אין קורץ־געפּאַסטע פערזן:

„יהוה איז פון סיני געקומען און אויפגעשיינט
פאַר אונדז פון שעיר,
ער האָט אַרויסגעשטראַלט פון באַרג פארן,
און איז געקומען פון מריבת־קודש,
די תורה האָט אונדז משה געגעבן,
אַ ירושה פאַר דער עדה פון יעקב״.

שטייען מיר איצט נישט ווייט פון די וואַסערקוואַלן, וועלכע טראָגן די נעמען „עין משפּט״ און „מריב קודש.״ און אָט נישט ווייט פון דאַנען, יענער פעלדזשטיין, וואָס ליגט ביי ראַנד פון וועג, וואָס פירט צום צופוסנס פון סיני־באַרג, ווו עס איז אויפגעבויט געוואָרן אין די ערשטע יאָרהונדער־טער פון דער נייער צייטרעכענונג, דער מאָנאַסטיר סאַנטאַ קאַטערינאַ, האָט אונטער דעם קלאַפּ פון משהס שטעקן אָנגעהויבן שפּרודלען מיט קילע וואַסערשטראָמען...

*

איך וואַנדער אַרום ביים באַרג און זוך זיינע פאַרהוילענע שפּאַלטן און אַפּריסן, זיינע הייל. אַהער איז דאָך געקומען דער נביא אליהו, ווען ער האָט זיך אויסבאַהאַלטן פאַרן מלך אחאבס צאָרן הלמאי ער האָט געלאָזט טויטן אַלע פאַלשע „נביאים״ פון בעל אויפן באַרג כרמל. אליהו איז אַנט־לאָפן קיין יהודה און פון יהודה אין מידבר ביז ער האָט דערגרייכט גאָטס באַרג חורב. לויט דער לעגענדע האָט אליהו דאָ אויפגעהאַלטן זיך, אַרום־געוואַנדערט צווישן די בערג און פעלדזן און דאָ האָט זיך באַוויזן פאַר אים די אויסטערלישע און ווונדערלעכע זעונג: גאָט האָט אים אָנגעזאָגט וועגן דער גרויסער איבערקערעניש וואָס דערוואַרט גאָר בקרוב דער מלוכה־ישראל...

עס איז דאָ אומגעווייִנטלעך שטיל. די שטיינערנע רוקנס פֿון די בערג ענדערן אָן אויפֿהער זייערע פֿאַרבן. פֿאַרטאָג זענען זיי פֿיאָלעט, בלאָ, גאָלדיק און זילבערדיק. אין די מיטאָג־שעהן פֿלאַקערן זיי מיט דעם גיין־גאָלדענעם פֿייער און פֿאַרצערן אַלע שאָטנס. אין די פֿאַרנאַכטן ווערן זיי ווי געשייערטע קופּער, ווי מירמלשטיין און עס דערוואַכן אויף סנײַ די בלאָ־דיאַמענטענע באַרג־שפּיצעס. אַ פֿיאָלעט פֿון סאַמעט און זייד הייבט אָן אַרומהילן אַלע הויכקייטן, אַלע פֿעלדזן און אַלע נאָענטע און ווײַטע בערג, ביז עס באַווייַזט זיך די לבֿנה מיט די גרויסע שטערן און די בערג נייגן די קעפּ, ווי אין זייער אוּנטיקער תּפֿילה פֿאַר דעם באַשעפֿער.

אַרום דעם סיני־באַרג, אויף אַ שטח פֿון הונדערטער קילאָמעטער, האַלטן זיך אויף אַן ערך צען טויזנט בעדויִנער פֿון עטלעכע שבֿטים. זיי לעבן פֿון מאָגערן שעפּסן־צוכט, וועלכע געפֿינען זייער נערונג אין די וואַדי־נידערונגען, און פֿון די טייטלביימער, וועלכע וואַקסן אין די קליינע אָאַזיסן.

דורך דאַנען האָבן זיך געצויגן אין דער סאַמער הויכער אַנטיק־תּקופֿה קעמלוועגן, וואָס האָבן פֿאַרבונדן דעם מיזרח מיט דעם מערבֿ און דעם צפֿון מיט דעם דרום.

אין פֿינפֿטן יאָרהונדערט האָט מען אויפֿגעבויט דעם מאָנאַסטיר. אין דער העלעניסטישער תּקופֿה איז דער שטח געווען אַ טייל פֿון פּטאָלעמעאישן קעניגרייך. לויט אַרכעאָלאָגישע אַנטדעקונגען זענען דאָ אין ערשטן יאָר־הונדערט, געוווינט די נאַבאַטער. פֿון פֿינפֿטן יאָרהונדערט אָן האָבן דאָ אָנגעהויבן אַרײַנדרינגען די קריסטן דורך עגיפּטן, באַזונדערס די קריסט־לעכע מאָנאַכן. סאַנטאַ קאַטערינאַ איז פֿיל מאָל איבערגעבויט געוואָרן דורך שקלאַפֿן, וועלכע מען האָט געבראַכט פֿון די מלחמות. עס זענען אַפֿילו געווען שקלאַפֿן פֿון מיזרח־אייראָפּע. דער מאָנאַסטיר שטעלט מיט זיך פֿאַר אַ פֿעסטונג־שטעטל וואו אַלץ איז אַרומגענומען מיט אַ מויער. אַן ערך פֿיר טויזנט אַלטע מאַנוסקריפּטן, צווישן זיי פֿון אַן אומגעווייִנטלעכן ווערט, זענען פֿאַראַן אין דער מאָנאַסטיר־ביבליאָטעק. דאָס איז די סאַמע רײַכסטע, נאָכן וואַטיקאַן, קאָלעקציע פֿון אַלטע שריפֿטן. איבער צוויי טויזנט איקאָנעס

פון ניינטן ביז דעם זעכצטן יאָרהונדערט געפינען זיך אין די אַרכיוון פון מאָנאַסטיר.

סאַנטאַ קאַטערינאַ איז געווען דער ביישפּיל פון איינשטעלן מאָנאַסטיר־רעזשימען אין דער קריסטלעכער וועלט. עס הערשט דאָ אַן אַטמאָספער פון סודותדיקייט און פון אַן אוראַלטער קריסטלעכער דאָגמע, וואָס ווערט איצט קאָמערציאַנעל אויסגענוצט, וואָרעם יעדן טאָג קומען אַהער טוריסטן. די פאַרבינדונג מיט ישראל איז אַן אויסגעצייכנטע. „אַרקיע״־עראָפּלאַנען באַדינען גיך און באַקוועם. דאָס פּליפעלד איז סך־הכל עטלעכע קילאָמעטער פון סאַנטאַ קאַטערינאַ. „אגד״־אויטאָבוסן וואַרטן שוין גרייטע. זיי פאָרן זיכער, דרייסט און מיט גרויס געניטקייט איבער די נישט־געפּלאָסטערטע וועגן, וואָס פירן ביז צום מאָנאַסטיר. נישט בלויז די, וואָס באַגלייטן די טוריסטן, נאָר אַפילו די שאָפערן, קענען שוין דאָ יעדן פעלדז און יעדן בעדוי‍ִנער. איך הער ווי זיי רופן זיך שוין ביי די פאָרנעמען. סוף־סוף זענען מיר דאָך קרובים מיט זיי — זאָגט מיר עמעצער אויף יידיש. — יתרו׳ס קינדער, אונדזערע מחותנים...

✶

אין יאָר 614 זענען די פּערסער צוזאַמען מיט אָפּטיילונגען יידיש מיליטער צוגעקומען צו ירושלים און דעראָבערט די הייליקע שטאָט. אַזוי ווי יידן זענען געווען פאַרבונדן מיט די פּערסער, באַזונדערס די קנאים, האָט מען זיך אָפּגערעכנט מיט די רוימער, וואָס האָבן פאַרשוועכט מיט קריסטלעכע קירכעס און צלמים די יידישע הייליקייטן. די פּערסער האָבן זיך נוקם געווען אין די רוימער. מען האָט אַוועקגעפירט די הייליקסטע קריסטלעכע רעליקוויע — „דאָס מחיה־מתימדיקע האָלץ פון יעזוסעס קרייץ״ אין דער פּערסישער הויפּטשטאָט קטעסיפאָן. די קריסטלעכע ממשלה האָט זיך אַנגעהויבן ברעכן אין גאַנצן נאָענטן מזרח אונטער די קלעפּ פון די פּערסער. אין יענער צייט האָט זיך שוין געהאַט אויפגעבויט דער מאָנאַסטיר אין סיני. איינער פון די הייליקע פון דעם מאָנאַסטיר אין סאַנטאַ קאַטערינאַ, וועלכער איז באַקאַנט געווען אונטערן נאָמען „דער נזיר פון סיני״, אַ קריסטלעכער מאָנאַך, וואָס האָט פיל יאָרן געלעבט אויף

דעם באַרג סיני, איז איין יענער צייט געקומען קיין טבריה, וואָס איז געווען באַטראַכט ווי דער גייסטיקער יידישער צענטער, און זיך מגייר געווען. ער איז געוואָרן אַ הייסער אָנהענגער פון יידישן דת. דער גר האָט דערקלערט, אַז עס האָט זיך פאַר אים איין מאָל באַוויזן אויפן באַרג סיני די שטראַלנדיקע געשטאַלט פון משהן און פון די נביאים, און זיי האָבן אים באַפוילן אַריבערצוגיין צום ריכטיקן געטלעכן גלויבן — צום יידנטום.

*

דער אָוונט פאַלט צו. איך שפּאַן אַרום מחוץ, ביי די דיקע מויערן פון מאָנאַסטיר. די שטיינערנע שטעגן און אומוועגן זענען נאָך צעגליט פון דער זון. איך באַריר די פעלדזן און זאַמל צונויף שטיינשפּליטערס. זיי האָבן אין זיך עפּעס אַזאַ צוציִונגס־רייץ, וואָס פאַנגט מיך. מיר דאַכט זיך, אַז איך דערקען אין זיי סימנים פון וואַסערשטראָמען, פון געוויקסן און פון אַלט־יידישע צייכנס...

איך האָב געזען די סטעפּעס פון יענער זייט אוראַל. איך האָב געזען די וויסעטניש קאַראַ־קומאַ. איך האָב דורכגעשניטן די פלאַכן פון טעקסאַס און אַריזאָנאַ ביז ניו־מעקסיקע. איך האָב געזען די דזשונגלען פון אַפריקע און דעם בוש פון אויסטראַליע.

סיני איז איין־און־איינציק מיט איר פּראַכט, מיט איר רייץ, מיט אירע בערג, וועמענס פאַרבן עס האָט נאָך נישט אַרויסגעבראַכט קיין שום קינסט־לער. סיני איז איינע פון די נאַטור־וווּנדער, ווו מען שפּירט באַשיימפּערלעך, אַז פון דאַנען האָט זיך אַלץ אָנגעהויבן. נאָר דאָ האָט געקענט זיך באַגעגענען דער אַלמעכטיקער מיט משה — דעם באַפרייער פון פאַרשקלאַפטן פאָלק און נאָר דאָ האָט משה באַקומען די לוחות.

סיני — דער סימבאָל און די וואָרהאַפטיקייט. דאָ האָט זיך אַנטפּלעקט די גייסטיקע פּראַכט פון יידישן דת, און ווייל זי האָט זיך דאָ באַוויזן, איז דער טייל פון דער וועלט געבענטשט געוואָרן מיט אַזאַ אַטעם־פאַרכאַפּנ־דיקער שיינקייט, וואָס איז געטלעך.

שאַרם אַ־שייך

— דאָס איז ראַס נצראַני — האָט געזאָגט מיין באַגלייטער, דער גע־עלטערטער מענטש מיט די גרויע שלייפן און ברוין־אָפּגעברענט פּנים פון דער סיני־זון. ער האָט זיך פאַרטראַכט אַ ווײַלע, געקנייטשט דעם שטערן, ווי ער וואָלט מיר געוואָלט נאָך עפּעס זאָגן וואָס ער האָט גראָד פאַרגעסן, לסוף האָט ער אַ מאַך געטאָן מיט דער האַנט און לאַנג געקוקט אויף דעם קעגנאיבערדיקן אינדזל, וואָס האָט זיך געפונען פון אונדזער ברעג אַן ערך איבער אַ קילאָמעטער.

— ראַס נצראַני — האָב איך געמורמלט צו זיך אַליין. — דאָס איז עס ?

עטלעכע אויפגעריסענע בעטאָן־בונקערס מיט אַרויסשטאַרצנדיקע אייזערנע רעלסן, דעפאָרמירטע פון אויפרייס; שפּליטערס פון שטיין, פון אַספאַלטפּליטן, באָמבע־גריבער און אַ זיגזאַגישע נעץ פון קאַנאַוועס, וואָס איינע מיט דער אַנדערער זענען פאַרבונדן. אַלץ איז פאַרצוימט, פאַרפלאָנ־טערט, פאַרשפּינט ווי אין אַ שפּינגעוועבס פון שטעכיקע דראָטן.

די באַפעסטיקונגען זענען טיפּיש־מדברישע, אויפגעבויטע פּרימיטיוו, אָבער מיט אַ פּלאַן, מיט אַ גענויער קאַלקולאַציע. זיי זענען גוט קאַמופלירט, און פון דער לופטן וואָלט מען זיי נישט געקענט אַזוי לייכט דערקענען.

איך שפּרינג אַריבער איין בונקער, נאָך איינעם, גיי צווישן די קאַנאַווע־שורות און חידוש זיך: די עגיפּטישע סאָלדאַטן, וועלכע האָבן זיך דאָ איינגעגראָבן אין דעם גלײַענדיקן זאַמד פון ראַס נצראַני, האָבן נישט געהאַט קיין שום עלעמענטאַרע באַדינגונגען פון איבערהאַלטן מערער ווי

עטלעכע טעג. נישט קיין סאַניטאַרע איינריכטונגען, נישט קיין ריכטיקע שוץ קעגן באָמבאַרדירונגען און אויך נישט קיין מעגלעכקייטן זיך צו ראַטעווען אין פאַל פון אַ לופט־אַטאַקע, וואָרעם די געגנט, וואָס רופט זיך ראַס נצראַני, איז אַזוי פאַרצוימט מיט שטעכיקע דראַטן, אַז עס זאָל זיין באַשווערט פאַר די סאָלדאַטן צו אַנטלויפן און דעזערטירן.

דער גאַנצער עגיפּטישער פּעסטונגפּונקט האָט געמאַכט אויף מיר דעם איינדרוק פון אַ פאַרשיקונגס־לאַגער, ווו מען האַלט געפאַנגענע, כדי אויס־צופירן בויאַרבעטן, וועלכע זענען שוין פלאַנירט. איך האָב זיך דערמאָנט אין דעם וואָס עס האָט מיר דערציילט מיינס אַ פריינד, אַ געוועזענער פאַר־שיקטער אין סיביר. „מען האָט אונדז צוגעפירט צו אַ ברעג פון אַ טייך און געזאָגט: דאָ וועט איר לעבן. גראָבט אויס אין דער פאַרפרוירענער ערד גריבער, פאַרדעקט זיי מיט צווייגן פון קוסטעס, כדי אויסצוהאַלטן די ערשטע חדשים ביז איר וועט דערנאָך אויפבויען ריכטיקע באַראַקן“...

אין ראַס נצראַני איז נישט אויפגעקומען קיין סטאַבילער באַפעסטיק־טער שטיצפּונקט פון די עגיפּטער אויף צו פאַרשליסן דעם אילתער גאָלף. די עגיפּטער האָבן דאָס נישט באַוויזן, וואָרעם די מלחמה מיט ישראל האָט געדויערט נישט מער ווי זעקס טעג. אויפן פינפטן טאָג איז שוין דער שטח געווען אין די הענט פון צה״ל. זיי האָבן אָבער באַוויזן אויפצובויען באַפעס־טיקונגען פון בעטאָן פאַר שווערע האַרמאַטן.

וויפל זענען זיי, די האַרמאַטן־באַזעס? איך צייל אָן פיר, פינף. ווי גוט עס האָבן געצילט די ישראלדיקע אַרטילעריסטן! דריי שווערע האַרמאַטן זענען געטראָפן געוואָרן דירעקט, אין די העלדזער אַריין. זיי זענען צעבויגן, צעפּלאַצט און איין לאַנגע לופע איז פאַרוואַנדלט געוואָרן אין אַ פראַגע־צייכן.

פון בעטאָן־געשטעלן, וועלכע זענען געבליבן נישט באַשעדיקט, שרייען אַראָפּ אויפשריפטן אין עברית. איך לייען זיי און שמייכל: „רחמים“ — שטייט אויף איין געשטעל. אָ, רחמים, דו האָסט מלחמה־געהאַלטן מיט רחמים, וואָרעם נאָך דיין ערשטן גוט־געצילטן שאָס זענען די עגיפּטישע אָפיצירן נעלם געוואָרן פון די באַקוועמע באַראַקן, וועלכע זיי האָבן געהאַט, עטלעכע צענדליק קילאָמעטער פון דער באַפעסטיקטער באַזע, און זיך

מער נישט באַוויזן. דעמאָלט האָבן די אַראַבישע סאָלדאַטן אויסגעטאָן די שיך און געוואָרפן זיך אין ים אַריין, כדי אַריבערצושווימען דעם איינגוס, וואָס טיילט אָפּ דעם ברעג פון ראַס נצראַני פון אינדזל טיראַן, כדי זיך צו ראַטעווען.

נישט בלויז רחמים איז דאָ געווען און פאַרשריבן זיין נאָמען; עס איז געווען אַ יצחק, אַ גדעון און איינער וואָס האָט זיך אויך געחתמעט מיט דעם פאַמיליע־נאָמען: ראָזענפעלד... אַן אמתדיקער קיבוץ הגליות...

אַ געל־ליימיקער שטויב. זשאַווער־שטעכדראָטן. טראַנשייען, וועלכע זענען שוין האַלב פאַרשאָטן פון זאַמדן, וואָס עס טראָגט אָן דער ווינט. שטיינער, וואָס קרישלען זיך, און פעלדזן־ברוכן, אַזוי ווי גראַניט. רעשטן פון אַ טאַנק. רעדער פון אַ פאַנצער־וואָגן. אָפּפאַל וואָס עס לאָזן נאָך זיך טוריסטן... — דאָס אַלץ קען אָבער נישט פאַרצוימען דעם פרייען און וויטן בליק מײנעם פאָרויס, צו דעם דריי־עקיקן אינדזל, וואָס רופט זיך טיראַן, און וועמענס נאָמען איז נישט אַראָפּ פון די ליפּן אין יאָר 1967 פון יעדן ישראל־ייד און פון יעדן ייד אין די תפוצות.

זילבערדיק־געל, זילבערדיק־ברוין, ליימיק־גרינלעך ווי פאַרוועלקט גראָז, מיט ברעגן פאָספאָרדיק־בלאָע, שפּרייט זיך פאַר מיר דער אינדזל טיראַן. נאָר אויסצושטרעקן די האַנט און מען קען אים דערגרייכן. מען קען לייכט אַריבערשווימען דעם ים־פּאַס. ער איז דאָך אַזוי רויִק, אַזוי שטיל, אַזוי שפּיגלגדיק־לאָקנדיק. איך קוק זיך איין אין דעם אינדזל און פון דעם ערשטן בליק דערקען איך, אַז אויך דאָרטן זענען פאַראַן קאַנאָוועס פאַרצוימטע מיט אַ נעץ פון שטעכדראָטן. געגנוי, קעגנאיבער די פּאָזיציעס פון ראַס נאַצראַני. איצט באַנעם איך קלאָר, אַז דער דורכפאָר פון ישראל־דיקע שיפן וואָלט געווען אַן אוממעגלעכער, ווארעם פון ביידע זייטן וואָלטן זיי אַטאַקירט געוואָרן פון די עגיפּטישע פּאָזיציעס.

די לופט איז דאָ אַזאַ קלאָרע, אַזאַ ריינע, אַז מען זעט אויף מײלן וויט.

איך זע שאַרם־אַ־שייך. עס איז אויף דרום, לענגאויס דעם ברעג. מיר וועלן אָבער נעמען אַ מידבר־וועג, וואָס פאַרקירצט דעם שטח.

מיין באַגלייטער איז שוין אַוודאי ביי די זעכציקער. ער איז אָבער נאָך יונג לויט זיינע אויגן, לויט דעם ווי ער באַוועגט זיך גיך און לויט דעם ווי ער רעדט וועגן סיני.

„כ׳בין אַ יעקע" — האָט ער זיך מיר פאָרגעשטעלט. „טאָ ווי קומט צו אייך אַזאַ יידיש־לשון?" — האָב איך אים געפרעגט. „דאָ, אין ישראל, האָב איך זיך אויסגעלערנט אַ גאַליציאַנער יידיש". ער האָט ליב דעם מידבר. „סיני — דאָס איז אַ וווּנדער!" אַליין אַ פאָרשער פון אַלטערטימ־לעכקייטן, האָט ער מיט יאָרן צוריק אַרויסגעגעבן אַ בוך וועגן כפר נחום.

„דאָס איז געווען בעת מיר זענען געווען אָפּגעשניטן פון דעם צוגאַנג צו אילת. איצט, איז די וועלט געוואָרן אָפן פאַר אונז. חיפה איז טאַקע אַ וויכטיקער פּאָרט, וואָס פירט אונדז צו דער מערב־וועלט. ישראלס צוקונפט איז די פאַרבינדונג מיט אַזיע, אַפריקע, אינדיע. פון אילת וועלן, אַזוי ווי אַמאָל, גיין שיפן מיט שווערע לאַדונגען צום ווייטן אָריענט און צו די אַפריקאַנער פּאָרטן"..

די זון ברענט. שאַרם אַ־שייך זילבערט זיך פון דעם קאַראַוואַן־האָטעל. דער אינדזל טיראַן איז איצט באַגלאַדיקט און אין דער שטילקייט פון ים דאַכט זיך מיר, אַז טיראַן וויגט זיך צוזאַמען מיט דעם ווייטן ים־האָריזאָנט.

דער „יעקע" רעדט צו מיר אין אַ היימישן יידיש:

„שאַרם אַ־שייך איז פאַר אונדז אַ לעבנס־וויכטיקייט. דער גורל פון אילת איז אָפּהענגיק פון דעם ווער עס וועט זיך דאָ, אויף דעם אָרט, ווו מיר שטייען איצט, פאַרפעסטיקן. ישראל מוז האָבן אַ דרום־פּאָרט. אויב נישט זענען מיר אָפּגעשלאָסן פון דער וועלט צו וועלכער מיר געהערן געאָגראַפיש און אויך לויט דער היסטאָרישער אָפּשטאַמונג".

„שלמה האָט געשלאָסן אַ פריינדשאַפטס־בונד מיט דעם מלך פון דער רייכער האַנדלסשטאָט צור. פון די האַפנס עציון־גבר און אילת זענען געשווימען שיפן פון פעניצישן האַנדלספלאָט אין וועלכן עס זענען אויך געווען שיפן פון שלמה המלך. די סוחרים פון צור און די סוחרים פון ישראל פלעגן האָבן שותפותדיקע פלאָטילעס. זיי האָבן געפירט סחורות פון עטיאָפּיע, זיי זענען געשווימען מיט די ברעגעס פון רויטן ים, צו

דרום־מזרח, צו די ים־ברעג־שטעט פון אַראַביע און אינדיע. אַזאַ רייזע פלעגט דויערן דריי יאָר״...

„אַזאַ צייט וועט ווידער קומען. עס וועט דערגרייכט ווערן דער שלום און מיר וועלן ווידער אָפּגעפונען די אַלטע וואַסערוועגן פון אַמאָל״...

דער „יעקע״ קען אויסגעצייכנט די בעדויִנער פון נגב, פון סיני. ער איז באַפריינדעט מיט די שבטים־פירער און איך הער אים אָפּט רעדן אַראַביש מיט די בעדויִנער, וועלכע פירן וואַסער אויף לאַסטמאַשינען צום פליפעלד נישט ווייט פון סאַנטאַ קאַטערינאַ. פערציק יאָר אין לאַנד. שטו־דירט אין היידעלבערג און באַקומען אַ דאָקטאָראַט. געלעבט אין קיבוצים, אין מושבים. אַ צייט זיך אויפגעהאַלטן אין תל־אביב צווישן דער ליטע־ראַטור־און־קונסט־באַהעמע. אָפּגעזעסן אָוונטן גאַנצע אין „כסית״ אויף דיזענגאָף־גאַס... דאָס לעבן איז נישט אַוועק אַזוי ווי ער האָט געמיינט. עפּעס אַן אַנטוישונג, אַן אַוועקגעגאַנגענע פרוי. און ער האָט זיך אַרומ־געקוקט, דערזען אַז עס איז געוואָרן אַרום אים מדברדיק. „טאָ פאַר וואָס זאָל איך נישט אַוועק צום אמתדיקן מידבר? קיין סיני?״ דער „יעקע״ וואָס קען די אוראַלטע ישראלדיקע אַרכעאָלאָגיע, דער דייטשער ייד, וואָס זיין פאָטער שטאַמט טאַקע אָפּ פון אַ גאַליציאַניש שטעטל און איז געקומען קיין דייטשלאַנד נאָך פאַר דער ערשטער וועלט־מלחמה, האָט אַנטדעקט זיך אַליין. דאָ איז ער מיט זיך און מיט דער אוראַלטער געשיכטע פון יידישן פאָלק. ער פאַרדינט זיין טעגלעך ברויט אַדאַנק זיין אַרבעט. ער איז אַ מדריך, אַ וועגווייזער, איינער פון די, וואָס פירן נישט קיין סתם־טוריסטן, נאָר מענטשן פון „זיין פאַך״, דאָס הייסט אַרכעאָלאָגן, היסטאָריקער, אינ־זשעניערן, אַגראָנאָמען און מענטשן, וועלכע קומען מיט אַ ווילן יסודותדיק זיך צו באַקענען מיט דעם סיני.

— איך געהער דאָך נישט צו קיין איינער פון די קאַטעגאָריעס — האָב איך געזאָגט דעם „יעקע״. ער האָט זיך צעלאַכט און מיר געענטפערט:

— דער סיני דאַרף אויך אַ בעל־חלומות, אַ שרייבער, וואָס זאָל זען מיט די אויגן און מיט דעם האַרץ, און נישט בלויז מיטן שכל...

שאַרם אַ־שייך באַשטייט דערווייל פון עטלעכע קליינע הילצערנע צריפים מיט לופטקילונג, אַ גרויסע לייוונטענע האַלע אין וועלכער עס בלאָזן אַריין קיל־אַפּאַראַטן שטראָמען לופט, אַן „אגד״־סטאַציע, הילצערנע איינריכטונגען פאַר די, וואָס באָדן זיך אין ים. לינקס, אַן ערך אַ קילאָמעטער פון דעם רעסטאָראַן מיט די עטלעכע הילצערנע הייזלעך, זעען זיך אָן בלעכענע קאַראַוואַנען, אויסגעשטעלטע איינע לעבן דער אַנדערער; דאָס איז דער „האָטעל״ וואָס טראָגט טאַקע דעם נאָמען „קאַראַוואַן״. שאַרם אַ־שייך איז אַ צענטער פון אַ רונדיקן איינגוס. פון ביידע זייטן איז דער ים־ברעג הויך, פעלדזיק און דער צוגאַנג צו אים איז נישט קיין לייכטער. דאָקעגן אין צענטער איז די פּלאַזשע אַ פלאַכע און אַ גוטע פאַר די, וועלכע האָבן ליב דעם ים. די וואַסערן זענען דאָ קלאָרע, דורכזיכטיקע, מילדע און וואַרעמע. דער ברעג איז באַדעקט מיט קאָליריקע שטיינדלעך, געשליפענע פון די ים־וואַסערן. אַ ווונדערלעכע מאָזאַיק פון שטיינדלעך און פון קאָראַל־שפּליטערס, וואָס מען קען זעלטן־ווו טרעפן ביי אַ ים־ברעג. דער דנאָ פון ים איז רייך אין אַלערליי געוויקסן און אָרום ווימלען כמאַרעס קליינע פישלעך. אָפּגעברוינטע יונגע מענטשן שפּילן אין באַל. עטלעכע פרויען באָדן זיך. עס איז שטיל, שלווהדיק און אין דער שטילקייט הער איך דאָס קול פון הילכער: „איבראַים על קוסאַני לגשת למשרד״... דערנאָך חזרט די זעלביקע שטים איבער דאָס אין אַראַביש. ווייזט אויס, אַז בעדויִנער זענען דאָ באַשעפטיקט. און נישט בלויז בעדויִנער; אָט שפּאַנט אַ הויכער, שלאַנקער נעגער. עס לויפט אים אַנטקעגן נאָך איינער מיט אַ טונקל־ברוין־שוואַרץ פּנים. דאָס זענען חאַבאַשער, זאָגט מיר מיין פריינד דער „יעקע״. ער איז שוין גרייט מיר צו דערציילן וועגן חאַבאַש, וועגן די שוואַרצע יידן, די פאַלאַשן און דאָ ברענט די זון און דער גומען טרוקנט.

— עס פאַרנעמט זיך אויף אַ חמימה — זאָג איך. ער איז נישט צו־פרידן פון דעם וואָס איך וויל אים נישט אויסהערן ביזן סוף.

איך בין געקומען אָהער זען, קוקן מיט אָפענע אויגן און אָפּפילן עפּעס פון דער סיני־אַטמאָספער. איך וויל זען די מידבר־לאַנדשאַפט. די שפּיל פון ליכט אויף די בערג און אויף די פעלדזן און דעם בלאָ פון דעם ים מיטן גרין־פאַספאַרדיקן ליכט פון די ברעגן.

פאַר נאַכט זיץ איך אין דעם „רעסטאָראַן", וואָס באַשטייט פון אַ ריזיקן לייוונטענעם האָל. איבער אונדז וועלבט זיך און בלאָזט זיך דער קופּאָל פון לייוונט, וואָרעם די מאַטאָרן אַרבעטן אַזוי שטאַרק אַז זיי מאַכן שווער דאָס געשפּרעך און שיסן אויס סאַלוועס לופט, וואָס פּאָמפּט אָן אַן איבעררייס דעם לייוונטענעם חלל. ווייזט אויס, אַז דאָס איז אַן „אַנטדעקונג" פון די ענגלענדער, וועלכע האָבן געפירט זייערע אַרמייען דורך מידבריות.

לעבן מיר, ביים זעלביקן טישל, זיצט אַן אַמעריקאַנער אַדוואָקאַט פון לאָס־אַנדזשעלעס. ער איז יונג, דערפאָלגרייך אין זיינע געשעפטן און אויך אין דער פּאָליטיק.

וואָס האָט אים באַוויגן צו קומען קיין שאַרם אַ־שייך? נייגער? סתּם אַ טוריסטישער צופאַל? אָדער, אַ ספּעציעלער אינטערעס צו באַקענען זיך מיט ישראל און אירע פּראָבלעמען?

מיסטער ראָט איז אַ ייד, פאַרשטייט זיך. ער איז אַהערגעקומען אין שליחות פון אַ באַקאַנטן אַמעריקאַנער סענאַטאָר, וועמענס געשעפטן ער פירט.

„איך בין געקומען אויף זיין אָרט, ווייל ער האָט נישט קיין צייט. דער סענאַטאָר וויל וויסן פּרטים און אויף מיר קען ער זיך פאַרלאָזן. עס איז גענוי אַזוי ווי ער וואָלט אַליין געווען... שאַרם אַ־שייך, טיראַן, גאָלף אָף אילת — דאָס אינטערעסירט אים... איך וועל אים ברענגען גענויע רעלאַצ־יעס. עס וועט הייסן, אַז דער סענאַטאָר אַליין איז געווען... אייגנטלעך איז ער טאַקע איצט אין ישראל, ער געפינט זיך אין שרון־האָטעל... עס גייט צו וואַלן אין אַמעריקע און לאָס אַנדזשעלעס האָט פיל יידן. דער סענאַטאָר איז אַן אמתדיקער גוי, אָבער יידישע שטימען דאַרף ער. די יידן פון לאָס אַנדזשעלעס גייען אויס נאָך גויים, וואָס פאָרן קיין ישראל און דערציילן דערנאָך נסים פון יידישן לאַנד. הונדערט יידן וועלן נישט אויפטאָן פאַר ישראל וואָס איין גוי, דערצו נאָך אַ סענאַטאָר"...

דער מיסטער ראָט שמייכל און אין דעם שמייכל איז אַזוי בולט די פּראָפעסיאָנעלע איראָניע פון אַן אַדוואָקאַט. ער בייזערט זיך אויף דעם קעלנער, דעם בעדויִנישן יונגן בחור, וואָס מוז אין דער היץ נעבעך טראָגן אַ שוואַרצן קעלנער־רעקל מיט אַ ווייס העמד און אַ קליין שוואַרץ שניפּסל.

זיין טונקל־ברוין פנים גייט אָפּ אין אַנגסטן און מיסטער ראָט האָט טענות הלמאי דאָס ביר איז נישט קאַלט... הלמאי עס איז דאָ אַזוי הייס... אויך דער געבייזער איז אַ געמאַכטער, סתם־אַזוי, אויף קוראַזש. דער אמת איז, אַז דעם לאַיער ראָט פון לאָס אַנדזשעלעס איז לאַנגווייליק, און נישט געקוקט וואָס ער האָט קוים אַריבערגעשפּאַנט די פופציק יאָר, נייטיקט ער זיך אין דעם לעדערנעם פאָטעל מיטן ציגאַר אין געראַמען אַדוואָקאַטן־אָפּיס זייַנעם.

דער מיסטער ראָט האָט סוף־סוף גובר געווען זיין מידקייט, וואָרעם דער נייגער האָט גענומען די אויבערהאַנט און געוואָלט זיך דערוויסן, אויב איך בין געקומען אויך „פּראָפעסיאָנעל" קיין שאָרם אַ־שייך און אַז ער האָט זיך דערוווּסט, אַז איך בין אַ שרייבער, האָט ער אַוועקגעלייגט דעם ציגאַר און מיך באַטראַכט אַזוי ווי ער וואָלט מיך ערשט איצט ריכטיק דערזען.

עס האָט זיך אַרויסגעוויזן, אַז אונטער דער אויבן־אויפיקער אַדוואָקאַ־טישער פּראַקטישקייט און ניכטערקייט פון דעם אַמעריקאַנער ייד באַהאַלט זיך אַ מענטש פון וויסן, פון שכל, פון צוגעבונדנקייט צו יידישקייט און פון יידישער מחשבה.

ווען די נאַכט איז צוגעפאַלן, זענען מיר אַוועק שפּאַצירן לענגויס דעם ברעג. מיר האָבן גערעדט וועגן די אַמעריקאַנער יידיש־ענגלישע שרייבער, וועגן די ליידן פון יידן בעת דער צווייטער וועלט־מלחמה. ער האָט געקענט די לאַגערן פון „אונרא" אין דייטשלאַנד און דאָרט געטראָפן די שארית הפליטה. ער איז דעמאָלט געווען אַ יונגער אָפיציר אין דער אַמעריקאַנער אַרמיי.

און אַז מיר האָבן שוין געוווּסט פּרטים פון יעדנס לעבן, האָבן מיר געשוויגן און צוגעהערט זיך צו דעם שטילן געפּליסטער פון די וואַסערן ביים ברעג. מיר האָבן געקוקט אויף דעם אינזל טיראַן.

איך האָב זיך נישט געפילט דאָ ווי אין דער סאָמער ווייטסטער און אָפּגעזונדערטסטער טייל פון ישראל. איך האָב געוווּסט אַז אַרום וואַכן ישראלדיקע מיליטער־פּאָסטנס. מען האָט זיי געקענט דערקענען מיט אַ

גאָר געניט אויג, לויט די פּייערלעך, וואָס האָבן זיך אומגעריכט אָנגעצונדן און אויסגעלאָשן.

— אונדזערע באַוואַכן אונדז — האָב איך געזאָגט, אַזוי ווי צו זיך.

פון דאַנען ביז אילת איז 240 קילאָמעטער מיטן שאָסייוועג, וואָס איז געפּלאַסטערט געוואָרן מיט אַ צייט צוריק. עס זענען שוין ביי דעם וועג אויפגעקומען די ערשטע יידישע ישובים, קאָלעקטיווע ווירטשאַפטן, וועלכע אַנטוויקלען זיך. נאָך ראָס נצראַני איז אויפגעקומען דער פונקט נאַבק, צפונדיק פון אים — מעבר שרירה, דהב, נויאבה, ווו עס איז פאַראַן אַ וואַסערקוואַל און פון נויאבה איז בלויז 75 קילאָמעטער קיין אילת.

שאַרם אַ־שייך האָט אַ „הינטערלאַנד" פון די ערשטע יידישע ישובים, וואָס זייערע לאַנדווירטשאַפטלעכע פּירות ווערן שוין אַרויסגעפירט אויפן מאַרק פון ישראל.

דאָס דרום־טויער פון ישראל איז אָפן צו די אַפריקאַנער לענדער און צום ווייטן אָריענט.

דער נייער דור

תמיד ווען עס איז מיר אויסגעקומען פאַרבייצופאָרן די אויטאָבוסן־סטאַציעס ביי די שאָסייען, די וועגקרייצונגען האָב איך זיך גוט איינגע־קוקט אין די חיילים, וועלכע האָבן געוואַרט אויף אַ מאַשין, וואָס זאָל זיי אויפנעמען און אַוועקפירן אין זייער יחידה אַריין, אָדער אַ היים, אויף אַ קורצן חופש.

די גרענעץ צווישן חייל און נישט־חייל איז אין ישראל ווי פאַרווישט. די גרויע כאַקי־קליידער, די פנימער פריש פון מדבר־זון, דער ערנסט און זאָרג, דער קליינער טראַנזיסטאָר, דאָס טאַשנבוך, די צייטונג, דאָס זעל־נערישע רענצל אויף איין אַקסל; דאָס אַלץ קען אויך זיין כאַראַקטעריסטיש פאַר אַ יונגן אַרבעטער פון אַ פאַבריק,פאַר אַ קיבוצניק, פאַר איינעם וואָס קליידט זיך לויט „דער לעצטער אייראָפּעישער מאָדע" — אין געגוצטע מיליטערישע בלוזעס, אָדער פאַר יונגטלעכע סטודענטן, וועלכע גרייטן זיך אויף אַן אויספלוג אין נגב.

ביי די ראַנדן פון שאָסייען און וועגן וואַרטן זיי געדולדיק און אין די פרייטיק־פאַרנאַכטן אומגעדולדיק, וואַרעם זיי ווילן אָנקומען צו דער צייט, חס ושלום נישט פאַרשפּעטיקן, ווייל עס וואַרט דער קצין פון דער יחידה, אָדער עס וואַרט אומרויִק די מאַמע און קוקט זיך אויס די אויגן, אַז דער זון זאָל זיך באַווייזן, וואַרעם ער ברענגט מיט זיך רו, פרייד און האָפענונג, אַז אַלץ איז אַדורך בשלום; אי דאָרט אין די זאַמדן ווו אַרום לויערן פאַרטייעט טויזנט און איין געפאַרן און אי אויף די וועגן, בעת מען איילט

זיך און מען טרייבט די מאַשינען מיט אַ ווילדער גיכקייט. וואָס אַלץ אַ מאַמע, וועלכע וואַרט אויף איר זון און קוקט דורך דעם פענצטער און הערט זיך איין אין די גוט־באַקאַנטע טריט פון איר קינד אויף די שטיגן, וואָס אַלץ זי קען טראַכטן בעת דער זון איז נישטאָ צו דער צייט ?...

איך קען נישט די יוגנט פון אַכצן־צוואַנציק יאָר. איך קען אָבער זייער גבורה, איך האָב געלייענט בריוו פון געפאַלענע בעת דער מלחמה פון זעקס טעג. איך האָב געלייענט זייערע טאָגביכער. און דאָך קען איך נישט די קינדער אונדזערע. די וואָס שרייבן טאָגביכער זענען יחידים. עס איז נישט די מאַסע, די וועלכע שטעלט מיט זיך פאָר דעם נאָכקומענדיקן דור אונדזערן.

✶

איך האָב זיי געזוכט בעת מיין באַזוך אין ישראל און געוואָלט נישט נאָר אַריינקוקן אין די אויגן אַריין, פאַרבייפאַרנדיק די שאָסייען און וועגן בעת זיי האָבן געוואַרט אויף „טרעמפּן", אָדער בעת איך האָב עטלעכע מאָל געבעטן, אַז מען זאָל זיך פאַרהאַלטן און אויפנעמען איינעם פון די חיילים, געפּרוּווט פאַרפירן מיט אים אַ שמועס. עס איז מיר שווער אָנגעקומען צו געפינען מיט אים אַ קשר. ער האָט מיך באַטראַכט מיט קלוגע אויגן ווי איינער וואָס זאָגט: נו, וועסט באַלד אָנהייבן שטעלן פראַגן, נודנע און באַנאַלע, וואָס איך קען זיי שוין פון פריער אויס, און וואָס עס שטעלן אַלע וועלכע קומען אין לאַנד אַריין און זיי טרעפן זיך פּנים אל פּנים מיט אַ יונגן חייל.

האָב איך געשוויגן און געוואַרט, אַז ער זאָל מיך פרעגן. זיי האָבן אָבער זעלטן געפרעגט. דעמאָלט האָב איך אַ זייטיקן בליק געטאָן אויף זיין רוקזעקל און אָנגעוויזן אויפן אַרויסשטאַרנדיקן ביכל: „וואָס לייענט איר?" „זה של עמוס עוז". און עס איז אַוועק אַ שמועס. דער חייל איז געוועזן איבערראַשט צו הערן, אַז איך האָב געלייענט דאָס בוך פון עמוס עוז „מיכאל שלי". ער איז תיכף געוואָרן היימישער מיט מיר. עס האָט זיך פאַנאַנדערגעוויקלט אַ שמועס און מיט אַ מאָל; סטאָפּ! דאָ גיי איך אַראָפּ! שלום! תודה, אדוני!

דאָס איז נישט געווען ס'ערשטע מאָל ווי איך האָב געהערט פון אַ חייל וועגן עמוס עוז. איך בין געזעסן אין אַ שטוב אין בת־ים און געפירט אַ שמועס וועגן דער ישראלדיקער יוגנט, וועגן דעם דור, וועלכער טראָגט אויס אַלע לאַסטן און מיר פאַרשטייען אים נישט תמיד. מיר האָבן אים ליב, אָבער מיר זענען אין דער ליבשאַפט ענגהאַרציק, וואָרעם מיר טראַכטן נישט איבערצוגעבן אונדזער יוגנט אויך די לאַסט און אחריות צו פאָרמירן אונדזער היינט, מאַכן זיי פאַר פולע מיטשותפים, פאַריונגערן אונדזערע פּאָליטיש־אָנפירנדיקע קאַדרן מיט יונגע מענטשן און נישט מיט גרויע קעפּ פון מענטשן, וועלכע זענען שוין לאַנג, לאַנג אַריבער דעם גבול פון יונגשאַפט.

בעת דעם שמועס האָט אַ יונגע סטודענטין, וועלכע האָט מיט אַ האַלב יאָר צוריק פאַרענדיקט איר דינסט אין צבא, אָנגערופן דעם נאָמען: עמוס עוז. אויך דער ברודער אירער, אַ סטודענט, האָט גערעדט וועגן עוזן נישט נאָר ווי וועגן אַ שרייבער, נאָר וועגן איינעם פון די יונגע העברעיִשע שרייבער, וועלכע האָבן אַ השפּעה אויף אַ גרויסן טייל פון דער יוגנט.

איך האָב אין זעלביקן פאַרנאַכט טעלעפאָנירט אין קיבוץ אַריין און געבעטן אָנזאָגן עמוס עוז, אַז איך געפין זיך אין ישראל און כ'וואָלט אים געוואָלט זען. ווייזט זיך אַרויס, אַז עמוס איז נישט אין זיין קיבוץ חולדה, ווייל עס איז יום־טוב, נאָר אין חופש, ערגעץ אין אַ שכנותדיקן מושב. מיט אַ שעה שפּעטער האָט מיר עמוס עוז צוריקגעטעלעפאָנירט. ער האָט מיך פאַרבעטן צו זיך. און היות איך האָב גראָד נישט געקענט מאַכן די נסיעה, האָט ער מיר געלאָזט וויסן, אַז מאָרגן פאַר נאַכט קומט ער צו מיר.

*

די ערשטע באַגעגעניש מיינע מיט עמוס עוז איז פאָרגעקומען אין פּאַריז, ביי מיר אין שטוב. פאַר דעם, מיט חדשים פריער, האָב איך געליינט זיין נייעם ראָמאַן „מיכאל שלי". עס זענען דאָרט בולט געווען פיל ביאָגראַפישע שטריכן פון מחבר. זיי האָבן פאַר מיר אונטערגעשטראָכן די פולשטענדיקע וואָרהאַפטיקייט פון דעם ווערק. עס איז נישט אַזוי די וואָרהאַפטיקייט פון די פּאַסירונגען, פון די סיטואַציעס און פון די געשטאַל־

טן פון בוך, אויב מיט זיי האָט טאַקע פּאַסירט אַזוי ווי עמוס עוז באַשרייבט דאָס; עס איז דער עיקר בולט געוואָרן די קינסטלערישע אמתדיקייט און דער אַלגעמיינער אמת פון דער היינטצייטיקער סטודענטישער און נישט־סטודענטישער יוגנט פון ישראל. איך בין פּאַראינטריגירט געוואָרן מיט דער פּרטימדיקער דעסקריפּטיווער שילדערונג פון טעגלעכן לעבן פון צוויי יונגע מענטשן, וועלכע הייבן אָן צו שטעלן זייערע ערשטע טריט אין דער מיטלשול און דערנאָך אין אוניווערסיטעט, און פון אוניווערסיטעט פירט דער וועג פון דעם הויפּטהעלד צו פאָרשונגען, צו באַקומען דעם דאָקטאָראַט און פּאַראַלעל מיט דעם אַנטוויקלט זיך און וואַקסט אָן בהדרגהדיק די דראַמע.

מען ווייסט נישט פאַר וואָס, אויך די העלדין באַנעמט דאָס נישט ווי אַזוי עס איז אויפגעקומען דער ערשטער שפּאַלט, דער ריס אין דער נאָענט־קייט פון דעם פּאָרל. זי אַליין באַנעמט נישט איר גלייכגילט צו איר מיכאַל, און זוכט עס בייצוקומען און קען נישט. איז עס דאָס וואָס זי איז געבליבן הינטערשטעליק נאָך איר מאַן אין די לימודים און זי האָט צו גאָרנישט דערגרייכט? איז דאָס דער טעגלעכער עול פון לעבן מיט וועלכן זי קען נישט שלום מאַכן, וואָרעם זי וויל עפּעס מער ווי דאָס טעגלעכע? איז דאָס דערפאַר ווייל איר מיכאַלס ליידנשאַפט איז די וויסנשאַפט, איז דער ווילן צו דערגרייכן זיין דיפּלאָם און מחדש־זיין עפּעס, וואָס זאָל אים אַרויסהייבן פון דער סביבה און ער איז אַזוי געפאַנגען דערפון, אַז עס סטייעט אים שוין מער נישט קיין ליידנשאַפט פאַר זיין ליבשאַפט צו איר און ער לאָזט זי אַליין, כאָטש זיי לעבן צוזאַמען אונטער איין דאַך?

דער דאָזיקער געראַנגל פון צוויי מענטשן שפּילט זיך אָפּ אויסערלעך שטיל אָבער אָנגעלאָדן מיט דראַמע. ער איז כמעט אומזעעוודיק פאַר אַ זייטיק אויג. עס איז פאַר די שכנים און באַקאַנטע אַלץ גלאַטיק. עס איז אַן אידעאַל פּאָרל. ער איז אַ מוסטערהאַפטער מאַן. אָבער דער אָנקומענדיקער שטורעם אין זייער היים רייסט זיך שוין אַריין דורך טירן און פענצטער.

איז דאָס נישט קיין טעמע, וועלכע איז באַקאַנט אין דער אַלטער און נייער ליטעראַטור פון אייראָפּע? יאָ און ניין. די גאַנצע וועלט־ליטעראַטור האָט פּאַקטיש עטלעכע טעמעס אין טויזנטער און טויזנטער קליינע וואַר־

יאַנטן. אָבער עמוס עוז האָט געגעבן נישט בלויז דעם סיפּור המעשה, נאָר אויך די אַטמאָספער און די שילדערונג פון דעם טעגלעכן לעבן אין ישראל. עס איז אַ פּרטימדיקע, פּסיכאָלאָגיש־אַנאַליטישע פּראָזע וועלכע איז אָן אָנשטעל און אָן דער שיינשרייבערישער, אויסגעזוכטער פאָרעם. עס דאַכט זיך, אַז נישט מיט אַ פּען האָט עמוס עוז געשריבן דאָס בוך נאָר ער האָט עס דערציילט מיט דער שפּראַך פון דעם הויפּטהעלד אַליין, וועלכער מוז זיך אַראָפּריידן פון הארצן, כדי אַזוי אַרום צו באַפרייען זיך פון ליידן. עס איז איין גרויסער מאָנאָלאָג, וואָרעם עס איז געשריבן אין דער ערשטער פּערזאָן, פון דער פּרוי פון יונגן פאָרשער און וואָס דערוואַרט נישט בלויז די אייגענע באַפרייונג, נאָר אַ וועג דורך דער נאַכט צום אָנקומענדיקן ליכט פון דעם נייעם טאָג.

אַדאַנק דעם ראָמאַן פון עמוס עוז האָב איך געהאַט אַ מעגלעכקייט צו דערזען די סטודענטישע יוגנט פון ישראל, באַקענען זיך מיט די פּראָפע־סאָרן, מיט די געסלעך פון ירושלים און זען דאָס איצטיקע לעבן פון אינעווייניק, זען זייערע היימען און זיי באַנעמען. און נאָך אָן אייגנשאַפט האָט עמוס עוז: די געשטאַלטן האָבן שורשים, כאָטש זיי דאַכט זיך, אַז זיי האָבן גאָרנישט איבערגענומען פון זייערע עלטערן, זענען אָבער די וואָרצלען פון שטאַם גאָר שטאַרקע. אַ דאַנק דעם קענען מיר אויך האָבן אַן אַריינבליק אין דעם עלטערן דור, די מענטשן פון דער צווייטער און דריטער עליה, וועלכע זענען געצייכנט מיט עטלעכע שטריכן בלויז, אָבער זיי זענען פולשטענדיק כאַראַקטעריסטישע, כדי צו באַנעמען די באַציונג פון דער יוגנט צו יענעם דור שאַסייען־פּלאַסטערער, זומפּן־טריקענער, בויער פון קיבוצים, הסתדרות־פּקידים און אייגנטימער פון קליינע געוועל־בלעך פון שרייבגעצייג אָדער פון ספרים. איז עס אַ פּרוסט־נוסח? ניין, מען קען נישט פאַרגלייכן. עס איז אַ וויכטיקע דערגרייכונג אין דער נייער עברית־ליטעראַטור, וואָרעם עס איז אמתדיק, וואָרעם עס האָט די גרויסע אייגנשאַפט פון אַלע גוטע ווערק; עס איז דאָס לעבן אַליין און אפשר מער ווי דאָס לעבן — דאָס האַרץ און די נשמה און אויך דאָס אַנענדיקע און נישט־אַנענדיקע און די שטילע מחשבות פון די געשטאַלטן.

דאָס אַלץ דערגרייכט עמוס עוז מיט פּשוטע מיטלען און די פּשטות צאָלט זיך גוט אָפּ. זי האָט אים געבראַכט צענדליקער טויזנטער לייענער אין ישראל. עס איז נאָר־וואָס דערשינען די פינפטע אויפלאַגע. איבער 40 טויזנט ביכער זענען פאַרקויפט געוואָרן.

„מיכאַל שלי" איז געוואָרן אַ בעסטסעלער. איך האָב דאָס בוך געלייענט פריער נאָך ווי עס האָט געהאַט הצלחה אויפן ביכערמאַרק און בין באַאיינדרוקט געוואָרן נישט נאָר פון בוך נאָר בעיקר פון מחבר. ... האָב זיך געזאָגט: אָט איז דער ערשטער אויטענטישער פּראָזע־שרייבער צווישן דעם יונגן דור עברית־סופרים אין ישראל.

✶

אין פּאַריז האָבן מיר זיך באַפריינדעט. איך האָב געהאַט פאַר זיך מערער ווי אַן עברית־שרייבער. איך האָב געהאַט פאַר זיך אַ פאָרשטייער פון דער היינטיקער ישראל־יוגנט, זייערס אַ וואָרטזאָגער און אַ מענטש, וועלכער טראַכט נישט נאָר אין די ראַמען פון זיין פאַראינטערעסירונגס־קרייז — ליטעראַטור, נאָר וואָס זעט ישראל אין איר געאָ־פּאָליטישן און גייסטיקן פאַרנעם. יידן און אַראַבער, ציוניזם און דאָס וועלט־יידנטום; די פאַרנומענע שטחים, די גרענעצן פון לאַנד, די באַציונג צו דעם, וואָס קומט פאָר אין די אַראַבישע לענדער, דאָס גייסטיקע פּנים פון ישראל און די ישראלדיקע יוגנט.

נישט מיט אַלעם האָט מען געקענט מסכים זיין וואָס עמוס עוז האָט געזאָגט. זיינע מיינונגען האָבן אַרויסגערופן פּאָלעמיקעס אין דער גאַנצער ישראלדיקער פּרעסע. מען האָט געהאַט טענות צו אים און מען האָט אים געלויבט. מען האָט אים באַקעמפט פאַר געוויסע פּראָיעקטן ווי אַזוי צו דערגרייכן אַ שלום מיט די אַראַבער. מען האָט אָבער אָפּגעשאַצט זיין פּערזענלעכקייט.

עמוס עוז איז דערשינען נישט בלויז ווי אַ שרייבער, נאָר ווי אַ טיף־פאַרטראַכטער יונגער ישראלדיקער אינטעלעקטואַל, וועלכער טראָגט אַן עול און זוכט וועגן צו ווירקן און באַווירקן.

דאָס איז מיר געווען נאָענט אייגן, וואָרעם עס זענען אויפגעגאַנגען אין מיר יענע יוגנט־יאָרן מיינע אין פּלאָנסק און אין וואַרשע, ווען איך האָב זיך געטראָגן פון איין פאַרזאַמלונג צו דער אַנדערער, פון איין יוגנט־קרייז צום אַנדערן און בין אַרויסגעטרעטן אויף מאַסן־פאַרזאַמלונגען און מיטינגען, און ערשט אין די שטילע נעכט האָב איך געשריבן מיינע לירישע לידער און דערציילונגען.

איך קען נישט פאַרגעסן די רגע בעת עמוס עוז האָט גענומען מיינס אַ בוך אין יידיש, וואָס איז נאָר וואָס געהאַט דערשינען און עס געבלעטערט, געפּרווּט לייענען און געזאָגט אין עברית: „איך וועל מיין פאָטער קיין מאָל נישט שענקען הלמאי ער האָט נישט געהאַט קיין גוט וואָרט פאַר יידיש, הלמאי ער האָט פיינט געהאַט יידיש. איך באַדויער דאָס אַזוי. פאַרגיב מיר, מענדל, הלמאי איך קען נישט לייענען יידיש. ווי אַזוי קען מען זיין אַ פולער ייד אויב מען קען נישט יידיש?"

עמוס עוז האָט דאָס געזאָגט און איך האָט געפילט אַז ער האָט פייכטע אויגן און אַז ער לעבט עפּעס שטאַרק איבער און אַז די דערמאָנונג פון דער היים איז אים גאָר פיינלעך, באַזונדערס די פיינטשאַפט פון זיין פאָטער צו יידיש און צו אַלעם, וואָס פאַרבונדן מיט גלות און מיט יידיש.

*

אפשר איז דאָס געווען די סיבה הלמאי איך האָב אים נישט געוואָלט ווי טאָן און דערציילן מיינס אַ צונויפטרעף מיט זיין פאָטער אין ירושלים, מיט אַ צוואַנציק יאָר צוריק?

עס איז געווען אַזוי: איך בין געקומען אין אַרכיוו פון דער ציוניס־טישער אָרגאַניזאַציע, כדי צו זוכן אַ בריוו אין יידיש. איך געדענק שוין נישט וועמענס בריוו. אפשר פון ביאַליקן? אפשר פון סאָקאָלאָוון? דער אָנפירער פון אַרכיוו איז געווען יהודה אריה קלויזנער, דער פאָטער פון עמוס עוז. ער האָט מיר נישט געענטפערט אויף יידיש, נאָר אויף עברית. ער האָט געוואָלט רעדן מיט מיר רוסיש, האָב איך נישט געוואָלט. איך האָב זיך געחידושט הלמאי ער האָט מיט אַזאַ אומווילן זיך באַצויגן אַז מען זאָל

פאַרעפנטלעכן דעם „מכתב אידישאי״ אין אָריגינאַל און אים בעסער לאָזן איבערזעצן אין עברית. דער סוף איז געווען, אַז ער האָט בכלל נישט געוואָלט לאָזן אַפילו מאַכן אַ קאָפּיע פון בריוו. דאָך האָב איך מיינס דער־גרייכט מיט שוועריקייטן. איך האָב אָבער ביז היינט צו טאָג נישט געקענט פאַרגעסן דעם אַרכיוו־פאַרוואַלטער, וועלכער האָט געמאַכט שוועריקייטן ביים פאַרעפנטלעכן אַ בריוו פון אַ ציוניסטישן מנהיג אין יידיש. עס האָט מיר דעמאָלט וויי געטאָן. אָבער מיין פולע סאַטיספאַקציע האָב איך באַקומען מיט צוואַנציק יאָר שפּעטער פון זיין זון, עמוס. איך האָב זיך געפרייט וואָס עמוס שאַצט אָפּ יידיש און די באַדייטונג פון דער ליטעראַטור אויף יידיש. „איך וועל נאָך קענען יידיש. איך פאַרשטיי אַ ביסל. עס וועט קומען די צייט ווען איך וועל די שפּראַך לערנען״.

אָט זענען עטלעכע ביאָגראַפישע פּרטים פון עמוס עוז; געבוירן אין יאָר 1929 אין ירושלים. סיי דער פאָטער און סיי די מוטער שטאַמען פון אוקראַינע. דערצויגן געוואָרן אין דער קבוצה חולדה. פון יאָר 1957 איז ער אַ מיטגליד אין קיבוץ. געענדיקט דעם אוניווערסיטעט אין ירושלים און פאַרנעמט זיך מיט לערעריי. אין יאָר 1962 האָבן זיך באַוויזן זיינע ערשטע קורצע דערציילונגען אין „דבר״, אין „קשת״, אין „אמות״, אין „מאזנים״. ער שרייבט פיל פּובליציסטישע אַרטיקלען אויף אַקטועלע טעמעס. אַרויסגעגעבן עטלעכע ביכער; „ארצות־התן״ און אַ ראָמאַן „מקום אחר״. מיט צוויי יאָר צוריק איז דערשינען נאָך אַ ראָמאַן „מיכאל שלי״. און איצט איז אַרויס אַ נייע זאַמלונג פון זיינע דערציילונגען.

✶

בעת ער איז געקומען אין זיינע קיבוצישע מלבושים, אין אָוונט, קיין בת ים, ווו איך האָבן זיך אויפגעהאַלטן בעת מיין באַזוך אין ישראל, האָבן מיר זיך אַרומגענומען ווי אייגענע, ווי נאָענטע, ווי עס וואָלטן זיך באַגעגנט צוויי ברידער, אַ יונגערער מיט אַן עלטערן ברודער.

די עטלעכע יוגנטלעכע, וועלכע האָבן בייגעווווינט די באַגעגעניש, סאַברעס, יונגע חיילים, האָבן נישט אַראָפּגענומען זייערע בליקן פון עמוסן.

יאָ, מען האָט אים ליב אין לאַנד. מען האָט ליב זיין „מיכאל שלי״. יעדער געפינט דאָרט אָפּ עפּעס פון זיך אַליין. און עמוס אַליין איז אַ טייל פון אַלעמען, פון דער יוגנט, וואָס וואַכט אין די טראַנשייען אין נגב, וואָס פירט דעם אַקער אויף פעלדער, אָפּט מאָל מינירטע, וואָס לערנט זיך אין די אוניווערסיטעטן, פון די חיילים וואָס שטייען געדולדיקע ביי די ראַנדן פון די שאָסייען און וואַרטן אויף אַ „טרעמפּ״ און די, וועלכע זוכן אַ באַשייד פאַר די שווערע טאָגפּראָבלעמען פון אונדזער לעבן.

מיר האָבן גערעדט ביז שפּעט אין דער נאַכט אַריין. עס האָט זיך אָנגעהויבן אויפוויקלען די מגילה פון אונדזערע טעג און נעכט. ווידער אַ מאָל האָב איך געפילט דעם ברייטן, אַרומנעמענדיקן, פּאַרטיפטן בליק פון דעם יונגן ישראלדיקער שרייבער, וועלכער זעט נישט בלויז די נויטן פון דער שעה און זיין האָריזאָנט גרייכט נאָר ביז דער אַנטשטייונג פון דער מדינה, און אַלדאָס איבעריקע איז גאָרנישט שבגאָרנישט. ניין! עמוס עוז זעט ווייט און טיף! ער גייט צוריק צו יענער וווּנדערלעכער תקופה, ווען עס האָט אָנגעהויבן אויפקומען דער נאַציאָנאַלער רענעסאַנס פון יידישן פאָלק אין מזרח־אייראָפּע און איינע פון די עיקר־פאַרדינסטן פאַר דעם רענעסאַנס האָט דאָס יידישע לשון. די יידישע ליטעראַטור — דאָס איז דאָס גרויסע נאַציאָנאַלע פאַרמעגן פון אונדזער פאָלק.

איך בין געוואָרן גלויביקער, זיכערער, באַרויִקטער פאַרן גורל פון יידיש אין ישראל בעת איך האָב געהערט די רייד פון עמוס עוז.

איך האָב געהאַט דאָס געפיל און די איבערצייגונג, אַז דאָס רעדט און טראַכט אַזוי, נישט בלויז דער באַדייטנדיקסטער יונגער העברעיִשער שרייבער פון ישראל, נאָר אַז אַזוי טראַכט דער נייער דור פון ישראל.

דער ריח פון בליענדיקע פּרדסים

דער ריח פון בליענדיקע פּרדסים אין חודש ניסן דערגרייכט ביז די ראַנדן פון תּל־אביב. ער מישט זיך אויס מיט דעם קילן ים־אָטעם און מיט דעם שאַרפן אַראָמאַט פון די באַרגפלאַנצן, וועלכן עס טראָגן אַן די פאַרנאַכטיקע ווינטן פון הרי יהודה. איך האָב מיטן בליק געזוכט דעם פּרדס. ער דאַרף דאָ נאָענט בליען, אויב זיין ריח איז אַזאַ פאַרוויגנדיקער. איך האָב געזען נייע פאַבריקס־געביידעס, בעטאָן־ווענט, צעמענט־בלאָקן, ציגל, רערן און שטויביקע שאָסייוועגן. ערגעץ־ווו האָבן געסטערטשעט עטלעכע האַלב־פאַרטריקנטע מאַראַנצן־ביימער און געבליט האָט בלויז איין צווייגל. דאָ האָבן זיך אַמאָל געשפּרייט פּרדסים. מיר האָט זיך געדאַכט, אַז אין חודש ניסן דערוואַכט דער ריח פון פאַרשוונדענעם פּרדס און די אָוונטיקע ווינטן דערציילן מעשׂות וועגן דעם אַמאָל. און דער אַמאָל איז דאָך געווען בסך־הכל מיט אַ דרייסיק יאָר צוריק.

פון גבעתיים, פון די שכונות אַרום רמת־גן ביז תּל־אביב, פון תּל־אביב ביז בת־ים, ביז חולון, אַריינגענומען ווי אין אַ קרייז יפו און גבעת־עליה, שפּרייט זיך איצט איין גרויסע שטאָט. מען האָט אַמאָל געוואָלט תּל־אביב פאַרוואַנדלען אין אַ גאַרטנשטאָט מיט נידעריקע איינשטאָקיקע הייזער, יעדעס הויז אָפּגערוקט פון אַנדערן אויף עטלעכע מעטער, מיט אַ גערטנדל פאָרנט און אַ גאָרטן הינטן, איינגעטונקען אין גרינס, אין ביימער. וויזיע האָט זיך געפּאָרט מיט ראָמאַנטיזם און מיט דעם תּנ״כישן חלום פון זיצן אונטער דעם אייגענעם ווייַנשטאָק. זאָגט צו מיר אַ ייד פון אַ קליין געסל

בײַ דער „הבימה" אין תל־אביב: „איך האָב זיך דאָ באַזעצט ווײַל עס איז געווען אײן שפּאַן פון אַ פּרדס און אַרום מיר האָבן געבליט מאַנדלבײמער. הײַנט פּאַרקן דאָ אויטאָס און די הײַזער דערהײבן זיך ביז זעקס און אַכט שטאָק". ער קוקט אויף מיר מיט פאַרחלומטע אויגן און מיט דעם באַדויער, וואָס איז אַזוי דיכטעריש.

אַ באַקאַנטער פון שכונת בורוכוב, לעבן גבעתיים, דערצײלט מיר: „איך בין אַהער געקומען וווינען מיט פינף און דרײַסיק יאָר צוריק, ווײַל כ'האָב געוואָלט האָבן מײַן גערטנדל, מײַן ווײַנשטאָק. איצט זעט וואָס איז דערפון געוואָרן". איך האָב אויפגעהויבן מײַן בליק און געזען גאַסן מיט פירשטאָקיקע הײַזער, מיט געשעפטן, מיט גרויסע מאַגאַזינען און רײען פיקוסבײמלעך, פריש אײַנגעפלאַנצטע, בײַ די ראַנדן פון די טראָטואַרן. פון דער שכונה איז געוואָרן אַ שטאָט. נישטאָ מער קײן פרײַע פעלדער. די שטאָט ציט זיך ביז תל־אביב. יעדע פאָר מינוט לויפט דורך דאַנען אַן אויטאָבוס, דירעקט צום מוגרבי־פּלאַץ.

אַ חלום איז צעשטערט געוואָרן, ווײַל די וואָר האָט זיך אויפגעוועקט מיט אַן אימפּעטיקן כוח. מען הערט אין די פאַרטאָגן דעם גערויש פון שווערע לאַסטוועגענער, וואָס לאָדענען בעטאָנבלאָקן, בוי־אײַזנס, זעק מיט צעמענט און בולדאָזערס רײַשן אַן אויפהער ביז טיף אין פּאַרנאַכט אַרײַן. עס פאַלן בײמער, וועלכע זענען געפלאַנצט געוואָרן מיט אַ דרײַסיק יאָר צוריק, עס קראַכן אונטער די קלעפּ פון העק און אויטאָמאַטישע זעגן הונדערט־יאָריקע סיקאָמאָרן, עס פאַלן־אײַן ציפּרעסבײמער, שורה־ווײַז — די „וועכטער" פון גערטנער און פּרדסים, וועלכע עקזיסטירן שוין נישט. בײַם גראָבן די פונדאַמענטן צו די נײַע הײַזער, טרעפט מען נאָך אַן אויף וואָרצלען, מען טרעפט נאָך ערגעץ ווו אַ פּרימיטיוון ברונעם און שטיקער פון די אויסגעפלאַסטערטע וואַסער־קאַנאַוועס, וועלכע זענען אויסגעטרוקנט געוואָרן, ווײַל „מקורות" האָט אויפגעשטעלט אַזעלכע מעכטיקע וואַסער־פּאָמפּעס, וועלכע פירן איבער די וואַסערן פון די טיפסטע אונטערערדישע קוואַלן פון שרון, פון גליל, פון ירדן, טאָ וווער דאַרף האָבן דאָס נעבעכדיקע טיקטאַקן פון אַ מאָטאָר בײַ עפּעס אַ ברונעם פון אַן אָפּגעשטאָרבענעם פּרדס?

און דאָך, טראָגט זיך אַרום דער ריח פון בליענדיקע פּרדסים! ער דערוואַכט מיט אַן עקשנות אין חודש ניסן גראָד אויף די ערטער, ווו עס האָבן זיך אַמאָל געפונען פּרדסים!

*

איך האָב באַזוכט די פּרדסים פון שרון. איך האָב שוין פאַרבראַכט צווישן די לאַנגע גלייכע שורות מאַראַנצן־ביימער אַרום רחובות, נס־ציונה און ראשון לציון. איך האָב געזען ווי די בליונג און די רייפקייט באַגעגענען זיך. די פּירות זענען שוין רייף און לעבן די רייפע מאַראַנצן בליִעכץ פון דעם נייעם יאָר. אויף דעם זעלביקן צווייג טרעפן זיי זיך, די רייפקייט און דער אָנזאָג פון די נייע פּירות. מען טרעפט מער נישט די אַרבעטער מיט די פּיאַשן, די וועלכע האָבן געגראָבן קאַנאַוועס פאַר באַוואַסערונג, די וועלכע האָבן ביזן זיבעטן שוויס געהאַקט די פאַרשטיינערטע ערד אַרום די מאַראַנצן־שטאַמען. עס איז דאָ קיל, שטיל און איך בין דער איינציקער שפּאַצירער אין די לאַנגע ביימער־אַלייען. זיי זענען רחובותדיק, גוט געפּלעגט, גוט באַוואַסערט און אָפּגעהיטן פון געניטע הענט. עס איז נישט קיין חידוש: די פּרדסים ווערן באַאַרבעט לויט די נייעסטע מעטאָדן, מיט טראַקטאָרן, מיט ספּעציעלע מאַשינען, זיי ווערן באַוואַסערט דורך אַ ספּעציעלן רעגן פון אַ וואַסער־אינסטאַלאַציע. די ווילדגראָזן ווערן באַזייטיקט דורך פאַרשידענע מיטלען, די פּירות ווערן צונויפגעזאַמלט מיט דער הילף פון די סאַמע מאָדערנסטע אינסטרומענטן. זיי ווערן אויפן אָרט סאָרטירט, פאַרפּאַקט און אָפּגעשיקט צום פּאָרט. די פעלדער זענען גרין, די גערטנער בליען, די פּיש־אָזערעס זילבערן זיך און גאָלדיקן זיך און די ציפּרעסן טונקלען זיך שורה נאָך שורה שאַפּנדיק אין דער לאַנדשאַפט געאָמעטרישע ליניעס. עס דערמאָנט אין דער „קוביסטישער מאָלעריי”, נאָר מיט קאָלירן פרישע, זאַפטיקע, עכטע, אַזוי עכט ווי עס איז דאָס גרינע פעלד, דער בלויער הימל און דאָס געלייטערטע זילבער פון די ביימער־שטאַמען און דאָס גאָלד, וואָס פליסט אין דער לופט.

*

אין ישראל קומט איצט פאַר „דאָס טוישן זיך פון דער וואַך". איין דור גייט אַוועק און דער צווייטער דור, דער יונגער, פאַרנעמט זיין אָרט. אין אַלע אַנדערע לענדער איז דער אומבייט פון דורות כמעט אַן אומזע־עוודיקער, ווייל אַלט און יונג איז אויסגעמישט.

די הסתדרות, די קיבוצישע באַוועגונג, די הגנה, דאָס אַלץ איז אויפ־געקומען אין איין צייט און די שעפער און בויער האָבן געהערט צו איין דור. זיי האָבן געלייגט דעם יסוד פון דער מדינה און זיי זענען דאָס געווען די ערשטע כנסת־מיטגלידער און די ערשטע שרים.

די שעפער פון דער נייער העברעיִשער ליטעראַטור האָבן אויך געהערט צו איין דור: דער דור פון ביאַליק און טשערניכאָווסקי, פון פיכמאַן און אשר באַראַש, פון עגנון און הזז, פון למדן און שלאָנסקי. אַזוי איז אויך געווען אין דער מאָלעריי און אין דער טעאַטער־קונסט.

דער דור פון בויער, פון יסוד־לייגער, דער דור פון ראשונים, איז ביי אונדז אַוועק מיט איין מאָל. עס זענען נאָך געבליבן יחידים. זיי זענען שוין זקנים, די יונגערע פון זיי, וועלכע האָבן מיטגעמאַכט דעם וווּנדער־לעכן אויפגאַנג פון דער ישראלדיקער ווירקלעכקייט, זענען שוין גאָר נישט יונג. מען זעט זיי, די גרויע קעפּ, אויבן־אָן אויף פייערלעכע אסיפות.זיי פאַרנעמען נאָך אַנפירנדיקע ערטער אין דעם פּאָליטישן און פּאַרטייאישן לעבן פון לאַנד. דער יונגער דור קומט אויף. ער שטייט ביי דער שוועל און באַלד וועט ער איבערנעמען די לאַסט, וואָס ליגט נאָך אויף געעלטערטע פּלייצעס.

יונגשאַפט איז פאַראַן נאָר אין די אַנפירער־קאַדרען פון צבא הגנה לישראל. דאָ איז אַלץ נאַטירלעך, וואָרעם הגנה איז געווען יונג און פּלמ"ח נאָך יונגער. די אָפיצירן פון צה"ל געהערן צו די סאַמע יונגסטע פון אַלע אַרמייען. זאָגן אַז מען לאָזט נישט צו די יוגנט צו פּאַרטיי־אַנפירונג אָדער צו מלוכהשע פּאָזיציעס, וואָלט געווען נישט ריכטיק. עס איז פאַראַן אַ קריזיס צווישן אַלט און יונג און דער קריזיס איז אַ שאַרפער ווייל דער פּראָבלעם פון וואָרטע־אויסטויש האָט זיך געשטעלט מיט איין מאָל, אַזוי ווי פּלוצעם, אַזוי ווי עס וואָלט געמאַכט געוואָרן אַ שטריך פון איין תקופה צווישן דער אַנדערער. עס איז נישט דאָס אַריינוואַקסן פון דור אין דור,

נאָר אַן אומבייט פון דורות, וואָס קומט פאָר ווי אומגאַטירלעך אין אין צייטאָפּשניט.

✶

באַזונדערס פילט מען דאָס אָפּ אין דער העברעיִשער ליטעראַטור. עס זענען אַוועק אין פאַרלויף פון די לעצטע יאָרן די סאַמע באַדייטנדיקסטע, די סאַמע וויכטיקסטע שעפער פון דער נייער העברעיִשער ליטעראַטור. די יונגע האָבן זיך נאָך נישט געהאַט צוגעגרייט צו טראָגן דעם עול און האָבן זיך נאָך נישט געהאַט אויסגעפורעמט צו פאַרנעמען די ערטער פון די ראשונים. נאָך ביאַליקן, נאָך טשערניכאָווסקי, נאָך דוד שמעוני און נאָך יצחק למדן איז נישט געקומען קיין העברעיִשער משורר, וואָס זאָל זיי ירשנען. נאָך אַזעלכע דערציילער ווי עגנון, ווי באַראַש, ווי בערקאָוויטש, ווי שנהר, דבורה באַראָן, הזז זענען נאָך נישט אויפגעקומען נייע יונגע דער־ציילער, וועלכע זאָלן ווייטער ממשיך זיין די עברית־פּראָזע אין דעם פאַרנעם ווי זייערע פאָרגייער.

דער זעלביקער קריזיס פילט זיך אָפּ אויך אין טעאַטער. די גרויסע „הבימה״־קינסטלער האָבן כמעט אין איין צייט פאַרלאָזט די בינע. אויף זייער אָרט איז געקומען אַ נייער דור, אַ יונגער, אַ טאַלאַנטירטער, אָבער אויסגעשטעלט נאָר אויף זיך אַליין. זיי האָבן נישט מיטגעמאַכט דעם צוזויפלעבן זיך פון דורות, נאָר זיי זענען געקומען ווייל דער אַלטער אַקטיאָר האָט מער נישט געקענט באַוועגן זיך אויף דער בינע...

דאָס זעלביקע איז איצט אין דער ישראלדיקער וויסנשאַפט. נישטאָ קיין אַלטע, גרויע פּראָפעסאָרן. אַ דור איז מיט איין מאָל אַוועק ווייל ער איז געקומען מיט איין מאָל און אין איין צייט. דער נייער דור וויסנשאַפט־לער זענען סאַברעס און עולים. זיי האָבן שטודירט אין קעמברידזש, אין האַרוואַרד, אין באָסטאָן, אין דער סאָרבאָנע. דער פריערדיקער דור האָט שטודירט אין בערלין, אין היידלבערג, אין פּעטערבורג און אין קראָקע. איצט קומט אויף אַ דור, וואָס האָט שטודירט אין ירושלים. ער נעמט איבער די קאַטעדרעס און ער פאָרמירט דאָס גייסטיקע פּנים פון דער ישראלדיקער וויסנשאַפט.

✶

די מאָלעריי איז געבליבן אויסגעשטעלט אויף אַלע שטראָמען פון דער וועלטס פיר עקן. פון דער מעלאָדראַמאַטישער נאָסטאַלגיש־זיסלעכער לאַנדשאַפטס־מאָלעריי און חלוצים־אילוסטראַציע, ווי אַן עכאָ פון דער רו־סישער מאָלעריי פון נײַנצנטן יאָרהונדערט, ביז די סאַמע געוואַגטסטע אַבסטראַקטע קאָמפּאָזיציעס און צו פּאָפּ־אַר און צו שגעונדיקע דעפאָרמאַציע פון קונסט בכלל. אַ היפּער־מאָדערניזם, וואָס וויל איבערשטײַגן די סאַמע מאָדערנסטע טריקן און אײַנפאַלן פון פּאַריז און ניו־יאָרק. אַזוי ווי ישראל איז וואַכיק פאַר די נײַעסטע דערגרייכונגען אין דער וויסנשאַפט, אין דער טעכניק, אין דער בוי־אינדוסטריע, אַזוי איז מען אויך פילעוודיק פאַר אַלע קונסט־שטרעמונגען און זיי געפינען אין ישראל גאָר גיך ענטוזיאַסטן, וועלכע שטײַגן איבער מיט געוואַגטקייט און דעקאָמפּאָזיציע אַפילו די סאַמע געוואַגטסטע מאָדערניסטן און אַבסטראַקציאָניסטן פון דער גרויסער וועלט. זאָל מען נישט זאָגן, אַז מיר זענען פּראָווינציאַלן...

היות מיר האָבן אין ישראל כמעט ווי נישט געהאַט קיין מאָלעריי פון מייסטער, וועלכע זאָלן גיין אין די וועגן פון די אימפּרעסיאָניסטן, און פון די שולן וועלכע עס האָט געהאַט פראַנקרײַך, ווי די קינסטלער פון „פּאָנ־טענבלאָ", פון „באַרביזאָן", אָדער פון „מאַרסיי", זענען מיר תיכף אַרײַנגע־שפּרונגען אין דער היפּער־מאָדערנער מאָלעריי נישט שאַפנדיק פריער אַ יסוד־מאָלעריי. יונגע מאָלער האָבן נישט געאַרבעט אין די אַטעליעס פון אַלטע מאָלער. דער דור, וואָס איז איצט אויפגעקומען, איז באַהערשט פון די שטראָמען, וועלכע רײַסן זיך אַרײַן פון אויסלאַנד. עס איז גענוג צו באַזוכן עטלעכע צענדליק גאַלעריעס אין ישראל, כּדי צו באַנעמען אַז דער כאַאָס איז אַ טייל פון דעם קריזיס וואָס עס מאַכט דורך דאָס לאַנד, ווײַל איין דור איז נישט אַרײַנגעוואַקסן געוואָרן אין צווייטן דור אַרײַן. דער שאַרפער אויסטויש פון צוויי תקופות האָט געטראָפן די יונגע נאָך נישט צוגעגרייט צו איר שליחות.

*

גרייט זענען אָבער די שאָסיי־פּלאַסטערער, די קיבוצניקעס, די בוי־אַרבעטער און די שעפער פון דער ישראלדיקער אינדוסטריע. ווונדער האָט

באַוויזן דער ישׂראלדיקער אַרבעטער. זיינע טעכנישע קענטענישן פאַרחידושן אַלעמען. די פאַבריקן פון עלעקטראָנישע אויסאַרבעטונגען, די שטאָל־גיסערייען, די לייכטע אינדוסטריע, די בוי־אונטערנעמונגען, די נעץ פון דער קאָאָפּעראַטיווער באַוועגונג, דער אינעווייניקסטער האַנדל און דער אויסלענדישער האַנדל, עקספּאָרט און אימפּאָרט, די טעכנישע וויסנשאַפטן, די נייע דערגרייכונגען פון דער ישׂראלדיקער געווער־פּראָדוקציע און דער אַוויאַציע — דאָס אַלץ איז אויפגעקומען אין פאַרלויף פון אַ פערטל־יאָר־הונדערט און דעראָבערט נישט בלויז פּרעסטיזש — נאָר צוגעטראָגן אַ וויכטיקן חלק צו דער וויסנשאַפט, צו דער טעכניק און דער אינדוסטריע פון אונדזער תּקופה.

עס איז גענוג צו שפּאַצירן איבער די גאַסן און געסלעך פון די דרום־קוואַרטאַלן פון תּל־אביב און יפו און זען די קליינע וואַרשטאַטן פון מעטאַל־טאקעריי, פון סטאָלעריי, פון שוסטעריי, פון אויסאַרבעטן טיילן פאַר מאַשי־נען, פון שניידעריי, ווי מען מוז בלייבן דערשטוינט פאַר דער אומגעוויינט־לעכער ענערגיע, אַרבעטזאַמקייט, איניציאַטיוו פון די אונטערנעמער און אַרבעטער.

מען פילט, אַז אין די ענגע וואַרשטאַטן איז קאָנצענטרירט אַזאַ כּוח, וואָס קען ממש מיט אַ וווּנדערקראַפט באַדינען הונדערטער טויזנטער אָפּנעמער. די קליינע וואַרשטאַטן קענען צושטעלן זייער פּראָדוקציע נישט בלויז פאַרן געברויך פון לאַנד— נאָר אויף עקספּאָרט פאַר די סאַמע אַנט־וויקלטסטע לענדער, וואָרעם זיי שטייגן איבער אי מיט דער קוואַליטעט און אי מיט דער צוגענגלעכקייט פון די פּרייזן.

הונדערטער, טויזנטער געוועלבער און סחורה־לאַגערן, ענגע, קליינע, אין די זייטיקע געסלעך צווישן יפו און תּל־אביב, קענען פאַרוואָרפן מיט סחורה די מערק פון גאַנצן אָריענט. זאָלן זיך נאָר עפענען די גרענעצן מיט די שכנים, און זאָל נאָר קומען דער געגאַרטער שלום.

דאָ הערט מען דעם גערויש און דעם געברום פון מאָטאָרן, דאָס זעגעריי פון אויטאָמאַטישע זעגן און דאָס טיקטאַקן פון די גייעסטע מאַשינען פון דער לעצטער מאַרקע. און אַז עס שלאָגט אויס די פאַרנאַכטיקע שעה

ווען די אַרבעט שטעלט זיך אָפּ — דערהערט מען פון ערגעץ נישט ווייט דאָס טרויעריק־פאַרבענקטע געוויין פון אַ מוילאייזל.

*

ווען איך בין געפאָרן קיין לוד, אויפן וועג צו מיין אַעראָפּלאַן, וואָס זאָל מיך פירן קיין פּאַריז, האָב איך געזען ווי עס לויפן פאַרביי הונדערטער אויטאָס און אויטאָבוסן פון אַלע וועלטמאַרקעס. יעדע פּאָר מינוט האָט זיך אויפגעהויבן אַן אַעראָפּלאַן. „עס איז היינט אַן אויסערגעוויינטלעכער טאָג פאַר דעם פליפעלד. עס זענען אָנגעקומען פיל פּאַסאַזשיר־אַעראָ־פּלאַנען און עס פליִען אַוועק טויזנטער טוריסטן. זעט די באַוועגונג" — האָט מיר געזאָגט דער שאָפער. טויזנטער פּאַסאַזשירן וואַרטן געדולדיק. עס איז אָבער צו פילן די האַנט, וואָס רעגולירט אַלץ און דאָס אויג, וואָס וואַכט.

מיין רייזע איז געקומען. איך גיי איבער דעם הייסן אַספּאַלט פון דעם פליפעלד צום אַעראָפּלאַן. און מיט אַ מאָל בלייב איך שטיין, ווייל דער ריח פון בליענדיקע פּרדסים האָט מיך פאַרהילט. איך אָטעם איין טיף און פיל אויף מיין גומען דעם טעם פון מאַראַנצן און די זיסקייט פון האָניקזאַפט.

ווען דער אַעראָפּלאַן מאַכט דעם ערשטן קרייז לויכט אויף תל־אביב מיט אַלע אירע ליכטער. מיר פליִען נידעריק און איך דערקען דעם „הבימה פּלאַץ", דעם כּיכּר דיזענגאָף און דעם ים־ברעג. איך זע ווי שיין עס שפּרייט זיך יפו, גבעת־עליה, בת־ים, גבעתיים, רמת־גן — דאָס איז איין גרויסע שטאָט, וואָס מיניעט מיט מיליאָנען ליכטער, זי טראָגט אין זיך דעם אָנזאָג פון די נאָך נישט אַנטפּלעקטע וווּנדער פון יידישן געניוס.